STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06281

IDN AMOL UN HAYNT

Hyman B. Bass

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. בעז (בעזפּראָזוואַני)

אידן אַמאָל און היינט

באַנד איינס

די ערשטע טויזנט יאָר

(פון די וואַנדערונגען אין מדבר ביז גלות בבל)

לערן־ און אַרבעט־בוך פאַר אידישער געשיכטע

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון בילדונגס־קאָמיטעט
פון אַרבעטער־רינג

פאַרלאַג ח. בושאַזאַ, װאַרשע, 1937

Copyright 1937 by H. Bass, New York
Printed in Poland

H. Bass: Jidn amol un hajnt
Wydawnictwo Ch. Brzoza, Warszawa.
Druk. „Grafia", W-wa, Nowolipki 7, tel. 11.87-52

1. אונזערע עלטער-עלטער-זיידעס – די ערשטע אידן

וואַנדערער פון מדבר

אונזערע עלטער-עלטער-זיידעס – די ערשטע אידן.

ווייט, ווייט אַוועק פון אונז, איבער בערג און טאָלן, איבער טיפע וואַסערן און ימען (יאַמען), ליגט אַ לאַנד פון זאַמד און הימל. זאַמד אונטער די פיס און אַ בלויער הימל איז אויסגעשפּרייט פון אויבן.

בייטאָג איז שרעקלאַך הייס, די זון ברענט, ווי אַ פייער. ביינאַכט איז קאַלט, פאַרפרוירן צו ווערן...

מיט דריי טויזנט און דריי הונדערט יאָר צוריק, און אפשר מער, האָבן אין יענעם לאַנד געלעבט אונזערע

עלטער–

עלטער–

זיידעס——

די ערשטע אידן...

האל ב־הונגעריקע האָבן זיי אומגעוואַנדערט אין די אָאַזיסן פון מדבר (מידבער), זוכנדיק גראָז פאַר זייערע שעפּסן און ציגן. פאַרבלייבן לאַנג אויף איין אָרט האָבן די וואַנדערער ניט געקענט. ווי נאָר די שאָף פלעגן אויפעסן דאָס גראָז פון די לאָנקעס, אַזוי האָבן זיך די פאַסטוכער געמוזט ווייטער לאָזן אין וועג אַריין צו געפינען נייע פיטער־פּלעצער.

אויסער שעפּסן און ציגן האָבן די ערשטע אידן ווייניק וואָס פאַרמאָגט. די שאָף זיינען געווען זייער גאַנצע עשירות (אַשירעס). אָן שעפּסן און ציגן וואָלטן די וואַנדערער אין דער מ ד ב ר (מ י ד ב ע ר) אומגעקומען...

ווי האָט מען געלעבט?

פון די ציגן האָבן די וואַנדערנדיקע פאַסטוכער געהאַט מ י ל ך (האַלב־זויערן ציגן־מילך), פון מילך האָט מען אויך געמאַכט קעז. אין די אָאַזיסן פון מדבר זיינען געוואַקסן פייגן־ביימלאַך.

וואַנדערער

מילך און געטריקנטע פייגן זיינען ביי די וואַנדערער געווען אַ באַליבטער מאכל (מייכל).

פּ ל י י ש האָבן די אַמאָליקע אידן געגעסן זעלטן. ס'איז אַ שאָד געווען די שעפּסן! ניט אַלעמאָל האָט זיך אַ וואַנדערער געקענט פאַרגינען קוילען אַ שעפּס און פאַרזוכן דעם טייערן ביסן. זיינע שעפּסן האָט דער פאַסטוך געמוזט אָפּהיטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ! וואָרום, וואָס האָט דען אַ וואַנדערער ניט געהאַט פון זיינע שעפּסן?

פרילינג־צייט האָט ער די שעפּסן

אָפּגעשוירן און דאָס וואָל פאַרקויפט צו די פּויערים אין די דער־פער ביים ראַנד פון מדבר, אויסגעביטן דאָס וואָל אויף ברויט, אויף ווייצן־קערנער, אויף גערשטן. פון דעם וואָל האָט זיך דער פאַסטוך אויך געמאַכט קליידער פאַר זיך, פאַר דער ווייב און פאַר די קינדער. קוילעט מען אַ שעפּס, איז שוין אָבער פאַרפאַלן, אויס שעפּס, האָדעוועט ער זיך אָבער, איז פאַראַן וואָל יאָר־יערלאַך און יונגע שעפּסעלאַך, וואָס קומען־צו יעדן פרילינג.

פּויערים און וואַנדערער

מיט די פּויערים פון די דערפער האָבן די וואַנדערער ניט געלעבט בשלום (בעשאָלעם), כאָטש אויסקומען אָן זיי וואָלט די וואַנדערער געווען שווער. בייזע מענטשן די פּויערים! דער וואַנ־דערער האָט זיי ניט ליב געהאַט, פונדעסטוועגן האָט ער פון צייט צו צייט באַדאַרפט די טובה (טויווע) פונם פּויער.

אין מדבר פלעגן אָפטמאָל די וואַסער־גריבער אויסגעטריקנט ווערן, און וואו האָט זיך דער וואַנדערער געקענט קערן און ווענדן, אויב ניט צו די פעלדער פון די פּויערים? דורך די פּויערישע פעלדער האָבן זיך געצויגן דינע טייכלאַך, וואַסער־קוואַלן האָבן אַרויסגעשלאָגן פון דער ערד... די פּויערים האָבן ניט געוואָלטליידן דאָס אָנקומען פון די פּאַסטוכער און פלעגן די וואַנדערער פאַרטרייבן. ס'פלעגט אויסברעכן אַ קריגעריי...

אָן אַנדערש מאָל פלעגט מען אָבער אויך אויסקומען מיט גוטן, קויפן ביים פּויער, דינגען, ניט אָפּנעמען מיט גוואַלט. דאָס איינציקע, וואָס דער וואַנדערער האָט געקענט פאַרקויפן, איז גע־ווען וואָל. דער וואַנדערער האָט דעריבער טייער געהיט זיינע שאָף!

הייזער און געצעלטן

קיין הייזער האָבן אונזערע עלטער־עלטער־זיידעס, די ערשטע אידן, ניט געבויט; זיי האָבן געלעבט אין געצעלטן.

אַז מען וואַנדערט פון איין אָרט צו דעם אַנדערן, קען מען ניט בויען קיין שטענדיקע היימען. אַ געצעלט שטעלט מען אויף איינס־צוויי, און אַז מען באַדאַרף זיך ווייטער לאָזן אין וועג, לייגט מען דאָס געצעלט צונויף.

אינגאַנצן זיינען די געצעלטן באַשטאַנען פון לאַנגע דראָנגען (שטעקנס) אַריינגעשלאָגן אין דער ערד און פון גרויסע צונויפגע-נייטע פעלן פון שעפסן און ציגן.

די פעלן און די דראָנגען פלעגן די וואַנדערער אַרויפלייגן אויף די קעמלען און זיך ווייטער לאָזן אין וועג.

איידער וואָס ווען

צו פאַרשטיין נייע זאַכן ביים לערנען מוז מען וויסן נייע ווערטער

פאַרן ווערטער-ביכל

דאָ זענען עטלאַכע ווערטער, וואָס עס קען זיין, אַז דו ווייסט נאָך ניט:

1. אפשר (עפשער)
2. אַאַזיס
3. עשירות (אַשירעס)
4. מדבר (מידבער)
5. מאכל (מייכל)
6. טובה (טויווע)
7. דראָנגען — הויכע, דינע שטעקנס
8. מלוכות (מעלוכעס)
9. כנען (קנאַאַן)
10. מקנא (מעקאַנע)
11. פיטער-פּלעצער
12. בשלום (בעשאָלעם)

די זעלבע זאַך הייסט אַנדערש

ניט פאַרגינען יענעם	הייסט אַנדערש	.........זיין
העלפן עמיצן	" "	טאָן יענעם אַ.........
רייכקייט	" "	....
עס קען זיין יע און עס קען זיין ניט	" "	....
אַ געשמאַקע זאַך צום עסן	" "	....
פּאַלעסטינע	האָט אַמאָל געהייסן	....
אַ וויסטעניש	הייסט אַנדערש	אַ..........
הויכע, דינע שטעקנס	הייסן אַנדערש	....

געאַרבעט און געטאָן

פאַר דעם, וואָס קען, איז דאָס ניט שווער.

שטעל אַריין די פאַרפעלטע ווערטער.

די ערשטע אידן זיינען געווען .... זיי האָבן געוואַנדערט אין .... קיין סך צייט פאַרברענגען אויף איין אָרט האָבן זיי ניט געקענט, ווייל זיי האָבן כסדר (קעסיידער) געדאַרפט זוכן .... און .... פאַר די שעפסן.

קיין הייזער האָבן די .... ניט געבויט. זיי האָבן געלעבט אין ...., די הויפט־שפייז פון די פאַסטוכער איז געווען.............. און ....

שטרייך אונטער דעם ריכטיקן ענטפער.

די אַמאָליקע אידן האָבן געגעסן פלייש: זייער אָפט, זייער זעלטן יעדן טאָג.

מיט די פויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן די אידן: אַלעמאָל געלעבט בשלום, פון צייט צו צייט זיך געקריגט, קיינמאָל גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָ

אין מדבר איז: אַלעמאָל הייס, אַלעמאָל קאַלט, בייטאָג איז הייס, ביינאַכט איז קאַלט.

פאַרן ווערטער־ביכל

מדבר	____	טבע	____	טובה	____
עשירות	____	כסדר	____	בשלום	____

פאַרענדיק די זאַצן

פלעכט אַריין די ווערטער פון דער פריערדיקער אַרבעט:

די ערשטע אידן האָבן . . . . די שאָף זיינען געווען די גאַנצע . . .

די וואַנדערער האָבן געמוזט . . . די פאַסטוכער האָבן . . .

איידער דו לייענסט ווייטער

געפין אויס און פאַרשרייב די באַדייטונג פון די ווערטער:

באַפעלקערונג	סטעפ	מלוכות (מעלוכעס)
מלאכה (מעלאָכע)	סטעפעס	דור (דאָר)
קונסט	מלוכה (מעלוכע)	לעבנשטייגער

2. די וועלט מיט דריי-פיר טויזנט יאָר צוריק

די ערשטע אידן זיינען ניט געווען די ערשטע מענטשן אויף דער וועלט. ווען אונזערע עלטער-זיידעס האָבן נאָך געוואָנדערט האַלב-הונגעריקע און האַלב-נאַקעטע אין דעם לאַנד פון זאַמד און הימל, זיינען שוין געווען גרויסע פעלקער און שטאַרקע מלוכות (מעלוכעס) אויף דער וועלט.

ביי די ברעגן פון די טייכן, וואו די ערד איז געווען פעט און די פעלדער גרין פון גראָז, האָבן שוין מענטשן פון לאַנג, אפשר פון טויזנטער יאָרן, געלעבט אין שטעט, פאַרמאָגט געצייג, געקענט שרייבן, געבויט שיינע הייזער, פאַלאַצן, געגראָבן קאַנאַלן.

אידן האָבן נאָך אין יענער צייט געציילט אויף די פינגער, אפשר ניט מער ווי ביז צען, געלעבט אין געצעלטן פון פעל, געהאַט מעסערס פון שטיין, אומגעגאַנגען באָרוועס...

די פעלקער פון דער אַלטער וועלט, די עגיפּטער, די באַבילאָניער, די כנענים (קנאַאַנים), זיינען געווען פיל עלטער פון די אידן.

דאָס לאַנד ביים טייך ניל

עגיפּטן איז געווען זייער אַ שיין לאַנד, רייך מיט ווייץ, גערשטן, פלאַקס, פאַלמען-ביימער און פאַפּירוס-געוויקסן. (אונזער וואָרט פאַפּיר שטאַמט טאַקע פון עגיפּטישן פאַפּירוס, וואָרום אויף די בלעטער פון פאַפּירוס-געוויקס פלעגן די עגיפּטער שרייבן, ווי מיר שרייבן אויף פאַפּיר).

די מזל-ברכה (מאַזל-בראָכע) אין לאַנד איז געקומען פון עטלאַכע זאַכן: פריער ווי אַלץ איז דאָס געווען דער טייך ניל, וואָס פלעגט זיך יעדן יאָר פאַנאַנדערגיסן, אַרויס פון די ברעגן און פעט מאַכן די ערד אַרום.

כדי (קעדיי) די פאַרפלייצונג זאָל ניט פאַרטרינקען דאָס לאַנד און דאָס וואַסער זאָל דערגרייכן אומעטום, אין אַלע ווינקעלאַך, האָבן די עגיפּטער זייער פרי גענומען בויען קאַנאַלן. בויען

קאנאלן קען מען אָבער ניט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, מען באַדאַרף פריער אַלצדינג גוט אויסרעכענען. די עגיפּטער זע־נען טאַקע געווען די ערשטע גוטע אינזשענערן און די ערשטע מאַטעמאַטיקער.

די צייט פון שטיין און די צייט פון בראָנז

שוין מיט אַכט טויזנט יאָר צוריק האָבן זיך מענטשן דער־קליבן צו די טאָלן ביים ניל און גענומען בויען קליינע דערפ־לאַך. די פּויערים אין די דערפלאַך האָבן געזייט תּבואה (טוואוע) און זייער אַ סך פלאַקס; פון פלאַקס פלעגן זיי שפּעטער אויס־אַרבעטן לייוונט. דאָס איז נאָך געווען אין דער צייט, ווען מענטשן האָבן ניט געוואוסט פון קיין מעטאַלענע געצייג און אַלע געצייג זענען געווען פון שטיין. ערשט מיט אַ וועלכע פיר טויזנט יאָר שפּעטער האָבן די עגיפּטער גענומען באַנוצן העק און מעסערס און האַמערס פון בראָנז. אייזן איז געווען אַ גאָר שפּעטערע דערפינדונג.

די קונסט פון שרייבן

ביסלאַכווייז זיינען די עגיפּטישע דערפער געוואָרן גרעסער און וואָס איז נאָך וויכטיקער, זיי האָבן זיך גענומען פאַרבינדן צווישן זיך, האַנדלען צווישנאַנאַנד. מיט אַן ערך 5000 יאָר צוריק איז שוין אין עגיפּטן אויפגעקומען די באַדערפעניש צו קענען שרייבן. מענטשן האָבן געדאַרפט פאַרשרייבן וויפל תּבואה (טוואוע) זיי האָבן אַראָפּגענומען פון די פעלדער, וויפל זיי האָבן אַוועקגע־שיקט אין דער פרעמד צו פאַרקויפן, וויפל זיי האָבן אויסגעליען. מענטשן האָבן אויך געוואָלט פאַרשרייבן וויכטיקע פּאַסירונגען פון היינט און פון אַמאָל.

ס'איז אויך אויפגעקומען די באַדערפעניש צו שרייבן בריוו און פאַרצייכענען אָפּמאַכן. אין אַלטן עגיפּטן איז טאַקע אויפגעקומען, פריער ווי אַנדערשוואו, די קונסט פון שרייבן. אמת, ס'איז ניט געווען אַזאַ לייכטער אופן פון שרייבן ווי מיר פאַרמאָגן, אָבער אַן אָנהייב איז דאָס געווען אַ גוטער. יעדער אָנהייב איז שווער און עס דאַרף אונז דעריבער ניט וואונדערן, וואָס אין אַלטן עגיפּטן האָבן אַמאָל בלויז זייער געלערנטע מענטשן

געקענט שרייבן. אויסלערנען זיך שרייבן האָט גענומען זייער פיל יאָרן.

די שרייב־קונסט האָט אויפגעטאָן אומגעהייער פיל פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד, אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז דאָס געווען איינע פון די סיבות (סיבעס), פאַרוואָס עגיפּטן איז אַוועק פיל ווייטער אין איר אַנטוויקלונג ווי די אַנדערע פעלקער

גרויסע שטעט

אין עגיפּטן האָט דער טייך ניל נאָך איין וויכטיקע זאַך אויפגעטאָן: ער האָט געגעבן די מעגלאַכקייט, אַז עס זאָלן אויפקומען שטעט מיט גרויסע באַפעלקערונגען. דאָס פונאַנדערגיסן זיך פונם ניל האָט פאַרשפּאָרט די אַרבעט פון הונדערטער טויזנטער מענטשן און אָנשטאָט די גאַנצע באַפעלקערונג פון לאַנד זאָל אַקערן און זייען און שניידן, האָבן זיך טייל מענטשן געקענט פאַרנעמען מיט אַלערליי מלאכות (מעלאָכעס) און קונסטן. דאָס מענטשלאַכע לעבן איז געוואָרן פרייער און גליקלאַכער. וואָס איין דור (דאָר) האָט אויפגעטאָן איז שוין מער, אַדאַנק דער שרייב־קונסט, ניט געגאַנגען צו גרונט; יעדער נייער דור האָט נישט באַדאַרפט אָנהייבן פון אָנהייב. פון יאָר צו יאָר איז אַלץ צוגעקומען מער וויסן, עס זענען צוגעקומען אַלץ נייע דערפינדונגען. איז טאַקע אַ וואונדער, פאַרוואָס די אַלע פעלקער פון דער אַלטער וועלט האָבן געוואָלט האַנדלען מיט עגיפּטן, אָדער האָבן זי געוואָלט באַצווינגען? איז דען אויך אַ וואונדער, פאַרוואָס די פאַסטוכער פון די אַרומיקע סטעפּעס האָבן זיך געוואָלט אַריינקלייבן אין לאַנד פון די פּיראַמידן? עגיפּטן איז געווען דאָס וואונדערלאַנד פון דער אַלטער וועלט.

דאָס לאַנד צווישן די צוויי טייכן

אַביסל שפּעטער, אָדער אין איין צייט מיט עגיפּטן, האָט זיך אַנטוויקלט אַן אַנדער לאַנד — ב אַ ב י ל אָ נ י ע, אַ לאַנד צווישן צוויי טייכן, ט י ג ר י ס און י ע פ ר אַ ט ע ס.

אויך באַבילאָניע איז געווען זייער אַ פרוכטבאַר לאַנד, ווייל די צוויי טייכן פלעגן גוט באַוואָסערן די ערד, איז די גערעטעניש דעריבער אַלעמאָל געווען זייער אַ גרויסע. פונקט ווי די עגיפּטער

עגיפטישער לעבנשטייגער



דער סטאָלער מאַכט אַ שטול.



שוסטעריי.

האַנדל.

מען פּרעזערווירט פלייש אין זאַלץ.

האָבן אויך די באַבילאָניער געמוזט בויען קאַנאַלן און דאָס האָט מענטשן געלערנט ווי אַזוי צו אַרבעטן צוזאַמען. (יעדער איינער באַזונדער איז שוואַך און קען ווייניק אויפטאָן, אָבער צוזאַמען איז מען שוין שטאַרקער און מען קען פיל מער דערגרייכן.)

ווייץ, פון וואָס מען מאַכט ברויט, איז דער וויכטיקסטער דער־נערונג־שטאָף פאַרן מענטשן. ס׳איז די וויכטיקסטע פון אַלע תבואות (טוואועס). פאַראַן אַ סברא (סוואָרע), אַז אין באַבילאָניע האָבן מענטשן ס׳ערשטע מאָל גענומען זייען ווייץ.

טייטלען זענען אין באַבילאָניע געווען פונקט אַזוי וויכטיק ווי ווייץ. עס פלעגן דאָרט וואַקסן זייער אַ סך טייטל־ביימער און פאַרצייטן זענען טייטלען גאָר קיין נאַשעריי ניט געווען, נאָר אַ וויכטיקע שפּייז.

אין די טייכן זיינען אויך געווען אַ סך פיש. מען קען לייכט זען, אַז די מענטשן אין באַבילאָניע האָבן געהאַט גענוג, וואָס צו עסן אָט די אַלע מעלות (מײלעס) פון לאַנד האָבן געגעבן אַ מעג־לאַכקייט, אַז אויך אין בבל (באָוועל־באַבילאָניע) זאָלן אויפקומען גרויסע שטעט און עס זאָלן קענען לעבן אַ סך באַלמעלאָכעס, אַרבעטער און עס זאָל זיך אויך קענען אַנטוויקלען וויסנשאַפט און האַנדל.

אַ רייך לאַנד אָן געלט

בבל איז געווען זייער אַ רייך לאַנד, פונדעסטוועגן האָט קיינער ניט געהאַט קיין געלט און מען האָט אויך קיין געלט ניט באַדאַרפט האָבן. מענטשן האָבן געהאַט קי, שעפּסן און ציגן, הייזער, גערטנער, פעלדער. ווען זיי האָבן עפּעס געוואָלט קויפן אָדער פאַרקויפן, האָבן זיי זיך פשוט (פּאָשעט) געביטן. שפּעטער איז געוואָרן אַנדערש און מענטשן האָבן צוגעקלערט געלט, כּדי עס זאָל זיין לייכטער צו האַנדלען, אָבער די מאָס איז נאָך אַלץ געבליבן קי, אָקסן א. ד. גל. נאָכדעם, ווען מען האָט אַפילו גענומען אויס־גיסן געלט פון איידעלע מעטאַלן, האָט מען אויף דעם אויסגע־קריצט אַן אָקס אָדער אַ קו, וואָרום פי, שאָף און ציגן זענען גע־ווען די עלטסטע עשירות (אַשירעס) פונם מענטשן

שיינע בעבײדעס

די עגיפּטער זענען געווען גרויסע מייסטער אין בויען שיינע

געביידעס, אויך די באַבילאָניער האָבן ליב געהאַט צו בויען שיינע הייזער און פּאַלאַצן, נאָר אין בבל איז ניט געווען קיין שטיין האָט מען אָנשטאָט שטיין גענומען באַנוצן צ י ג ל.

די ציגל פלעגט מען אויסקנעטן פון ליים און אויסטריקענען אויף דער זון. אַזוי שטאַרק ווי שטיין זענען אָבער די ציגל ניט געווען, צוליב דעם טאַקע זיינען פון די אַמאָליקע גרויסע געביידעס פון די באַבילאָניער פאַרבליבן ניט מער ווי גרויסע בערג ליים, בעת (בעיס) די עגיפּטישע פּאַלאַצן און פּיראַמידן שטייען נאָך ביזן היינטיקן טאָג.



באַבילאָנישע שריפט. די צייכנס באַדייטן (פון לינקס אויף רעכטס): אַ האַנט, אַן אָקס, אַ מענטש, ווייץ, אַ פיש.

אָן אַ בלייפעדער, אָן טינט, און דאָך געשריבן

די קונסט פון שרייבן איז אויך אין בבל אויפגעקומען גאַנץ פרי (3000 פ. ק.), אָבער געשריבן אין בבל האָט מען ניט אויף פּאַפּירוס, נאָר אויף טאָוועלאַך פון ליים. אָנשטאָט אַ פּען אָדער אַ בלייפעדער האָט מען גענוצט א שפּיציק שטעקעלע. דער ליים האָט ביים שרייבן געדאַרפט זיין נאַסלאַך, מען זאָל קענען איינדריקן די נייטיקע צייכנס; שפּעטער האָט מען די טאָוועלאַך געבאַקן אויף דער זון און דאַס געשריפט איז געוואָרן מויער-אייזן.

ניט בלויז בריוו, געשעפטלאַכע אָפּמאַכן, נאָר אויך לידער און געשיכטעס האָבן די באַבילאָניער פאַרשריבן אויף ליימענע טאָוועלאַך. אין בבל זיינען געווען גאַנצע ביבליאָטעקן מיט אַזעלכע ביכער, געשריבן אויף ליים.

בריוו פלעגט מען איבערשיקן ניט בלויז פון איין שטאָט אין דער צווייטער, נאָר אויך פון איין לאַנד אין צווייטן. די בריוו פלעגט מען אַריינלייגן אין קאָנווערטן, אויך געמאַכט פון ליים.

ווייסט איר ווי שפּעט איצט איז?

אויב די עגיפּטער זענען געווען גוטע אינזשענערן, בויער, זענען די באַבילאָניער געווען פון די ערשטע אַסטראָנאָמען, שטערנזעערס. פּיטערנדיק זייערע שאָף, סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט, האָבן די באַבילאָניער באַמערקט די באַוועגונג פון דער זון, פון דער לבנה און פון די שטערן. שוין מיט אַזויפיל טויזנטער יאָרן צוריק האָבן זיי געוואוסט זייער פיל וועגן הימל און וועגן דער ערד.

אָט, צום ביישפּיל, נעמט אַזאַ זאַך: האָט איר ווען עס איז געזען די לבנה בייטאָג? ווען מען זאָל אַרונטערקריכן אין אַ גרוב און קוקן אויפן הימל, וועט מען קענען זען די לבנה אפילו בייטאָג. וואָרום די לבנה פאַרשווינדט ניט ווען די זון באַווייזט זיך; מיר זעען זי ניט דערפאַר, ווייל אַקעגן דער זון איז די לבנה זייער בלאַס. נאָר, ווייסט איר, אַז די לבנה פאַרשטעלט פון צייט צו צייט די זון און פּלוצלונג אין מיטן העלן טאָג ווערט גאָר פינסטער? דאָס געדויערט געוויינלאַך ניט לאַנג. אָבער ס׳ווערט באמת טונקל, ביז די זון קוקט ווידער אַרויס אין הימל און נעמט ווידער שיינען, ווי ס׳וואָלט גאָרניט געווען.

די דאָזיקע פּאַסירונג הייסט עקליפּס. נאַרישע מענטשן אפילו היינטצוטאָג שרעקן זיך זייער שטאַרק פאַר אַן עקליפּס; זיי מיינען עפּעס שרעקלאַכס וועט באַלד פּאַסירן... די באַבילאָניער האָבן שוין מיט מער ווי פיר טויזנט יאָר צוריק געקענט פאָראויסזאָגן, ווען אַן עקליפּס וועט געשען. זיי האָבן פאַרשטאַנען די באַוועגונג פון דער לבנה אויפן הימל און זיי האָבן אַקוראַט אויסגערעכנט, ווען זי וועט פאַרשטעלן די זון.

די באַבילאָניער זיינען אויך געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן צוגעקלערט דעם קאַלענדאַר און האָבן געקענט וויסן, וואָסער טאָג עס איז און וואָסער חודש (כוידעש), און ווי שפּעט עס איז. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט אַזעלכע זייגערס ווי מיר, אָבער זיי האָבן עס די ערשטע איינגעטיילט דעם טאָג מיט דער נאַכט אין 24 שעה, די שעה אין 60 מינוטן א. א. וו. מיר באַנוצן זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג מיט דער צייט-איינטיילונג, וואָס די באַבילאָניער האָבן צוגעקלערט.

איז דען דעריבער אַ וואונדער, פאַרוואָס באַבילאָניע און

עגיפטן זיינען געווען די צוויי גרעסטע לענדער פון דער וועלט? דאָס אלץ האָבן זיי געהאַט צו פאַרדאַנקען צו פאַרשיידענע ווירקונגען, אָבער איינע פון די סיבות איז געווען, וואָס די לענדער, וועלכע זיי האָבן באַוואוינט, זיינען געווען זייער פרוכטבאַר, זיי זיינען ביידע געווען לענדער ביי גרויסע טייכן.

אַ בריק צווישן לענדער

צווישן די צוויי לענדער באַביל אָניע און עגיפּטן איז געלעגן אַן אַנדער לאַנד, וואָס אַמאָל האָט עס געהייסן כּנען (קנאַאַן), און די וואַנדערנדיקע אידן האָבן עס אָנגערופן דאָס לאַנד פון מילך און האָניק.

די וואַנדערער האָבן שטאַרק מקנא (מעקאַנע) געווען די באַוואוינער פון כנען (קנאַאַן). די ערשטע אידן האָבן געוואַנדערט נאָענט פונם קליינעם לאַנד, אָפטמאָל אַריינגעריסן זיך און צוריק אַרויסגעשטויסן געוואָרן... פון דערווייטנס האָט דאָס קליינע לאַנד פון גערטנער און שטעט אויסגעקוקט ווי אַ לאַנד פון גליק און פרייד. די פאַרהונגערטע וואַנדערער האָבן באַוואונדערט די עשירות (אַשירעס) פונם פויער, וואָס האָט אמתן זיסן מילך פון זיינע קי, — ניט בלויז קיין האַלב-זויערן פון די ציגן, — וואָס האָט האָניק פון די בינען. ווער קען זיך גלייכן צום פויער? אַ מענטש לעבט אין אַ לאַנד, וואָס טריפט ממש (מאַמעש) מיט מילך און האָניק!

3. אַ הונגער אין מדבר. די ערשטע אידן וואַנדערן אויס אין אַ ניי לאַנד

אַ הונגער אין מדבר

וואַנדערן אין מדבר איז גאָרניט קיין גרינג לעבן. דאָס ערגסטע זיינען געווען די טריקענישן. דאָס גראָז אויף די לאָנקעס ווערט פאַרטריקנט, פאַרברענט, קיין וואַסער אין די וואַסער־גריבער איז ניטאָ. דער וואַנדערער קען זיך דעמאָלט ראַטעווען בלויז אין די מער־פרוכטבאַרע טאָלן, צווישן די פויערישע דערפער.

איינמאָל איז אין מדבר אויסגעבראָכן אַ הונגער. די וואַנדערער האָבן זיך געמאַטערט ביז צום טויט. אפילו אין דעם נאָענטן לאַנד כּנען (קנאַאן) איז קיין ברויט ניט געווען. די פאַסטוכער האָבן געהונגערט. פאַר זיי איז דאָס ניט געווען קיין נייעס, זיי זיינען אַלעמאָל געווען געוואוינט צו אַ שווער לעבן, אָבער וואָס טוט מען מיט די שאָף? פאַר די טשערעדעס באַדאַרף מען וואַסער און גראָז, אַניט איז שלעכט!

די פאַסטוכער האָבן ניט געהאַט וואו זיך צו קערן און ווענדן. בלויז איין האָפנונג האָבן זיי נאָר געהאַט — אַוועק צו וואַנדערן קיין עגיפּטן. אין די טאָלן פון עגיפּטן איז געווען גענוג וואַסער, גענוג ברויט; די אידישע פאַסטוכער האָבן דאָרטן אויך געקענט געפינען גענוג גראָז פאַר די שעפּסן. די גרעניצן פון לאַנד זיינען געווען אָפן פאַר אַלעמען. די אידישע פאַסטוכער האָבן זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן אין דעם נאָענטן לאַנד, ראַטעווען זיך פון הונגער.

די אידן אין עגיפּטן

אַ סך יאָרן האָבן די אידן געלעבט אין עגיפּטן. גענוי ווי לאַנג? ווער קען וויסן? אפשר פופציק יאָר, אפשר מער?

אין נייעם לאַנד איז די אידן געווען בעסער ווי אין מדבר (מידבער). דאָס גראָז — הויך, וואַסער — גענוג, ברויט האָט ניט אויסגעפעלט. די אידן האָבן ווייניק וואָס געדאַרפט ענדערן אין זייער שטייגער לעבן. זיי זיינען פון לאַנגע יאָרן געווען פאַסטוכער און געפיטערט שאָף און אויך אין עגיפּטן זיינען זיי געבליבן פאַסטוכער פון שאָף און ציגן. מערניט, דאָס לעבן איז געווען רויִקער, שטילער...

וואַנדערער פון מדבר קומען קיין עגיפּטן

(דאָס בילד איז געמאָלן פון אַן עגיפּטישן מאָלער און איז אַלט מער ווי דריי טויזנט יאָר).



וואַנדערער פון מדבר קומען אָן קיין עגיפּטן בעטן מען זאָל זיי אַריינלאָזן אין לאַנד. אין מדבר איז אַ הונגער, דאָס גראָז איז פאַרטריקנט געוואָרן און קיין וואַסער איז ניטאָ.

געארבעט און געטאן

שווערע ווערטער זיינען שווער אַזוי לאַנג ווי מען פאַרשטייט זיי ניט

פּאַסטוכער. . . . ערד־אַרבעטער. . . . געצעלטן. . . .

מדבר (מידבער). . . . כנען (קנאַאַן). . . .

ווייסטו וואָס די אַלע ווערטער באַדייטן? געפין־אויס און פאַרשרייב.

ווי האָבן געלעבט די ערשטע אידן?

אין יעדן זאַץ פעלט דאָס לעצטע וואָרט. זוך־אויס דאָס נויטיקע וואָרט אין קאָלום, וואָס געפינט זיך לינקס. שרייב־צו דאָס וואָרט און פאַרענדיק דעם זאַץ.

די ערשטע אידן זיינען געווען — — — — — — — — — —	ערד-אַרבעטער
זיי האָבן געוואַנדערט אין— — — — — — — — — — — —	עגיפּטן
קיין הייזער האָבן זיי ניט געבויט, זיי האָבן געלעבט אין — — — — — — — — — — — — — — — — —	כנען
די ערשטע אידן זיינען געווען פּאַסטוכער און פאַרמאָגט אַ סך ציגן און — — — — — — — — — — — — — — —	שטעט
דאָס לעבן פון אַ וואַנדערער איז שווער און פול מיט גע־פאַרן. די אידישע וואַנדערער האָבן דעריבער געוואָלט באַזעצן זיך אין „לאַנד פון מילך און האָניק" — אין — — — — — — — — — — — — — — — —	מדבר
דאָרט זיינען שוין די מענטשן פון לאַנג געווען— — — —	שעפסן
די אידן האָבן דאָס אָבער ניט געקענט טאָן, ווייל די באַ־וואוינער פון לאַנד האָבן געהאַט שטאַרקע — — —	געצעלטן
איינמאָל, אין צייט פון אַ הונגער, זיינען די ערשטע אידן אַוועק קיין— — — — — — — — — — — — —	וואַנדערער

פאַרוואָס זיינען די ערשטע אידן געווען וואַנדערער?

(שטעל אָוועק דעם צייכן + לעבן יענעם ענטפער, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק).

— ווייל אין מדבר איז הייס, פלעגן די אידן אַנטלויפן פון דער היץ אין אַ קילן אָרט. ווען די זון פלעגט אָבער נאָך האַלבן טאָג אָנהייבן מער צו וואַרימען, פלעגן די אידן מוזן גיין זוכן אַ שאָטן אונטער די ביימער. אַזוי פלעגן זיי האַלטן אַ גאַנצן טאָג אין איין וואַנדערן.

— ווייל די שעפּסן און ציגן פלעגן אויפעסן דאָס גראָז פון איין געגנט, פלעגן די אידן מוזן גיין זוכן גראָז ערגעץ-וואו אַנדערש. גראָז איז אין מדבר פאַראַן ווייניק. צוליב דעם פלעגן די אידן מוזן וואַנדערן.

— ווייל די ערשטע אידן זיינען געווען ווי קליינע קינדער. זיי האָבן געוואָלט אומלויפן, וואַנדערן. אַז מען וואַנדערט, זעט מען די גרויסע וועלט, ס'איז ניט גוט צו זיצן אַלעמאָל אויף איין אָרט. צוליב דעם פלעגן זיי וואַנדערן.

די ערשטע אידן אין מדבר

לעבן די זאַכן, וואָס דו דענקסט, אַז די אידן האָבן פאַרמאָגט, ווען זיי זיינען געווען וואַנדערער אין מדבר, שטעל אָוועק דעם צייכן +.

ציגן און שעפּסן	מילך	אַ קעניג
עלעקטריק	קעז	פּאָליציי
הייזער	מעשיות	מייאָר
געצעלטן	לידער	קעמלען
טעאַטער	סאָבווייס	מואוויס
ביכער	פלייש	געזעצן
ראַדיאָ	קוכנס	אָרימע און רייכע

4. שלעכטע צײַטן אין נײַעם לאַנד

פֿון גוט, צוריק שלעכט

יאָרן זײַנען אַוועק און אין לאַנד פֿון די פּיראַמידן האָט זיך פֿיל געביטן. דער אַלטער פּרעה איז געשטאָרבן. (און אפשר זײַנען שוין אַסך פּרעהס געשטאָרבן ?...) אַ נײַער הערשער האָט פֿאַרכאַפּט דעם טראָן. ער איז געווען אַ שלעכטער און אַ בייזער מענטש. דער נײַער פּרעה האָט גאָר קיין רחמנות ניט געהאַט און האָט זיך ווייניק געזאָרגט וועגן זײַן פֿאָלק און אַוודאי האָט ער גאָר קיין ליבשאַפֿט ניט געפֿילט צו די פּ ר ע מ ד ע, וואָס האָבן זיך אין צײַט פֿון הונגער געראַטעוועט אין דעם לאַנד ג ו ש ן (גוישען).

דער נײַער פּרעה האָט ליב געהאַט שײנע געבײדעס און ער האָט געוואָלט האָבן שטאַרקע געמויערטע שטעט, מיט הויכע דיקע ווענט, וואָס זאָלן באַשיצן זײַן מלוכה קעגן אַלע שונאים (סאָנים). פֿײַנט האָט פּרעה געהאַט איבערגעגנוג: וואַנדערער פֿון מדבר, וואָס האָבן זיך תּמיד (טאָמיד) געריסן אין די פּרוכטבאַרע טאָלן, נאָר געפֿערלאַכער פֿון זײ זײַנען געווען די מלוכות, וואָס האָבן דערווײַל שטיל געדרעמלט בײַ די טײַכן פֿון טיגריס און יעפֿראַטעס,— איצט האָבן זײ געדרעמלט, אָבער ווער ווייס, זײ קענען זיך מיטאַמאָל, פּלוצלונג, אויפֿכאַפּן פֿון שלאָף און זיך לאָזן אין וועג...

פּרעה האָט דערײבער צונויפֿגעקליבן פֿון זײַן לאַנד טויזנטער שקלאַפֿן און געשטעלט זײ קנעטן ליים און ברענען ציגל און בויען, בויען, בויען. ס'איז גאָר קיין שיר ניט געווען צו זײַנע געבײדעס און ס'איז אויך קיין שיר ניט געווען צו דער שווערער האָרעוואַניע, וואָס האָט זיך איצט אָנגעהייבן פֿאַר די קנעכט.

צווישן די אויפֿגעקליבענע אַרבעטער, וואָס פּרעה האָט פֿאַרזאַמלט, זײַנען אויך געווען די פֿאַסטוכער פֿון גושן. זײ האָבן זיך אויף דעם ניט געריכט, ווען זײ זײַנען אַמאָל געלאָפֿן ראַטעווען זיך פֿון הונגער.

ראַמזעס דער צווייטער, דער פּרעה, וואָס האָט באַדריקט די אידן



אַן אַרבעטער

אַ רייכער עגיפּטער

אַ פּשוטע פרוי



„גערעכטיקייט“

איצט האָבן זיי געמוזט ווערן מויערער און ליים-קנעטער. זייערע טאַטעס האָבן דאָס קיינמאָל ניט געטאָן און זייערע זיידעס האָבן פון דעם גאָרניט געוואוסט.

דער שטעקן פון פרעהס אַרבעט-אויפזעער פלעגט פאַלן שווער אויף די פּלייצעס פון אַלע די, וואָס האָבן ניט אויסגעפאָלגט און אָפּגעשטאַנען אין זייער אַרבעט. די פּאַסטוכער פון גושן (גוישען) זיינען איצט געוואָרן קנעכט פון פרעהן.

שקלאַפן	שקלאַפעריי	פרעה (פּאַרע) . . . .
ים	שונאים (סאָנים)	מדבר . . . .

ווייסטו וואָס די אַלע אויסדרוקן באַדייטן ? געפין-אויס און פאַרשרייב.

שקלאַפעריי אין עגיפּטן

(שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן יענעם ענטפער, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק).

פרעה האָט געמאַכט די אידן פאַר שקלאַפן, ווייל ער האָט געוואָלט

— די אידן זאָלן שווער אַרבעטן און זאָלן פון דער שווערער אַרבעט אויסשטאַרבן.

— די אידן זאָלן פאַר אים אויפבויען שטעט און פּאַלאַצן. קיין מאַשינען זיינען אַמאָל ניט געווען, און כדי אויפצובויען גרויסע הייזער, פלעגן טויזנטער, טויזנטער מענטשן מוזן אַרבעטן ביים שלעפּן שטיינער, גראָבן די ערד, בויען א. ד. גל. צוליב דעם האָט פרעה געמאַכט די אידן פאַר שקלאַפן.

— ווייל די אידן האָבן געוואָלט אַלע עגיפּטער אַרויסטרייבן און פאַרכאַפּן דאָס גאַנצע לאַנד עגיפּטן נאָר פאַר זיך אַליין.

פרעהס שקלאַפן



דאָס איז אַ בילד אויפגעמאָלן אויף פרעהס אַ פּאַלאַץ. די עגיפּטישע קעניגן האָבן ליב געהאַט צו באַרימען זיך און אויף זייערע פּאַלאַצן פלעגן זיי לאָזן אויפמאָלן בילדער צו באַווייזן זייער גרויסקייט.

אויפן בילד ווערן געוויזן געפאַנגענע פון פאַרשיידענע פעלקער, וואָס די עגיפּטער האָבן באַזיגט. צוויי פון די געפאַנגענע זיינען שוואַרצע פון אַפריקע, די איבעריקע זיינען וואַנדערער, ווי די ערשטע אידן זיינען אַמאָל געווען. די עגיפּטער האָבן זיי פאַרשקלאַפט.

5. די אידן באפרייען זיך פון שקלאפעריי

יאָרן פון שקלאַפעריי

אַ ס ך יאָרן האָבן אידן געלעבט אין שווערער פּראַצע. אויפ־הויבן אַ מלחמה קעגן פּרעהן, וואָלט געווען, ווי אַ פליג זאָל זיך שטעלן קעגן אַ העלפאַנד. אַ נ ט ל ו י פ ן א י ן מ ד ב ר איז געבליבן דאָס איינציקע, פון וואָס די דערשלאָגענע קנעכט האָבן געקענט חלומען. דער מדבר איז געווען זייער אַלטע היים און עגיפּטן האָבן זיי אויסגעקליבן ווי אַ רעטונג און ניט ווי אַ לאַנד פון אייביקער באַדריקונג.

אַרויסרייסן זיך פון לאַנד איז אָבער גאָר ניט געווען אַזאַ גרינגע זאַך. אמת טאַקע, די וואַנדערער האָבן געלעבט ביי די גרעניצן פון עגיפּטן, אָבער פּרעה האָט געהאַט אַן אַרמיי, און די אַרמיי האָט באַוואַכט די קאַראַוואַנען־וועגן; די גרעניצן פון לאַנד זיינען נאָך אַלעמען ניט געווען הפקר (ה ע פ ק ע ר); אָן קאַמף איז אויך דאָס מאָל ניט מעגלאַך געווען אויסצוקומען.

ס'איז אָבער געווען אַ קאַמף, וואָס איז אַלעמאָל כדאי (קע־דײַ). לעבן אין קנעכטשאַפט אָדער קעמפן פאַר פרייהייט? — די מדבר־מענטשן האָבן אויסגעקליבן קאַמף.

גלייך אויספירן זייער פּלאַן האָבן זיי ניט געקענט; זיי האָבן געדאַרפט אָפּוואַרטן אַזאַ צייט, ווען דעם פּרעהס סאָלדאַטן וועלן דאַרפן קעמפן אין דער פרעמד, אָדער ווען די באַפעלקערונג פון לאַנד, אַליין אויך שווער באַדריקט, וועט אויפשטיין קעגן פּרעהן און זיינע מענטשן.

די פּאַסטוכער האָבן געמוזט זיין זייער פּאַרזיכטיק, וואָרום, קיים וועט זיך דאָס אַרויסראַטעווען פון לאַנד ניט איינגעבן, דער־וואַרט זיי נאָך ערגערע שקלאַפעריי; מיט אַנטלאָפענע קנעכט איז מען זיך אין עגיפּטן זייער שלעכט באַגאַנגען.

אין עגיפּטן האָט זיך טאַקע באַלד אָנגעהויבן אַן אומרואיקע

צייט: מלחמות, אומרוען, שרעק. די שעה פון באַפרייאונג האָט געשלאָגן!

ווי האָבן זיך די אידן געקענט באַפרייען

עגיפּטן האָט דורכגעלעבט אַן אומרואיקע צייט: פון מיטנ-לענדישן ים זיינען אָנגעפאַלן די פּלשתּים (פּלישטים), ים-רויבער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף זייערע זעגל-שיפן פאַר-כאַפּן דעם ברעג ים; (איבער דער גאַנצער אַלטער וועלט האָט עגיפּטן געשמט (געשעמט) פאַר אַ גן-עדן (גאַניידן), — אַ וואונ-דערלאַנד). פרעה האָט געמוזט שיקן אַן אַרמיי אָפּצושלאָגן די ים-רויבער. ס'איז זיי ניט געווען אַזוי לייכט צו פאַרטרייבן. געיאָגט פון הונגער האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ וויסטע גבורה (גוואורע); די געדונגענע זעלנער פון פרעהן האָבן זיי גאָר ניט געקענטביי-שטיין.

אויך פון מדבר סאַהאַראַ האָט זיך געטראָגן אַ געפאַר. די מדבר-פעלקער זיינען ווידער געוואָרן אומרואיק און געריסן זיך אין פרוכטבאַרן לאַנד. פרעה האָט געמוזט שיקן מענטשן סיי אָפּ-צושלאָגן די אָנפאַלער פון ים און סיי צו פאַרטרייבן די וואַנדע-רער פון מדבר (די בערבערן פון סאַהאַראַ).

אָט די אומרואיקייט אין לאַנד האָבן אויסגענוצט די אידישע פאַסטוכער, וואָס האָבן איצט געקראָגן אַ מעגלאַכקייט אין מיטן פונם טומל אַרויסרייסן זיך פון לאַנד, וואו פרעה האָט זיי פאַר-שקלאַפט, געצוואונגען קנעטן ליים און ציגל, בויען פעסטונגען און פּאַלאַצן.

דער קלוגער פירער

יעדע געוואַגטע אונטערנעמונג מוז האָבן אַ פירער. אויך די אידישע פאַסטוכער, ווען זיי האָבן זיך געוואָלט אַרויסראַטעווען פון עגיפּטן, האָבן געהאַט אַ קלוגן פירער, משה האָט ער געהייסן. במשך פון הונדערטער יאָרן איז משה ביי אידן אַזוי באַליבט גע-וואָרן, אַז זיי האָבן אים אָנגערופן משה רבנו (מוישע ראַביינו), דאָס הייסט, משה אונזער לערער, משה אונזער פירער. אַלע גוטע געזעצן, אָדער דאָס, וואָס מען האָט אין יעדן דור (דאָר) געמיינט, אַז ס'איז גוט, האָט מען צוגעשריבן צו דעם קלוגן משהן. „שויז

מיט אַזויפיל הונדערטער יאָרן צוריק האָט אונז משה דאָס געלערנט צו טאָן" — אַזוי האָט מען זיך דערציילט.—„אלא (עלאַ) וואָס? מען האָט עס ניט געטאָן, איז דאָס געווען בלויז דערפאַר, ווייל מענטשן האָבן פאַרגעסן, אָדער זיי זיינעז געווען שלעכט און פאַרדאָרבן".

משהן האָט זיך איינגעגעבן די האַלב-דערשלאָגענע קנעכט ארויסצופירן אין מדבר און מיט די בייטשן פון הונגער, דאָרשט

די אידן באַפרייען זיך פון שקלאפעריי



און שרעק דערוועקן ביי זיי מוט און העלדישקייט. ער האָט די באַפרייטע שקלאַפן געמוזט פירן דורך אומוועגן, אויסמיידן די קאַראוואַנען-שליאכן, וואָס זיינען געווען באַשיצט פון עגיפּטישע סאָלדאַטן.

ווען די עגיפּטישע וועכטער טרעפן דעמאָלט אָן די אידישע שבטים (שוואָטים), וואָלטן זיי די אַנטלאָפענע אידן אומגעקערט צוריק „אהיים", צו זייערע בוי-אַרבעטן.

אין קאַמף מיט די עגיפּטער

איינמאָל ביי דעם רויטן ים איז עס טאַקע געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן די אידישע וואַנדערער און פּרעהס סאָלדאַטן; די עגיפּטער האָבן אין זייערע רייטוועגענער געהיט די געגנט אַרום ים, וואו שיפן פלעגן אָנקומען און אַוועק, וואו קאַראַוואַנען פלעגן דורכפאָרן מיט זייערע סחורות.

די אידן האָבן זיך געקליבן אַריבערגיין אַ שמאָל אָרט אין ים (מער געגליכן אפשר צו אַ טייכל, ווי צו אַ ים); נאָר איידער זיי האָבן אָבער צייט געהאַט אַריבערצוגיין דאָס וואַסער, זיינען אויף זיי אָנגעפאַלן פּרעהס זעלנער, אַרויפגעוואָרפן זיך אויף די וואַנדערער מיט גרויס רציחה (רעציכע), געוואָלט אומקערן די אַנטלאָפענע קנעכט צוריק צו דער אַרבעט. די אידן, ס׳רוב (סראָוו) צופוס, איז גיכער געלונגען אַריבערצוקלייבן זיך אויף דער אַנדערער זייט, ווי די רייטער מיט זייערע שווערע רייטוועגן.

אין דעם געשלעג זיינען די אַנטלאָפענע קנעכט אַרויס די זיגער. די שרעק איז פונדעסטוועגן געווען אַ גוואַלדיקע; עס איז ניט קיין שפּילכל צו קעמפן מיט פּרעהס זעלנער!

6. צום לאַנד, וואָס טריפט מיט מילך און האָניק

אַ שיינער חלום

אַ שיינער חלום האָט די וואַנדערער באַפליגלט. זיי האָבן געדענקט, אַז מיט יאָרן און יאָרן צוריק זיינען זייערע עלטער-עלטער-זיידעס געווען אין שכנות (שכיינעס) מיט אַ לאַנד, וואָס האָט „געטריפט מיט מילך און האָניק". פאַרוואָס זאָלן זיי איצט ניט קענען אַריינרייסן זיך אין קליינעם לאַנד, אַריינכאַפּן זיך און בלייבן דאָרט?

אַלטע לייט האָבן געדענקט, אַז די אידן זיינען שוין אַמאָל געווען אין יענעם לאַנד, בלויז דער הונגער האָט זיי איין מאָל געטריבן זוכן ברויט אין עגיפּטן; אויב זיי רייסן זיך אַריין אין כנען (קנאַאַן), קומען זיי בלויז צוריק אַ ה יי ם...

די „היים" איז איצט געלעגן אין די הענט פון די כנענים (קנאַאַנים), וואָס האָבן געהאַט געמויערטע שטעט און פעסטונגען, געהאַנדלט און געוואַנדלט, פאַרמאָגט פעלדער און וויין-גערטנער, שאָף און רינדער.

באַפאַלן כנען פון באַפעסטיקטן דרום איז געווען ניט מעגלאַך. די וואַנדערער האָבן קיין שום האָפנונג ניט געהאַט אויף אַ זיג... האָבן די אידן געמוזט וואַנדערן אויף אַ לאַנגן וועג, אַריינקומען צוערשט אין דער געגנט פון עבר הירדן (איווער-האַיאַרדן). „פערציק" יאָר האָבן די אידן אַזוי געוואַנדערט אין דער וויסטעניש, געפּאַשעט שאָף, געלעבט אין אָרימקייט און אומרו. עס איז שוין אָבער געווען גאָר אַן אַנדער פאָלק, ווי דער ערב רב (ערעוו ראַוו), וואָס איז אַרויס אַמאָל פון עגיפּטן. פיל זיינען אַלט געוואָרן און אויסגעשטאָרבן, יונגע מענטשן זיינען געבוירן געוואָרן, וואָס האָבן מער ניט געדענקט נאָך די „פעטע טעפּ פלייש פון מצרים (מיצרייאים)". זייער באַגער איז געווען דאָס לאַנד, וואָס „טריפט מיט מילך און האָניק". די אָנפאַלן אויפן לאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן!

צוזאַמען און באַזונדער

פון עגיפּטן זיינען אַרויס אידן פון פאַרשיידענע שבטים (שוואַטים), אַ סך וועג האָבן זיי געוואַנדערט צוזאַמען, אַן אַנדערש מאָל פלעגן זיי זיך מוזן פאַנאַנדערגיין, — ווען עס איז ניט געווען גענוג גראָז פאַר די שעפּסן. איצט, ווען די וואַנדערער האָבן גענומען באַפאַלן דאָס לאַנד, איז אויך ניט געווען קיין אחדות (אַכדעס). די גרעסערע שבטים זיינען זיך געגאַנגען באַזונדער. אַזוי איז זיך, קען זיין, אַליין אַוועק דער שבט יהודה (יעהודאָ); קלענערע האָבן זיך צונויפגענומען צוזאַמען.

משה דער קלוגער פירער

משה איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן און עס איז פאַרבליבן פאַר אינגערע מענטשן ווי ער, צו פירן די וואַנדערער צום נייעם לאַנד און אָנהייבן די ביטערע מלחמה.

דער קלוגער פירער, וואָס האָט אַרויסגעראַטעוועט דאָס פאָלק פון קנעכטשאַפט, איז איצט געווען מיד און צעבראָכן. ער איז אין נייעם לאַנד קיינמאָל ניט אַריין.

אויפן שפּיץ פון אַ הויכן באַרג איז ער געשטאַנען און פון ווייטן געקוקט אויפן לאַנד פון זיין בענקשאַפט. נאָר בלויז זען דאָס לאַנד איז אים באַשערט געווען, ניט באַטרעטן איר ערד.

אַן עלנטער איז משה געשטאָרבן, אַ פאַרבענקטער, אָפּגעשיידט פון זיין פאָלק, וואָס האָט זיך איצט געריסן פון דער וויסטעניש אַרויס.

זיין דור (דאָר) איז אין מדבר אויסגעשטאָרבן, ווייל „קנעכט זיינען זיי געווען אין לאַנד מצרים" און נאָר די יונגע, די מוטיקע און שטאָלצע האָבן דאָס לאַנד „גערדאַרפט" באַטרעטן.

משה איז געבליבן אויפן הויכן באַרג, צווישן הימל און מדבר, — דעם מדבר, וואו ער האָט מיט זיין פאַסטוך־שטעקן „פון שטיינער וואַסער אַרויסגעשלאָגן", און דעם הימל, וואָס האָט „געהאָגלט מיט מן (מאָן)" פאַר די הונגעריקע וואַנדערער.

גערבעט און געטאָ!

די אידן באַפרייען זיך פון שקלאַפעריי



ניט קוקנדיק אויף די פריערדיקע מאַפּעס, ווייז-אָן מיט פיילן און אויפשריפטן, וואָס עס האָט מעגלאַך געמאַכט, די אידן זאָלן זיך קענען באַפרייען פון שקלאַפעריי.

אָן וואָס דערמאָנט עס דיך?

(פרעג דעם לערער, אויב דו פאַרשטייסט עפּעס ניט)

ביישפּיל: 1 — ג מדבר (מידבער).
2 — עגיפּטן.
3 — כנען (קנאַאַן).
4 — אַאַזיס.

א) געגנוג ברויט און וואַסער, פּיראַמידן.
ב) זאַמד און הימל, די זון ברענט.
ג) פּאַלעסטינע.
ד) אַ קוואַל וואַסער אין מדבר און אַרום — ביימער און גראָז.

שווערע ווערטער זיינען גאָר ניט שווער, אויב מען ווייס וואָס זיי באַדייטן!

משה	יהוה (יאַהאַווע)	דרום ....
מדבר	פּרעה	דרום־פּאַלעסטינע...
כנען ...	שקלאַפעריי	מורא ....

ווייסטו וואָס די אַלע אויסדרוקן באַדייטן? געפין־אויס און פאַרשרייב.

משה און די אידן אין מדבר

פאַרוואָס האָט משה ניט געפירט די אידן גלייך צום לאַנד כנען. פאַרוואָס האָט ער זיך פאַרנומען אויף אַן אָפּגעלעגענעם און וייטן וועג אין מדבר?

(שטעל אַוועק אַ „ל" לעבן די ענטפערס, וואָס זיינען גענומען פון די לעגענדעס. שטעל אַוועק אַ + לעבן די ענטפערס, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק).

— ווייל ער האָט געוואָלט, אַז אַלע אידן, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אין עגיפּטן און זיינען אַמאָל געווען שקלאַפן, זאָלן אויסשטאַרבן אין מדבר און נאָר די פרייע, די וואָס זיינען קיינמאָל קיין שקלאַפן ניט געווען, זאָלן אַריינקומען אין נייעם לאַנד.

— ווייל ער האָט מורא געהאַט אָנצופאַלן אויף די שטאַרקע שטעט אין דרום פּאַלעסטינע. די אידן זיינען ניט געווען גענוג שטאַרק דאָס צו טאָן.

— ווייל ער האָט געוואָלט אויסמיידן די וועגן, אויף וועלכע קאַראַוואַנען פלעגן גיין. די קאַראַוואַנען־וועגן פלעגן אַמאָל באַשיצט ווערן דורך עגיפּטישע סאָלדאַטן. משה האָט זיי ניט געוואָלט באַגעגענען, וואָרום פּרעהס סאָלדאַטן וואָלטן די אידן געכאַפּט און וואָלטן זיי געצוואונגען אומצוקערן זיך צוריק קיין עגיפּטן.

נאָכדעם ווי איר האָט אַלע אין קלאַס געשמועסט וועגן די ענטפערס, שרייבט־אַרונטער אין דיין געשיכטע־העפט יענע ענטפערס, וואָס דו ווייסט זיכער, אַז זיי זיינען ריכטיק.

פאַרן ענטפער פאַרגעס קיינמאָל ניט אָנצושרייבן אויך די פראַגע.



דאָס זיינען פּרעהס סאָלדאַטן.

7. די אידן נעמען איין דאָס לאַנד כנען (קנאַאַן)

די אָנפאַלן פון די אידן אויפן לאַנד כנען (קנאַאַן) זיינען ניט געווען קיין שום נייעס אין דעם לעבן פון פעלקער.

עס האָט זיך אינדעראמתן איבערגעחזרט (איבערגעכאַזערט) אַן אַלט־אַלטע געשיכטע: וואַנדערער פון דער וויסטעניש האָבן זיך געריסן מיט אימפּעט אין די פרוכטבאַרע טאָלן, וואו מיזאַמע פויערים האָבן שוין, פון הונדערטער־יאָרן־לאַנג, געאַקערט און געזייט און זיך געשאַפן אַ גרינגער לעבן, ווי דאָס וואַנדערן אין מדבר.

די כנענישע פויערים און שטאָט־לייט פלעגן באַפעסטיקן זייערע גרעניצן מיט מויערן, מיט שטאַרקע ווענט; זיי פלעגן באַוואָפענען זייערע וועכטער מיט שפּיזן און שאַרפע שניידנדיקע שווערדן. די וואַנדערער זיינען אָבער געטריבן געוואָרן פון אַ כח, וואָס איז געווען שטאַרקער ווי די שטאַרקסטע ווענט און שאַרפער ווי די שאַרפסטע שווערדן — הונגער.

כמעט אַלע פעלקער זיינען אַמאָל, ווער פריער און ווער שפּעטער, געווען וואַנדערער און מיט כח (קויאַך) אַריינגעריסן זיך אין שטעט, וואָס ניט זיי האָבן געבויט, פאַרכאַפּט ווייַן־גערטנער, וואָס ניט זיי האָבן געפלאַנצט...

די וואַנדערנדיקע שבטים פון די בני־ישראל (בניי־איסראָעל) זיינען געגאַנגען אויפן וועג, וואָס פאַר זיי האָבן שוין לאַנג אויסגעטראָטן די אַלטע וואַנדערער פון מדבר. די פויערים אין די דערפער זיינען אַליין געווען וואַנדערער אַמאָל. די וועלט פון דריי טויזנט יאָר צוריק האָט געוואוסט נאָר איין רעכט, און דאָס איז געווען דאָס רעכט פון כח (קויאַך), דער שטאַרקער האָט צוגענומען דאָס פעלד און די שטוב און דאָס אייגנס פון דעם, פון וועמען ער האָט געקענט צונעמען. ס'איז אַלץ געווען רעכט, אויב איינער האָט נאָר געקענט...

די שטאָט־קעניגן אין כנען

עס קען זיין, אַז די אידן וואָלט אוממעגלאַך געווען אַריינ־צוקומען אין כנען, ווען ניט די פּאָליטישע לאַגע פון לאַנד און פון די שטעט אין יענער צייט.

כנען האָט זיך געפונען אונטער דער אייבערהערשאַפט פון עגיפּטן. יעדע שטאָט האָט זיך געהאַט איר קעניג, נאָר זיין מאַכט איז געווען אַ גאָר קליינע; פּרעה, דער גרויסער באַשיצער, האָט



מלחמה מיט אַ כנענישער (קנאַאַנישער) שטאָט

געדאַרפט שיקן זיינע גוט־באַוואָפנטע זעלנער אָפּצוהיטן דאָס לאַנד.

די שטעט זיינען ניט געווען פאַראייניקט, און כאָטש אַלע האָבן געשוואוירן טרייהייט צו פּרעהן, פלעגן זיי זיך איינע די אַנדערע אויסרייסן די גאָרגלען. קיין שלום אין לאַנד איז ניט געווען. איין שטאָט האָט געפירט מלחמה מיט דער אַנדערער און געשיקט מסירות (מעסירעס) צום „גרויסן קעניג פון מצרים", אַז

די אַנדערע שטאָט און דער אַנדער קעניג זיינען שולדיק, ניט זי חלילה (כאַלילע). (ווען מען באַפאַלט אַ שטאָט, מוז מען זיך באַשיצן? אוודאי! זיי האָבן זיך נאָר באַשיצט!)

גאָר, גאָר שלעכט איז געוואָרן, ווען די וואַנדערנדיקע אידן האָבן זיך באַוויזן ביי די גרעניצן פון לאַנד. די שטאָט־קעניגן, אין זייערע בריוו צו פּרעהן, רופן זיי אָן האבירו, וואָס דאָס מיינט עברים (איורים), די מענטשן, וואָס קומען פון עבר־הירדן (אייווער־האַיאַרדן), דעם אַנדערן זייט ירדן. עס קען אויך זיין, אַז האבירו באַטייט בכלל מענטשן, וואָס פאַלן אָן און ראַבירן.

די וואַנדערנדיקע עברים (איורים) האָבן געשלאָסן אַ בונד מיט טייל קעניגן. די קעניגן האָבן זיי געגעבן שפּייז און שווערדן. די וואַנדערער האָבן זיי צוגעזאָגט שוץ און שלום, ניט אָנצופאַלן אויף די שטעט. אַנדערע שטאָט־קעניגן האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן די וואַנדערער און געשיקט וויינענדיקע בריוו צום קעניג פון עגיפּטן, אַז ער זאָל שיקן זעלנער צו באַשיצן די שטעט, אַנדערש איז דעם „פּרעהס גאַנצע לאַנד (כנען) פאַרלאָרן"... די אַנדערע שטאָט־קעניגן זיינען ניט טריי, זיי האָבן געשלאָסן יד אַחת (יאַד אַכאַס), איין האַנט, מיט די וואַנדערער און די שטעט אַליין קענען זיך ניט ווערן.

פּרעה וואָלט אַוודאי געענטפערט אויף די בריוו און געשיקט פאַרשטאַרקונגען. (ענלעכע בריוו האָט מען ניט לאַנג צוריק געפונען אויף ליימענע טאָװלען אויסגעקריצט. זיי זיינען געלעגן עטלאַכע טויזנט יאָר אונטער דער ערד).

פּרעה איז אָבער אַליין געווען גוט אויף צרות. די ים־רויבער (פּלשתים), וואָס זיינען באַפאַלן עגיפּטן, זיינען נאָך אַלץ ניט אינגאַנצן באַזיגט געוואָרן. שפּעטער, ווען די עגיפּטישע זעלנער איז יאָ געלונגען זיי צו פאַרטרייבן פון עגיפּטישן ברעג, האָבן זיי זיך באַזעצט ביים ברעג ים אין כנען. שיקן פאַרשטאַרקונגען צו די שטעט אין כנען איז איצט ניט מעגלאַך געווען. די פּלשתים האָבן פאַרשטעלט דעם וועג...

עגיפּטן איז געווען אין אַ צערודערטן צושטאַנד און האָט געהאַט גענוג אינעווייניקסטע שוועריקייטן, כדי צו פאַרגעסן אָן אירע שטעט אין כנען, וועלכע זי האָט אַרונטערגענומען אונטער אירע פליגלען.

די האבירו, דאָס הייסט די ע ב ר י ם (איוורים), זיינען דער־ווייל ביסלאַכווייז אַריינגעדרונגען אין לאַנד; וואו מעגלאַך מיט גוטן, וואו ניט, מיט פייער און שווערד... די וואַנדערער האָבן די ערשטע צייט לייכטער פאַרכאַפּט די זייטן פון די בערג, וואו זיי האָבן געקענט פיטערן זייערע שאָף און ציגן, די טאָלן צו פאַרנע־מען איז זיי אָנגעקומען פיל שווערער.

דאָס גליק האָט אָבער צוגעשפּילט די עברים; זיי האָבן פון מדבר געבראַכט פרישע כחות, מוט און די געוואוינשאַפט איבער־צוטראָגן די שווערסטעליידן. די אויסגעאיידלטע, אויסגעכאָוועטע שטאָט־באַוואוינער האָבן ניט געקענט שטעלן קיין שטאַרקן ווי־דערשטאַנד.

עס האָט פונדעסטוועגן גענומען הונדערטער יאָרן לאַנג ביז פון כנען (דאָס לאַנד פון די כנענים) איז געוואָרן א ר ץ ־ י ש ר א ל (דאָס לאַנד פון די אידן).

אַרבעט צו טאָן!

שבט (שייוועט)	כנענים (קנאַאַנים) . . . .
כנעני (קנאַאַני)	מלחמות . . . .
מלחמה	ירדן (יאַרדן) . . . .
שבטים (שוואָטים) . . .	עברים (איוורים) . . . .
עבר הירדן (אייווער האַיאַרדן)	

די אידן קומען אַריין אין נייעם לאַנד

(שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן יענעם ענטפער, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק).

די אידן האָבן איינגענומען דאָס לאַנד כנען

– אַלע שבטים מיטאַמאָל.
– יעדער שבט באַזונדער.
– ביסלאַכווייז, טיילווייז פאַראייניקט, טיילווייז יעדער שבט באַזונדער.

אין פּאַלעסטינע האָבן פאַר די אידן געוואוינט:

— די עגיפּטער.
— כּנענים.
— אַראַבער.

ווען די אידן זיינען אָנגעפאַלן אויפן לאַנד כּנען, ווי פלעגן זיי זיך באַגיין מיט דער איינגעבאָרענער באַפעלקערונג?

שטעל אַריין די נויטיקע ווערטער:

קיינמאָל ניט אַלעמאָל אָפט אַלע אַ טייל

דאָרט וואו מען דאַרף זיי:

פונקט ווי עס טוען ________ פעלקער אין דער צייט פון מלחמה, אַזוי פלעגן אויך די אַמאָליקע אידן ________ באַנוצן פאַלשקייט און נאַרעריי ביים פאַרכאַפּן נייע שטעט און דערפער.

די אַמאָליקע אידן פלעגן אויך ____________ אויסהרגענען די איינוואוינער פון די באַזיגטע געגנטן, אָדער מאַכן זיי פאַר שקלאַפן, אָבער דאָך ניט ____________.

עס פלעגט אָבער ________ טרעפן, אַז דאָרטן, וואו די כּנענים זיינען געווען גענוג שטאַרק, פלעגן זיי בלייבן זיצן אויף זייערע ערטער און פלעגן דאַרפן די אידן אָפּגעבן נאָר ________ פון זייערע פעלדער.

אידן מיט כּנענים פלעגן דעמאָלט לעבן ווי גאָענטע שכנים.

8. וואָס פאַר אַ לאַנד איז געווען ארץ-ישראל?

דאָס לאַנד, וואָס טריפט מיט מילך און האָניק

דאָס לאַנד כנען (קנאַאַן), וואו די אידישע שבטים (שוואָטים) האָבן איינגעוואַנדערט, איז ניט געווען קיין גרויס לאַנד, אָבער זייער אַ פאַרשיידנאַרטיקס: בערג און טאָלן, פיטער-פלעצער פאַר שעפסן און ציגן, ווי אויך גוטע פרוכטבאַרע שטיקער לאַנד, וואו עס זיינען געוואַקסן אַלערליי תבואות (טוואועס), ווייץ, גערשטן א. ד. גל.

פרוכטבאַר לאַנד איז פונדעסטוועגן געווען ווייניק, דער מדבר האָט זיך כסדר געריסן אין כנען אַריין, בלויז די שווערע מי פון מענטשן האָט אים געקענט פאַריאָגן. דער איינציקער כח, וואָס האָט דעם מענטשן געהאָלפן קעמפן מיטן מדבר, איז געווען דער רעגן. צוויי מאָל אַ יאָר פלעגן אַרויספאַלן שטאַרקע רעגנס און פון אָט די רעגנס איז אָפּהענגיק געווען די גערעטעניש אויף די פעלדער און דאָס וואַקסן פונם גראָז אויף די לאָנקעס. איז געפאַלן גענוג רעגן, האָט דער פויער געהאַט ברויט אויפן יאָר און דער פאַסטוך איז געווען פאַרזאָרגט מיט גראָז פאַר זיינע שעפסן, אלא ניט, איז געווען שלעכט.

אָן אַרבעטזאַם פאָלק האָט פונדעסטוועגן געקענט אָנגרייטן גענוג ברויט אויפן יאָר, כאָטש כנען איז געווען פיל אָרימער ווי עגיפּטן, אָדער ווי די לענדער ביי די טייכן טיגריס און יעפראַ-טעס.

דער מאַנגל אין וואַסער איז געווען אַ באַשטענדיקע

זאָרג. ירושלים (די שפּעטערדיקע הויפּט־שטאָט פון די אידן), האָט בלויז איין קליינעם קוואַל געהאַט, אי דאָס אין שכנות (שכיינעס) מיט דער שטאָט, ניט אין שטאָט גופא; די באַפעלקערונג איז דער עיקרשט געווען אָפּהענגיק פון דעם רעגן־וואַסער, וואָס פלעגט געזאַמלט ווערן אין גרויסע טעפּ אוז רעזערוואוּאַרן...

אין דער צייט, ווען קיין רעגן איז ניט געגאַנגען, האָבן אידן אויסגעקוקט די אויגן נאָכן טוי און באַטראַכט דעם טוי ווי אַ בענטשונג פון הימל. קיין וואַסער האָט אָבער דער טוי ניט געקענט פאַרבייטן און פונם וואַסער איז געווען אָפּהענגיק די גאַנצע מזל־ברכה (מאַזל־בראָכע) פון לאַנד.

אין אַמאָליקן ארץ־ישראל האָט וואויל געקענט פּאַסירן, אַז אַ דאָרשטיקן זאָל מען גיכער דערלאַנגען אַ קרוג מילך, איידער אַ קרוג וואַסער. מילך איז געווען לרוב (לעראָוו), וואַסער האָט אויסגעפּעלט.

דער טייך ירדן (יאַרדן)

קיין סך טייכן האָט כנען ניט פאַרמאָגט; די קליינע טייכלאַך פלעגן אויפלעבן נאָר אין דער רעגן־צייט, און ווי נאָר די רעגנס פלעגן אויפהערן, זיינען אויך די שטראָמען אויסגעטריקנט געוואָרן.

דער איינציקער ג־עסערער טייך איז באמת געווען נאָר דער י ר ד ן (יאַרדן), וואָס האָט דורכגעשניטן דאָס לאַנד לענג־אויס; אַ שטראָמענדיקער טייך, מיט האַסטיקע וואַסערן, וואָס מען האָט זיי ניט געקענט איינשפּאַנען צו באַפרוכפּערן דאָס לאַנד.

דער ירדן איז צוליב זיין האַסטיקייט אויך ניט גוט געווען פאַר שיפפאָרעריי. ער איז אין דעם פּרט געווען אינגאַנצן אַנדערש פונם ניל אין עגיפּטן.

בכלל (ביכלאַל) האָט דער ירדן גיכער געהאָלפן דאָס לאַנד צו צעטיילן איידער צו פאַרייניקן.

דער טייך האָט געשטראָמט אין אַ טיפן געלעגער און בלויז אין עטלאַכע ערטער האָט מען אים געקענט אַריבערגיין.

די וועלט פון בעדויקסן

פּאַלעסטינע איז באמת געווען אַ לאַנד פון קאָנטראַסטן,

פון אַלט־כנענישן שטייגער



שטיינערנע טעפּ צו זאַמלען רעגן־וואַסער



פרוכטבאַר לאַנד און שטיקער מדבר, אייביקער שניי אויף די שפּיץ בערג און פּאַלמען־ביימער אין די טאָלן.

דער ירדן־טאָל איז געווען פול מיט טייטל־ביימער, פּאַפּירוס־געוויקסן, באַלזאַם־פלאַנצן. אויף די בערג פון יהודה איז געוואַקסן גראָז און פרילינג־בלומען, קליינע קוסטעס, — די זייטן פון די בערג זיינען געווען גוט צוגעפּאַסט צו פיטערן שעפּסן און ציגן.

לענג־אויס דעם ים זיינען געוואַקסן וויינטרויבן, פייגן־ביימער, אָליוון, פּאָמעגראַנאַטן און תבואה. פון די ביימער דאַרף דערמאָנט ווערן דער צעדער־בוים, דער דעמב, דער טערעבינט, דער וויל־דער אָליוון־בוים, די אַקאַציע און דער ווייסער פּאַפּלאַר. קיין גרויסע עשירות פון ביימער איז פונדעסטוועגן ניט געווען און אין די יאָרן פון מלחמה און באַלאַגערונג זיינען די ביימער אויסגע־האַקט געוואָרן און דאָס לאַנד איז אַלץ אָרימער געוואָרן אין וואַלד.

אומגליקן און פּלאָגן

פון די אומגליקן און פּלאָגן, וואָס פלעגן באַפאַלן דאָס לאַנד, זיינען אויסער ט ר י ק ע נ י ש ן אויך געווען די ה י י ש ע ר י ק ן. ווי אַ וואָלקן פלעגן זיי זיך אַרונטערלאָזן אויפן לאַנד און צע־פרעסן גרינס־גערטנער און וויין־גערטנער, פייגן־ביימער און אָליוון־ביימער; עס פלעגט זיך אויסדוכטן, אַז זיי פאַרטונקלען די זון. די היישעריקן פלעגן באַדעקן דעם באָדן עטלאַכע איילן דיק.

אויסער די קליינע באַשעפענישן, וואָס פלעגן פאַרביטערן דאָס לעבן פונם פויער, זיינען נאָך אויך געווען חיות, וואָס פלעגן אַפילו פאַרצוקן מענטשן. לייבן האָבן געלויערט ביי די ברעגן פון ירדן, בערן זיינען אויך געווען אַ געפאַר: ניט בלויז פאַר די סטאַ־דעס שאָף, נאָר אויך פאַר די מענטשן, ווינציקסטנס פאַר קינדער.

דער בלוטדורשטיקער וואָלף האָט געלעבט אין מדבר, ער פלעגט אָנוואַרפן אַ מורא אויפן מענטשן. דער לעמפּערט איז גאָר געווען אַ בייזע אָנשיקעניש, ער וואַרט־אָפּ דעם מענטשן אויף די אומוועגן און צערייסט אים מיט רציחה (רעציכע). שרעקלעך זיי־נען אויך געווען די שלאַנגען, וואָס סמען מיט זייער צונג און זיי־נען „פאַרשאָלטן געוואָרן צו קייען די ערד".

דער מענטש האָט אויך געדאַרפט זיין אָפּגעהיט פון די

פוקסן, וואָס פלעגן באַפאַלן די ווײַן־גערטנער און האָבן אָנגעמאַכט אַ חורבן, וואו נאָר זיי פלעגן קומען. די גליקלאַכע צײַט שטעלט זיך דעריבער דער אידישער פויער פאָר, ווי אַ צײַט, ווען דער מענטש וועט לעבן בשלום מיט די חיות (כאַיעס) פון פעלד.

צו דעם אַלעמען זײַנען נאָך צוגעקומען ערד־ציטערנישן, אמת, ניט קײַן אָפטע, אָבער זיי האָבן איבערגעלאָזט אַ גוואַלדיקן רושם אויף די מענטשן און מען האָט יאָרן־לאַנג גערעכנט די וויכ־טיקסטע פּאַסירונגען פון לעבן נאָך דער צײַט פון דער ערד־ציטערניש.

דער וועג צום ים

קײַן צוטריט צום ים האָבן די אידן ניט געהאַט. דאָרט בײַ די ברעגן פון ים האָבן געוואוינט אַנדערע פעלקער, וואָס זײַנען געקומען פריער פאַר די אידן.

אידן האָבן דעריבער אין ים־האַנדל און אין שיפפאָרערײַ ניט געקענט נעמען קײַן אַקטיוון אָנטייל; בלויז אין געוויסע פעריאָדן פון זייער געשיכטע, האָבן אידן געהאַט אַ צוטריט צו דעם מיטנלענדישן ים, אין מערב (מיירעוו) פון לאַנד, און צו דעם רויטן ים, איז דרום.

די ווירקונג פון לאַנד אויף די באַוואוינער

דער כאַראַקטער פון לאַנד האָט שטאַרק באַווירקט זײַנע באַוואוינער. די פאַרשיידנאַרטיקייט פון לאַנד, בערג, טאָלן און די אָפטע ענדערונגען אין דער טעמפּעראַטור, אַפילו אין משך פון טאָג, האָבן געבראַכט דערצו. עס זאָל אויסוואַקסן אַ פאָלק, געזונט און קרעפטיק, וואָס קען אויסשטיין די ביטערקייט פון אַ שלעכטן ווינטער און איז שווער געפרוווט אין קאַמף מיט דער נאַטור.

די פאַרשיידנאַרטיקייטן פון קלימאַט אין לאַנד אינעווייניק, האָבן געמאַכט די אידן פייאיק צו לעבן אין דער פרעמד און אַרי־בערטראָגן די שווערע ענדערונגען. וואָס אידן האָבן געדאַרפט דורכמאַכן, ווען זיי האָבן, מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער, זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט, געצוווּנגען לעבן אין נײַע לענדער. אַנדערע פעלקער האָבן דעם אומבייט ניט געקענט אַריבערטראָגן, די אידן האָבן דעם אומבייט יאָ געקענט מאַכן.

די פֿאַרשיידנקייט פֿון לאַנד, די בערג און טאָלן זיינען אָבער אויך געווען אַ גרויסע שטערונג פֿאַר אַ פֿאַראייניקונג פֿון גאַנצן פֿאָלק. די בערגלאַך זיינען געווען, ווי אַ וואַנט צווישן איין שבט און צווייטן; אידן פֿון באַזונדערע שבטים האָבן געלעבט אָפּגעריסן איינע פֿון די אַנדערע, כאָטש דאָס לאַנד אַליין איז געווען קליין.

נאָך אַ שטערונג פֿאַר אַן אמתער פֿאַראייניקונג זיינען געווען די כנענישע שטעט, וואָס האָבן זיך געפֿונען צווישן די אידישע ישובים. אידן האָבן כנען ניט באַהערשט מיטאַמאָל און די שטעט זיינען געווען די לעצטע איינצוהאַלטן זייער זעלבסטשטענדיקייט.

צו דעם אַלעמען איז צוגעקומען דער שלעכטער פֿאַרקער: וועגן, וואָס האָבן געפֿירט איבער ווילדענישן און געפּערלאַכע דורכגאַנגען. ס'איז שווער געווען און ס'האָט גענומען זייער לאַנג צוצוקומען פֿון איין אָרט ביזן צווייטן.

די ערשטע עטלאַכע הונדערט יאָר פֿונם אידישן אויפֿהאַלטן זיך אין לאַנד האָט דעריבער געהערשט אַ פֿרעמדקייט צווישן די שבטים (שוואָטים) און דאָס איז געווען אַ שרעקלאַכער חסרון (כיסאָרן), אידן האָבן פֿון דער אָפּגעזונדערטקייט פֿיל געליטן.

די באַרגיקייט פֿון לאַנד איז אָבער אויך געווען אַ טובה (טויווע) פֿאַרן פֿאָלק.

אַ שונא האָט באַגעגנט גרויסע שוועריקייטן אַריינצודרינגען אין לאַנד. און פֿון די בערג האָבן די באַוואוינער געקענט גוט פֿאַרטיידיקן זייערע דערפֿער און שטעט.

אינווייניק אין כנען האָט דער שונא (סוינע) ווייניק געקענט געפֿינען, צוליב וואָס עס זאָל זיך לוינען די מי פֿון קריג, אָבער פֿאַר דעם פֿרידלאַכן באַוואוינער איז כנען געווען אַ לאַנד פֿון פֿאַרשיידענע מעגלאַכקייטן. אין איר האָט געקענט געפֿינען אַ היים דער פּאַסטוך, דער ערד-אַרבעטער, דער יעגער.

ארץ-ישראל — אַ בריק צווישן לענדער

אין דער וועלט האָט כנען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע צוליב זיין לאַגע, ווי אַ בריק צווישן די לענדער און פֿעלקער פֿון אַמאָל. וועלכע גרויסע מלוכה (מעלוכע) זאָל ניט האָבן געוואָלט דערגרייכן די אַנדערע, סיי אין קריג, סיי אין שלום (שאָלעם), האָט געמוזט דורכגיין דעם טאָל פֿון יזרעאל און פֿאַרביי די בערג פֿון

יהודה. יעדע מלוכה, וואָס האָט געשטרעבט צו באַהערשן די אַלטע וועלט, האָט געמוזט פריער קאָנטראָלירן דעם טאָל, אָן דעם האָט זי זיך גאָרניט געקענט באַגיין, און אונטערטעניק מאַכן די בערג, כאָטש זיי זיינען ניט געווען פון אַזאַ גרויסער באַדייטונג. ארץ־ישראל איז געווען אַ בריק צווישן די פעלקער און אַ בריק איז זי געבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

גע׳אַרבעט און געטאָן!

דאָס לאַנד פּאַלעסטינע האָט

(שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן יענעם ענטפער, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק).

— אַ וואַרימען קלימאַט, בערג און טאָלן, ערד גוט צו באַאַרבעטן און פיטער־פלעצער פאַר שעפּסן און ציגן

— מילך און האָניק.

— בעסער לאַנד ווי עגיפּטן.

דער ירדן

— באַפרוכפּערט דאָס לאַנד, מ׳קען אויף אים פאָרן מיט שיפן.

— טויג זיך ניט אויס מען זאָל פאָרן מיט אים אויף שיפן, צעטיילט דאָס לאַנד אין צווייען.

— פאַראייניקט דאָס לאַנד.

פּאַלעסטינע ליידט דערפון

— וואָס דאָרטן גייען אָפּט ווינציק רעגנס און ס׳פעלט אָפּט אויס וואַסער.

— וואָס עס איז פאַראַן צופיל וואַסער און עס שאַפן זיך זומפּן און בלאָטעס.

די בערג, מיט וועלכע פּאַלעסטינע איז רייך,

— זענען אַ גליק פאַרן לאַנד.

— האָבן דאָס לאַנד באַשיצט, אָבער דערפאַר אָפּגעפרעמדט און אָפּגעטיילט די אידן פון דער וועלט.

— האָבן אָפּגעטיילט און אָפּגעפרעמדט איין שבט פון אַנדערן און געשטערט די אידן צו פאַראייניקן זיך.

דער נייער שטייגער לעבן אין כנען

אין מדבר זיינען די אידן געווען — — — — — —	ערד־אַרבעטער
אין כנען (פּאַלעסטינע) זיינען די אידן געוואָרן— —	כנענים
ווי צו באַאַרבעטן די ערד האָבן זיך די אידן אויסגעלערנט ביי די — — — — — — — — — — — —	פּאַסטוכער

די ערשטע הונדערט יאָר אין נייעם לאַנד.
די צייט פון די שופטים (שריפטים)

פאַרנומען	צעשיידט	פאַראייניקט
זעלטן	קויפט	אָפּגעפרעמדט
שבט	פאַרקויפט	כנענים
	פרעמד	

(אין יעדן זאַץ פעלט דאָס לעצטע וואָרט. זוך־אויס דאָס נויטיקע וואָרט, וואָס געפינט זיך אויבן, שרייב־צו דאָס וואָרט און פאַרענדיק דעם זאַץ).

1. מער ווי הונדערט יאָר נאָכדעם ווי די אידישע וואַנדערער האָבן זיך באַזעצט אין כנען (פּאַלעסטינע) זיינען זיי נאָך אַלץ ניט געווען.....

2. דאָס נייע לאַנד, פול מיט בערג און טאָלן, האָט די אידן ניט אַלעמאָל פאַראייניקט, נאָר פאַרקערט — זייער אָפט.........

3. אַ גרויסע שטערונג איז געווען דאָס, וואָס צווישן די אידישע דערפער און פעלדער האָבן זיך נאָך געפונען באַפעסטיקטע שטעט פון די . . . .

4. פאַרן פון איין דערפל אין דעם אַנדערן פלעגט מען זייער . . . . .

5. פאַר אַ פויער איז זייער שווער אָפּצורייסן זיך פון זיין פעלד, אַוועקצוּוואַרפן די אַרבעט, ער איז אַלעמאָל שטאַרק . . . .

6. ווייט פון דער היים איז מען אויך ניט אַלעמאָל זיכער מיטן לעבן. ווער קען אויפן וועג באַשיצן? די וועגן זיינען שלעכט און פול מיט געפאַר. היינט וואָס זאָל אַ פויער צווינגען צו פאַרלאָזן זיין היים און וואַנדערן אין דער . . . .

7. דער פויער עסט ברויט פון זיין אייגענעם פעלד, מילך האָט ער פון זיינע אייגענע ציגן און קי, ניט ער . . . . ניט ער . . . .

8. די אידן פון די באַזונדערע דערפלאַך זיינען בּיסלאַכווייז . . . . . . געוואָרן איינער פון אַנדערן. אין צייט פון געפאַר פלעגן אידן פון איין . . . . ניט קומען צו הילף די אידן פון אַן אַנדער . . . . . .

פעלקער=טיפּן

אַ סיריער



אַ פעניציער

פאַרוואָס זיינען די שבטים געווען אָפּגעפרעמדט ?



דער פּלאַץ אויף דער מאַפּע, וואָס איז אָנגעפילט מיט שמריכן, ווייזט, אַז דאָ זיינען כנענישע דערפלעך געווען אויסגעמישט מיט אידישע.

(קאָליר די מאַפּע)

9. דער נייער שטייגער לעבן אין לאַנד

מיט דער איינוואַנדערונג פון די אידן אין כנען האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער שטייגער לעבן פאַר די וואַנדערנדיקע פאַסטו־כער. אַנשטאָט וואַנדערער, זיינען זיי גאָר איצט געוואָרן באַוואוי־נער פון דערפער און מיט יאָרן שפּעטער, באַוואוינער פון שטעט. אַנשטאָט פּיטערן שעפּסן האָבן זיי גאָר איצט גענומען באַאַרבעטן די ערד, פּלאַנצן וויינגערטנער א. ד. גל.

איינגאַנצן פאַרוואַרפן פּיצוכט האָבן זיי ניט באַדאַרפט, וואָרום כנען האָט געהאַט אַ סך גוטע פּיטער־פּלעצער פאַר שאָף און רינ־דער; ווידער איז ניט אומעטום די ערד געווען צוגעפאַסט פאַר ערד־אַרבעט, — אָבער אין אַלגעמיין, זיינען די צוויי ענדערונגען פאָרגעקומען אומעטום: די אידן זיינען געוואָרן ת ו ש ב י ם (ט ו י ש ו ו י ם) פ ו ן ד ע ר פ ע ר א ו ן ש ט ע ט, ע ר ד ־ אַ ר ־ ב ע ט ע ר א ו ן ו ו י י נ פ ל אַ נ צ ע ר.

דער איבערגאַנג פון איין שטייגער לעבן צו אַן אַנדער לעבן איז ניט פאָרגעקומען מיטאַמאָל. ס'האָט גענומען אַ סך, אַ סך יאָרן. די אידן האָבן זיך אויך פיל געלערנט ביי דער פריערדיקער באַפעלקערונג פון לאַנד, די כנענים. עס איז אויך ניט געווען אַזאַ לייכטער איבערגאַנג. פון איין זייט איז דאָס לעבן פונם פויער געווען גרינגער, זיכערער און גליקלאַכער, פון דער אַנדערער זייט איז אָבער די דאָליע פון פויער אויך געווען ביז גאָר אַ ביטערע, אַ שווערע. ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז זיינען אָבער אידן אַלץ מער געוואָרן אַן ע ר ד ־ אַ ר ב ע ט ע ר ־ פ אָ ל ק און וואָס ווייניקער אַ פאָלק פון וואַנדערנדיקע פאַסטוכער.

אין וואָס מענטשן האָבן אַמאָל געגלויבט

די איינוואַנדערונג אין כנען (קנאַאַן) האָט באַווירקט דאָס גאַנצע לעבן פון דעם פריערדיקן פאַסטוכער־פאָלק; ניט בלויז זיינען די פּרנסות (פּאַרנאָסעס) געוואָרן אַנדערע, דער שטייגער

לעבן האָט זיך געביטן, עס זיינען אויך פאַרגעקומען גרויסע ענ־דערונגען אין די גלויבונגען פון די אַמאָליקע מדבר־מענטשן, אין זייער קוק אויף וועלט און מענטש און אין זייער אָפּשאַצונג פון גוטס און שלעכטס.

דער מזל פון דעם מענטשן איז קיינמאָל ניט געווען קיין פריילאַכער; וואָס ווייטער אויף צוריק, אַלץ ערגער. (בלויז אין די מעשהס ווערט דערציילט, אַז אַמאָל, גאָר, גאָר אַמאָל האָט דער מענטש געלעבט אין אַ גן־עדן (גאַניידן) און עס איז אים גוט גע־ווען. דער אמת איז פּונקט פאַרקערט.) דער מענטש פאַרצייטן האָט שווער געהאָרעוועט, האָט אַ סך געליטן, איז קיינמאָל ניט געווען זיכער מיטן לעבן, זיינע טעג און נעכט זיינען געווען אָנגעפּילט מיט שרעק.

דער פאַרצייטיקער מענטש האָט געוואוסט פון אַ סך געפאַרן: רעגן, קעלט, הונגער, בייזע חיות, אַנדערע מענטשן, פון וועלכע ער האָט זיך געמוזט היטן. אָבער אויסער די אמתע געפאַרן, האָט ער נאָך געליטן פון אויסגעטראַכטע סכנות (סאַקאָנעס): ס'האָט געבליצט און געדונערט, די זון האָט געשיינט, די וואַסערן האָבן שטאַרק געראַשט ביינאַכט, די לבנה איז אַרויס אין הימל. וואָס באַטייט עס? עס מוז עפּעס באַטייטן! דער מענטש מוז זיין אָפּגעהיט...

דער פאַרצייטיקער מענטש איז געווען איינזאַם, שלעכט אָר־גאַניזירט. די וועלט אַרום זיך, די דערשיינונגען פון דער נאַטור האָט ער ניט פאַרשטאַנען. אומוויסנקייט ברענגט שרעק. גלויבן וואַקסט אַרויס פון שרעק. אַז אַ מענטש טרינקט זיך, כאַפּט ער זיך אָן אָן אַ שטרוי. דער פאַרצייטיקער גלויבן איז געווען ניט מער ווי דער שטרוי, אָן וועלכן דער מענטש האָט זיך אין דעם ים פון שרעק און הונגער און נויט אָנגעכאַפּט.

די זון שיינט אין הימל, זי ברענגט היץ, זי טוט שלעכטס דעם מענטשן; אין דעם שלעכטס קען זי ברענגען מער שלעכטס (זי ברענט שטאַרקער), און זי קען ברענגען ווייניקער שלעכטס (זי ברענט ניט אַזוי מיט איר שרעקלאַכן פייער). דאַרף מען דער זון, וואָס איז אַוודאי אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, ווי דער מענטש, נאָר מיט מער ווילסטן כּח, געפעלן, אויסבעטן פריינדשאַפט ביי איר און ניט שנאה. פריינדשאַפט און הילף בעט מען אויס דורך מתּנות

און דורך אויסדריקן הכנעה (האַכנאָע), ווי אַ שטייגער ביי אַ שטאַרקערן שונא (סוינע).

דער אויפקום פון אַמאָליקן גלויבן, וואָס רעשטן פון אים זיינען שפּעטער אויפגעהאַלטן געוואָרן אויף הונדערטער און טויזנ־טער יאָרן לאַנג, איז געווען דער קלאָרער סימן פון מענטשלא־כער אומבאַהאָלפנקייט און שרעק.

גלויבן און סביבה (סוויווע)

דער גלויבן פון דעם מענטשן פאַרצייטן איז געווען אָפּהענ־גיק פון דעם, וואָס פאַר אַ סאָרט לעבן דער שבט אָדער דאָס פאָלק האָט געפירט.

ביי די ערד־אַרבעטער איז די זון אַ גוטער גאָט. די זון שיינט, וואַרימט. די תבואה (טוואוע) אויף די פעלדער גייט־אויף; די זון העלפט דעם פויער. ביי די וואַנדערער, ביי די פּאַסטוכער, פאַרקערט, ווערט די זון פאַררעכנט פאַר אַ שלעכטן גאָט — די זון ברענט־אָן דעם זאַמד אין מדבר, ס'איז הייס, ס'איז ניט מעגלאַך צו וואַנ־דערן, מען קען זיך קוים אויסבאַהאַלטן פון היץ. די זון ברענגט שאָדן, שטערט דעם מענטשן, דערפאַר איז די לבנה אַ גוטער גאָט זי שיינט ביינאַכט, ווען אַלץ אַרום איז פינסטער (די פינסטערניש וואַרפט אָן אויף דעם פאַרצייטיקן מענטשן אַ מורא). די לבנה באַלייכט דעם וועג, אָבער ברענט ניט; וואַנדערער קענען זיך לאָזן אין וועג ביינאַכט, בעסער ווי בייטאָג. פאַרוואָס זאָלן זיי ניט דאַנקבאַר זיין דער לבנה?

ווען די וואַנדערער אין מדבר פלעגן דערזען די פולע לבנה, איז זייער פרייד געווען אַזוי גרויס, אַז זיי פלעגן אָנהייבן צו טאַנצן און זינגען.

(דער מנהג פון באַגעגענען די פולע לבנה מיט פרייד האָט זיך ביזן היינטיקן טאָג אויפגעהאַלטן צווישן די פרומע אידן).

דער גאָט פון די וואַנדערנדיקע בני־ישראל (בניי־איסראָעל)

די פאַרצייטיקע אידן האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז איטלאַכס פאָלק האָט זיך זיין גאָט. אידן האָבן זייער גאָט—י ה ו ה (יאַהאָווע),

אַ כּנעניש̇ער בעל (באַאַל) — דער פעניצישער זונען־גאָט



געצייג פון אַמאָל

די עגיפּטער, זייער גאָט — אָזיריס און אַנדערע געטער; די כנענים האָבן זייער גאָט — בעל (באַאַל)... די געטער באַשיצן די פעלקער, העלפן זיי אין מלחמה קעגן די געטער פון די אַנדערע פעלקער, וואָרום ניט בלויז מענטשן אַליין קעמפן אויפן שלאַכט-פעלד, אויך די געטער וואַרפן זיך אַריין מיט וואוט און צאָרן...

די אַלע פעלקער, וואָס האָבן געוואוינט אויף זייער אייגן לאַנד און האָבן שוין פאַרוואָרפן דעם וואַנדער-שטייגער פון לעבן, האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז אויך די געטער, פונקט ווי די מענטשן, זיינען צוגעבונדן צו דער ערד, וואו זיי לעבן. אויסער די גרעניצן פון זייער אייגענעם דאָרף, שטאָט אָדער לאַנד, האָבן די געטער גאָר קיין שליטה (שליטע) ניט. ווען אַ מענטש וואַנדערט-אויס אין אַ ניי אָרט, מוז ער אָנהייבן דינען די געטער פון נייעם לאַנד; וויל ער אויך זיין געטריי זיינע אַלטע געטער, דעמאָלט מוז ער אויפשטעלן אַ מזבח (מיזבייאַך), ד. ה. אַן אָרט, וואו מען ברענגט קרבנות (קאָרבאָנעס) צו גאָט, אויף ערד, געבראַכט פון אייגענעם לאַנד.

יהוה איז געווען אַ וואַנדער-גאָט, פונקט ווי זיין פאָלק, די בני-ישראל, זיינען געווען וואַנדערער. ער איז מיטגעגאַנגען מיט זיינע גלויביקע און ער איז זיי געקומען כסדר צו הילף.

די מדבר-מענטשן האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז יהוה איז אַ צאָרנדיקער גאָט, ער שליידערט מיט פייער און ווייזט זיך אין דונער, ער קען ניט פאַרטראָגן קיין אַנדערע געטער לעבן זיך. ער וויל ניט מען זאָל זיין געשטאַלט אויסהאַקן אין שטיין, אָדער אויסשניצן אין האָלץ. קיינער קען יהוהן ניט זען, וואָרום דער וואָס וואָלט אים דערזען, וואָלט געשטאָרבן.

יהוה וואוינט אין די וואָלקנס, אָדער אויפן שפּיץ פון פייער-שפייענדיקן באַרג, ער גייט אין אַ זייל פון רויך און פייער און וואַרפט אָן אַ שרעק אויף זיינע שונאים. קיינער איז ניט געגליכן צו יהוהן; נאָר דעמאָלט, ווען ער איז אין כעס אויף זיין פאָלק, פאַרלירן זיי.

אַ סך פון די פאָרשטעלונגען, וואָס אידן האָבן געהאַט וועגן זייער גאָט יהוה, זיינען אויף הונדערטער יאָרן פאַרבליבן ביים פאָלק ניט געענדערט, אַ סך פאָרשטעלונגען האָבן זיך אינגאַנצן געביטן, געוואָרן אויסגעאיידלט און פאַרטיפט.

אין די ווייטערדיקע יאָרהונדערטן האָבן זיך די אידן געוואוינט צו מען פאָרשטעלן, אַז יהוה איז ניט בלויז דער גאָט פון אידישן פאָלק, נאָר אַז ער איז אויך דער באַשאַפער פון דער וועלט און במילא דער גאָט פון אַלע פעלקער, ניט בלויז פון די אידן. יהוה זאָרגט זיך ניט בלויז וועגן זיין פאָלק, נאָר אויך וועגן אַלע אַנדערע פעלקער, און אַפילו זיין אייגן פאָלק קען ער אויך אַמאָל באַשטראָפן, און שווער באַשטראָפן, אויב עס באַגייט אומרעכט.

יהוה, דער גאָט פון דער גאַנצער וועלט און דער גאָט פון גערעכטיקייט, דאָס איז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג. דער אָנהייב אָבער איז געווען אַן אַנדערער: יהוה, דער גאָט פון די וואַנדערנדיקע בני-ישראל, דער צאָרנדיקער גאָט, וואָס שטרייט פאַר זיין פאָלק. ער האָט ניט קיין געשטאַלט, ער האָט ניט קיין באַשטימטן וואוין-אָרט, א וואַנדער-גאָט, ווי זיין פאָלק, וואָס האָט ניט קיין היים, נאָר בלויז געצעלטן.

אויך יהוה האָט געוואוינט אין א געצעלט, ריכטיקער, אין אַן אָרון, אַ גרויסן קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען אין אַ געצעלט. די וואַנדערער פלעגן דעם אָרון אַלעמאָל מיט זיך מיטפירן אָדער מיטטראָגן; ווען דאָס פאָלק פלעגט זיך לאָזן אין קריג, פלעגט עס אויסרופן: „קום אַרויס, יהוה, און שלאָג דיינע שונאים!" אַפילו מיט יאָרן שפּעטער, ווען אידן זיינען געוואָרן אויס וואַנדער-פאָלק, האָבן זיי קיין נייע היים פאַר יהוהן ניט געבויט.

די ווירקונג פון כנען אויפן יהוה-גלויבן

דער נייער שטייגער פון לעבן אין דערפער און אָפּגעבן זיך מיט ערד-אַרבעט האָט שטאַרק באַווירקט דעם יהוה-גלויבן. אידן זיינען טאַקע אין די מלחמות מיט די כנענים אַרויס די זיגער, אָבער כנען איז געווען זייער אַן אַלט לאַנד, מיט אַן אַלטער קולטור.

די קולטור פון אַלטן כנען האָט גענומען באַווירקן די איינגעוואַנדערטע פאַסטוכער. צוזאַמען מיט דער קענטשאַפט צו באַאַרבעטן די ערד, צו פלאַנצן ווייַן-גערטנער און בויען הייזער האָבן די מדבר-מענטשן איבערגענומען אַסך גלויבונגען פונם פאָלק, צווישן וועלכן זיי האָבן איצט געלעבט.

ניט אומעטום איז די כנענישע באַפעלקערונג אויסגעראָטן

געוואָרן, אַ סך מאָל האָבן כּנענישע דערפער און אידישע דערפער געפונען זיך גאָר נאָענט בשכנות (בישכיינעס), די אַלטע באַוואוינער און די איינוואַנדערער האָבן געלעבט בשלום צווישן זיך. ס׳רוב (סראָוו) זיינען די כּנענים פאַרבליבן לעבן אין די שטעט און ערשט הונדערטער יאָרן שפּעטער איז די אידן געלונגען די שטעט צו באַזיגן.

אַ סך יאָרן זיינען אַוועק, ביז עס איז איינגעשטעלט געוואָרן רו, אָבער דאָס האָט ניט געשטערט דער אַלטער קולטור פון לאַנד צו באַווירקן די נעכטיקע מדבר־מענטשן.

די כּנענים זיינען געווען געצנדינער. זיי האָבן געגלויבט אין אַ גאָט ב ע ל (באַאַל), וואָס מאַכט פרוכטבאַר די ערד און מאַכט וואַקסן די תּבואה (טוואוּע) אויף די פעלדער; דער בעל, אַזוי האָבן זיי זיך פאָרגעשטעלט, וואוינט אין אַ גרויסן בוים, אָדער אין אַ שטיין, אין אַ טייך, אָדער אין אַ וואַסער־קוואַל.

דער בעל־גלויבן האָט זיך ביסלאַכוויז גענומען פאַרשפּרייטן אויך צווישן די נייע פויערים. ווען אַ כּנעני (קנאַאַני) האָט געלערנט אַ אידן ווי צו פירן דעם אַקער און ווי צו זייען און ווי צו דרעשן, האָט ער אים אַוודאי געמוזט זאָגן: „קוק זיך צו און לערן זיך, ווי דאָס פעלד דאַרף פאַרזייט ווערן, ווי די תּבואה דאַרף מען שניידן; געדענק, פעלדער דאַרפן רעגן און רעגן קומט פון הימל!״ ער האָט אים אַוודאי אויך אַזוי געמוזט געבן צו פאַרשטיין: „אַקערן, זייען, שניידן און דרעשן, דאָס אַלצדינג איז נייטיק צו טאָן און אָן דעם קען מען זיך גאָרניט באַגיין, אויב מען וויל תּבואה זאָל וואַקסן. אָבער דאָס אַליין איז ניט גענוג, מען באַדאַרף אויך ברענגען מתּנות (מאַטאָנעס) צום ב ע ל, דעם באַשיצער פון פעלד, וואָס מאַכט, אַז די תּבואה זאָל וואַקסן און די גערעטעניש זאָל זיין גרויס. וועסט זיין קאַרג און פאַרגעסן אָן בעל, וועט בעל פאַרגעסן אָן דיר און די פעלדער וועלן בלייבן הויל און וויסט״.

דער פויער האָט איבערגענומען די נייע „תּורה״ (טוירע) צוזאַמען מיטן נייעם שטייגער פון ערד־אַרבעט. דער נייער בעל־גלויבן האָט זיך צונויפגעמישט מיטן אַמאָליקן יהוה־גלויבן. יהוה אַליין האָט געקראָגן די אייגנשאַפטן פון בעל. בלויז צווישן די פאַסטוכער, וואָס האָבן נאָך ניט אַריינגעדרונגען טיף אין לאַנד און געלעבט אין די גראָזיקע פעלדער פון כּנען, אָדער אין די

בערג, האָט זיך דער יהוה־גלויבן אויפגעהיט ריין און דער בעל־גלויבן האָט אים ניט געקענט שעדיקן.

די פירער פון די שבטים

מער ווי הונדערט יאָר האָבן אידן געלעבט אין נייעם לאַנד און דאָך איז קיין פירער, וואָס אַלע שבטים זאָלן זיך צוהערן צו זיין וואָרט, אויספּאָלגן אים ניט געווען. יעדער שבט האָט זיך געלעבט באַזונדער זיין אייגן לעבן.

אין צייט פון סכנה (סאַקאָנע) פלעגט אויפשטיין אַ העלדי־שער מענטש, אַ גבור (גיבער), ער פלעגט צונויפקלייבן מוטיקע יונגען און גיין אין מלחמה, אָפּשלאָגן דעם שונא (געליטן האָבן די אידן מער ווי אַלץ פון די מדבר־וואַנדערער, וואָס פלעגן אָנ־פאַלן, באַרויבן און צוריק אַנטלויפן). פלעגט די געפאַר אַריבער, האָט זיך דער גבור צוריק אומגעקערט צו זיין נחלה (נאַכלע) און האָט ווידער באַאַרבעט זיין פעלד.

צו אַזאַ מענטשן אַ גבור פלעגט מען זיך אויך ווענדן אין צייט פון אַן אַנדער צרה, למשל, ווען עס פלעגט אויסברעכן אַ קריגערייַ צווישן אייגענע מענטשן. אויף זיין משפּט (מישפּעט) פלעגט מען זיך פאַרלאָזן... דעם גבור (גיבער) פון דער מלחמה־צייט האָט מען דעריבער אויך אָנגערופן שופט (שויפעט), וואָס דאָס מיינט ריכטער, ער האָט געדאַרפט זען, אַז רעכט און גע־רעכטיקייט זאָל געטאָן ווערן.

די מאַכט פונם שופט

דער שופט איז געווען אָנערקענט נאָר ביי זיין שבט (שייוועט), ניט ביי די אַנדערע. אַז מען פלעגט אָנפאַלן אויף די אידן פון איין שבט, האָט עס די אַנדערע ווייניק געאַרט... עס האָט זעלטן געטראָפן, אַז שבטים (שוואָטים) זאָלן זיך פאַראייניקן, פאַרקערט, די שבטים אַליין פלעגן גאָר צו־מאָל באַפאַלן איינע די אַנדערע.

די צעריסנקייט, די אומייניקייט פון די אידישע פויערים איז געווען אַ גרויס אומגליק. דאָך האָט זי אָנגעהאַלטן כמעט (קימאַט) די גאַנצע צייט, וואָס די אידן איז אויסגעקומען צו קעמפן קעגן די מדבר־וואַנדערער און קעגן די כנענים (קנאַאַנים).

פאַר דעם, װאָס װײס, איז דאָס ניט שװער!

דאָס לעבן אין מדבר און דאָס לעבן אין כנען.
די צײַט פֿון די שופֿטים.

שטרײַך־אױס פֿון יעדע פֿינף װערטער אײן װאָרט, װאָס האָט ניט צו טאָן מיט די איבעריקע פֿיר:

מדבר, פּיצוכט, ערד־אַרבעט, געצעלטן, װאַנדערונגען.
שופֿטים, שבטים, מלחמה, עגיפּטן, כנענים.
שופֿט, ריכטער, קריגס־פֿירער, הענדלער, העלד.
אומאײנִיקײט, הונגער, שופֿטים, בערג, כנענים.

שופֿט (שױפֿעט)	שופֿטים (שױפֿטים) . . . . . .
בני־ישראל (בניי־איסראָעל)	

אין דער צײַט פֿון די שופֿטים זײַנען די מערסטע אידן געװען:

– ערד־אַרבעטער און פּאַסטוכער.
– פּאַסטוכער און הענדלער.
– הענדלער.

אַ שופֿט איז געװען:

- אַ קעניג און אַ הערשער.
– אַ פֿירער אין מלחמה און אַ ריכטער.
- דאָס זעלבע װאָס אַ שבט.

דאָס לאַנד כנען האָט די שבטים מער – – – – – – –	פּאַראײניקט
אין דער צײַט פֿון די שופֿטים זײַנען די אידן ניט געװען – – – – – – – – – – – – – –	מדבר
אױף די אידן פֿלעגן אָנפֿאַלן װאַנדער־פֿעלקער פֿון – – – – – – – – – – – – – – –	צעטײלט

אָז חאָס דערמאָנט עס דיך?

געפין־אויס די פּאַסיקע פֿאַרקלערונגען (לינקס) פאַר די ווערטער (רעכטס). פרעג דעם לערער ווי דאָס צו טאָן, אויב דו פאַרשטייסט אַליין ניט.

1 ____ מדבר
2 ____ עגיפּטן
3 ____ כנען
4 ____ בני ישראל
5 ____ אָאַזיס

א) געגנט ברויט און וואַסער, פּיראַמידן.
ב) זאַמד און הימל, די זון ברענט.
ג) אידן, ווי זיי האָבן געהייסן אַמאָל.
ד) פּאַלעסטינע.
ה) אַ קוואַל וואַסער אין מדבר און אַרום ביימער און גראָז.

שווערע ווערטער זיינען שווער אַזוי לאַנג ווי מען פאַרשטייט זיי ניט

ביסט זיכער, אַז דו ווייסט די אַלע אויסדרוקן? לייען זיי דורך. די, וואָס דו ווייסט אַליין, פאַרשרייב גלייך זייער באַדייטונג. וועגן די ווערטער, וואָס דו ווייסט ניט, פרעג דיינע פריינד, פרעג דעם לערער. שעם זיך ניט.

מדבר	שבטים	פרעה	שופטים
פאַסטוכער	כנען	שקלאַפעריי	בני ישראל
שבט	עגיפּטן	שופט	בעל

10. אַ נייער שונא (סוינע) — די פּלשתּים — אַ פֿאָלק פֿון ברעג ים באַפֿאַלט די אידן

יאָרן זיינען אַוועק. די אַלטע לייט פלעגן אָפּשטאַרבן און יונגע מענטשן פלעגן קומען אויף דער וועלט. קיין שלום, קיין רו איז אָבער נאָך אַלץ ניט געווען אין די אידישע דערפער.
ווי נאָר די פּויערים פלעגן אַראָפּנעמען דעם שניט פון די פעלדער, אַזוי פלעגן אָנלויפן די מדבר־פעלקער, רויבן, פאַרברע־נען, טויטן און צוריק פאַרשווינדן. די אידישע פּויערים פלעגן פאַראָרימט ווערן, בלייבן אָפּטמאָל אָן אַן אָפּדאַך...
אָבער געפערלאַכער פון די מדבר־וואַנדערער זיינען מיט דער צייט געוואָרן די פּ ל ש ת י ם.

געפאַנגענע פּלשתּים

דער כריער שונא, ווער איז ער געווען?

די פּלשתּים זיינען געווען אַ פֿאָלק, וואָס איז געקומען פון די אינזלען אויפן מיטלענדישן ים און האָט זיך באַזעצט ביים מערב (מיירעוו) ברעג פון כנען. די פּלשתּים זיינען אָנגעקומען כמעט אין דער זעלביקער צייט ווי די אידן, מער ניט פון אַ אַנ־

דער ריכטונג: די אידן זיינען אָנגעקומען פון עבר־הירדן (אייווער־האַיאַרדן), די פּלשתּים — פון ים.

אַ לאַנגע צייט האָבן זיך די אידן מיט די פּלשתּים גאָרניט באַגעגנט (די כּנענים האָבן זיך געפונען צווישן). אַזוי זיינען אַוועק אַ סך יאָרן. פאַר דער צייט האָבן די אידן פאַרנומען דאָס לאַנד, ניט בלויז די בערג, נאָר אויך די טאָלן; אויך די פּלשתּים זיינען רייך און שטאַרק געוואָרן.

כאָטש די פּלשתּים זיינען געווען באַוואוינער פון ברעג ים, האָבן זיי פונדעסטוועגן קיין ים־האַנדל ניט געפירט. ווייל קיין גוטע האַפנס, וואָס זאָלן באַשיצן די שיפן פון שטורם און ווינט, האָבן זיי ניט פאַרמאָגט (גוטע האַפנס האָבן געהאַט די פעניקיער). דערפאַר אָבער זיינען דורכן לאַנד פון די פּלשתּים דורכגעגאַנגען די האַנדלס־וועגן, אויף וועלכע עס האָבן זיך גע־צויגן די קאַראַוואַנען פון אסיריע און באַבי־לאָניע קיין עגיפּטן. די פּלשתּים זיינען דעריבער גיך רייך געוואָרן און האָבן זיך פאַרמערט.

דאָס שטיק לאַנד ביים ברעג ים איז פאַר די פּלשתּים גע־וואָרן צו־קליין, צו־ענג און זיי האָבן זיך גענומען אויסברייטערן, אַריינדרינגען טיפער אין לאַנד. באַלד איז עס געקומען צו די ערשטע צוזאַמענשטויסן מיט די אידן.

די פּלשתּים — בעפערלאַכער פון די מדבר־וואַנדערער

פאַר די אידן זיינען די פּלשתּים געווען געפערלאַכער ווי די מדבר־וואַנדערער. די מדבר־שבטים פלעגן אָנקומען און פאַרשווינדן. די פּלשתּים זיינען געוואָרן אַ שטענדיקע גע־פאַר. סיי די פּלשתּים, סיי די אידן האָבן זיך פאַרלייגט צו פאַר־נעמען דאָס גאַנצע לאַנד כּנען (קנאַאַן).

אין די ערשטע קאַמפן מיט די פּלשתּים האָבן די אידן ביטער פאַרלאָרן. איין שבט אידן, וואָס האָט געלעבט ביים ברעג ים, האָט צוליב די אָנפאַלן פון די פּלשתּים געמוזט אַוועק זוכן אַ נייע היים אין צפון (צאָפן) כּנען. די אַנדערע שבטים האָבן געקעמפט און כּסדר (קעסיידער) פאַרלאָרן.

ס'האָט ניט געהאָלפן, וואָס די אידן האָבן, איין מאָל, גייענ־דיק אין מלחמה מיט די פּלשתּים, מיטגענומען דעם הייליקן אָרון...

פון פלשתישן שטייגער



פלשתישע שיפן



אָקסן־שפאַן ביי די פלשתים



מוסטערן פון טעפעריי־קונסט ביי די פלשתים

די אידן האָבן פאַרלאָרן די שלאַכט און דעם הייליקן קאַסטן האָט דער שונא גענומען געפאַנגען. די פלשתים האָבן אויך אַוועקגענומען פון די אידישע דערפער אַלע שמידן, כּדי די פויערים זאָלן זיך ניט קענען באַוואָפענען און רעוואָלטירן.

ס'איז געווען שלעכט. די אידישע פויערים זיינען געווען פאַרצווייפלט. זיי האָבן אָבער ביסלאַכווייז גענומען איינזען, פאַר וואָס זיי פאַרלירן כּסדר. די פלשתים קעמפן פאַראייניקט ווי איין מענטש, די אידישע שבטים קעמפן באַזונדער, העלפן זיך ניט אַרויס אין נויט. נאָר אין אייניקייט ליגט מאַכט. אויב די אידן ווילן ווערן פריי, מוזן זיי זיך פאַראייניקן. די קעמפער פון גאַנצן לאַנד מוזן זיך צוזאַמענגעמען און קעמפן ניט באַזונדער, נאָר צוזאַמען, אונטער דער אָנפירונג פון איין מענטשן. די אידן מוזן ענדלאַך גרינדן אַ מלוכה (מעלוכע).

נאָכדעם ווי די אידן זיינען שוין אַריין אין לאַנד, האָבן זיי געליטן

— פון די מדבר-פעלקער, וואָס פלעגן באַפאַלן און צונעמען די תבואה פון די פעלדער.

— פון די עגיפּטער, וואָס זיינען אָנגעפאַלן אויף די אידן און געוואָלט זיי צוריקברענגען קיין עגיפּטן.

— פון די כּנענים.

אַ נייע געפאַר: די פלשתים (פּלישטים), אַ פאָלק, וואָס לעבט ביים ברעג ים, באַפאַלן די אידן.

אין די מלחמות מיט די פלשתים האָבן די אידן פון אָנפאַנג פאַרלאָרן. (שטעל אַוועק אַ + לעבן די ענטפערס, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק).

— ווייל די אידן זיינען ניט געווען פאַראייניקט.

— ווייל די פלשתים האָבן פאַרמאָגט בעסערע געווער פון די אידן. די פלשתים האָבן געהאַט רייטוועגנער, שפּיזן א. ד. גל.

– ווייל די פּלשתּים האָבן פאַרמאָגט שיפן. די אידן האָבן קיין שיפן ניט געהאַט.
– ווייל די פּלשתּים זיינען געווען פאַרייניקט.

די אידישע שבטים פאַראייניקן זיך

(אין יעדן זאַץ פעלט דאָס לעצטע וואָרט. זוך-אויס דאָס נויטיקע וואָרט אין קאָלום, וואָס געפינט זיך לינקס. שרייב-צו דאָס וואָרט און פאַרענדיק דעם זאַץ.)

די פּלשתּים זיינען געקומען פון די אינזלען אויפן — — — — — — — — — — — — — — — —	מלוכה
דער יאָך פון די פּלשתּים איז געווען שווערער ווי די אָנפאַלן פון די — — — — — — — — — — — — —	קעניג
כּדי זיך צו באַשיצן פון די פּלשתּים האָבן זיך די שבטים פאַראייניקט און געגרינדעט די — — —	מיטללענדישן ים
שאול, דער זון פון אַ אידישן פּויער, איז געווען דער ערשטער — — — — — — — — — — — — — — —	מדבר-פעלקער

צוליב וואָס איז געגרינדעט געוואָרן די מלוכה?

פאַרוואָס זיינען די אָנפאַלן פון די פּלשתּים געווען מער געפערלעך ווי די אָנפאַלן פון די מדבר-פעלקער?

(שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן די ענטפערס וואָס זיינען די האַלטסט פאַר ריכטיק.)

– די מדבר-פעלקער פלעגן אָנפאַלן און אַנטלויפן.

– אַלע פּלשתּים זיינען געווען ריזן, הויך געוואַקסן, דריי קעפּ העכער פון די אידן.

– די פּלשתּים זיינען געווען בעסער באַוואָפנט פאַר די מדבר-פעלקער.

– די פּלשתּים זיינען געווען פאַרייניקט.

פון װעמען האָבן די אידן געליטן?



קוקנדיק אויף דער מאַפּע רעכן־אויס פון װעמען די אידן האָבן געליטן:

א) .... ב) .... ג) ....

שרייב־צו צו דער מאַפּע אַלץ, װאָס דאָרטן פעלט. קאָליר זי.

11. שאול, דער זון פון אַ אידישן פויער, פירט מלחמות מיט די מדבר־וואַנדערער, פאַרטרייבט די פלשתים און גרינדעט די מלוכה

שאול, דער זון פון אַ אידישן פויער, ווערט קעניג

שאול איז געווען דער זון פון אַ אידישן פויער, יונג און שיין און מיט אַ קאָפּ העכער פון גאַנצן פאָלק. איינמאָל זיינען ביי זיין פאָטער פאַרלאָרן געגאַנגען צוויי אייזלען, איז שאול צוזאַמען מיט אַ יונג אָוועק זוכן אין די דערבייאיקע דערפלאַך, אפשר האָבן די אייזלען וואו פאַרבלאָנדזשעט; לאַנג האָט זיך שאול מיטן יונג אַרומגעשלעפּט איבער די דערפער, און די אייזלען ניט געקענט געפינען.

אומקערנדיק זיך צוריק אַהיים, מיד און אַביסל נידערגעשלאָגן, גייען זיי פאַרביי אַ דערפל; רופט זיך אָפּ דער יונג, וואָס איז געגאַנגען מיט שאולן: „דו ווייסט, דאָ אין דערפל וואוינט אַ הייליקער מענטש, אַ זעער; לאָמיר אַקאָרשט אַריינגיין צו אים, וועט ער אונז אַוודאי זאָגן, וואו די אייזלען זיינען".

שאול האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן: „מיר האָבן דאָך גאָרניט מיט זיך", האָט ער זיך אָפּגערופן. „וואָס פאַר אַ מתּנה (מאַטאָנע) וועלן מיר ברענגען דעם הייליקן מאַן?" — „ס'מאַכט ניט אויס", האָט דער קנעכט געענטפערט, „איך האָב מיט זיך אַ פערטל שקל (שעקעל) זילבער".

זיינען זיי אָוועק. ווי זיי גייען אַרויף אין שטאָט (ס'איז געווען באַרג־אַרויף), ערשט זיי טרעפן אָן מיידלאַך, וואָס גייען שעפּן וואַסער. פרעגט זיי שאול: „איז דאָ פאַראַן דער זעער?" ענטפערן די מיידלאַך: „ער איז דאָ; אייל זיך צו, וואָרום ער איז היינט געקומען אין שטאָט..."

איז שאול מיטן יונג אַרויפגעגאַנגען צו דער שטאָט. ווי זיי

קומען אַריין אין טויער פון שטאָט, ערשט שמואל דער זעער גייט זיי אַרויס אַנטקעגן. גייט שאול צו אים צו און פרעגט אים: „זאָג מיר, איך בעט דיך, וואו איז דאָס הויז פונם זעער?" ענטפערט שמואל שמייכלענדיק: „איך בין דער זעער. גייט ביידע אַרויף מיט מיר פאַראויס און איר וועט עסן מיט מיר היינט און מאָרגן אינדערפרי וועל איך אייך אַוועקשיקן"... „און אַלץ, וואָס עס ליגט דיר אויפן האַרצן", האָט ער זיך אָפּגערופן צו שאולן, „וועל איך דיר זאָגן... וועגן די אייזלען, וואָס זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען שוין היינט דריי טעג, וועגן זיי זאָלסטו גאָרניט זאָרגן, וואָרום זיי זיינען געפונען געוואָרן". נאָכדעם האָט ער אַ ווײַלע געשוויגן און פלוצים אַ זאָג געטאָן: „און פאַר וועמען איז אַלדאָס גוטס אָנגע-גרייט, אויב ניט פאַר דיר און פאַר דעם גאַנצן הויז פון דיין פאָטער?"

שאול האָט זיך אַביסל פאַרלאָרן און שטיל געענטפערט: „בין איך דען ניט פון בנימין (ביניאָמין), דעם קלענסטן שבט פון ישראל, און מיין משפחה (מישפּאָכע) איז די מינדסטע פון אַלע משפחות (מישפּאָכעס) פון שבט בנימין? און פאַרוואָס רעדסטו צו מיר אַזאַ זאַך?"

האָט שמואל געשמייכלט; ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז דער שטייגער ריידן פון אַ יונג, וואָס דער טאַטע האָט אים געלערנט דרך-ארץ (דערעך ערעץ), וואָרום בנימין איז גאָרניט דער קלענסטער פון די שבטים און שאולס משפחה איז גאָר רייך און האָט געענוג בהמות און אָקסן און קי. ער האָט גענומען שאולן און זיין קנעכט און זיי אַריינגעפירט צו זיך אין קאַמער. דאָרט זיינען שוין געווען אַרום דרייסיק מאַן, גערופענע; שאולן האָט ער אַוועקגעזעצט אויבן-אָן און האָט דעם קוכער געהייסן דערלאַנ-גען פון שענסטן און בעסטן.

נאָכן עסן איז שאול אַרויף מיט שמואלן אויפן דאַך און זיי האָבן גערעדט און געשמועסט לאַנג... דער אַלטער זעער האָט אַלץ געוואָלט וויסן און דער יונג האָט ליב באַקומען דעם פרעמדן און האָט אים געהאָרכט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם...

אויף מאָרגן זיינען אַלע אין שטוב אויפגעשטאַנען זייער פרי. דער אַלטער זעער האָט אַרויסגערופן צו זיך שאולן אויפן דאַך און האָט צו אים געזאָגט: „קום און איך וועל דיך אַרויסבאַגלייטן".

שאול איז אויפגעשטאַנען און ביידע זיינען אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן — ער און שמואל. ווי זיי נידערן אַראָפּ צום עק שטאָט, אַזוי זאָגט שמואל צו שאולן: „בעט דעם יונג, ער זאָל אַוועק־גיין פֿאָרויס". דער יונג איז אַוועקגעגאַנגען. „און דו שטיי אָקאָרשט"... — האָט שמואל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און איידער וואָס ווען, געגומען אַ קריגל אייל און אַרויפגעגאָסן שאולן אויפן קאָפּ. שמואל האָט דעם יונג געקושט: „דו גייסט היינט אַוועק פון מיר", האָט ער געזאָגט, „אָבער אַ דערלייזער וועסטו זיין פאַר מיין פאָלק".

אין שרעק האָט זיך שאול געלאָזט אַהיים, ניט וויסנדיק דעם מיין פונם זעער, נאָר אַ פרייד האָט אַרומגענומען אַלע זיינע גלידער.

ווי ער איז געגאַנגען אויפן וועג, אַזוי האָט ער באַגעגנט אַ כאָפּטע פון די בני־הנביאים (בניי־האַנוויאים), טאַנצנדיקע און יובלענדיקע; דער גייסט פון זייער אויסטערלישער פריילאַכקייט האָט אים אויך אַרומגענומען און ער איז געגאַנגען מיט זיי.

די פויערים פון די דערפער, וואָס האָבן אים געקענט ניט פון נעכטן אָדער אייערנעכטן, געוואוסט זיין פאָטער, האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט, געשאָקלט מיט די קעפּ: „איז אויך שאול צווישן די נביאים? ווי קומט עס צום יונג אַרומשלעפן זיך מיט דער ווילדער כאַליאַסטרע?"

אויפן וועג האָט ער באַגעגנט זיין פעטער. „וואו זייט איר געגאַנגען?" האָט ער אַ פרעג געטאָן שאולן, דערזעענדיק אים און דעם יונג, פאַרשטויבטע פון וועג. „מיר זיינען געגאַנגען זוכן די אייזלען און ווען מיר האָבן געזען, אַז זיי זיינען ניטאָ, זיינען מיר געקומען צו שמואלן". דער פעטער איז געוואָרן זייער נייגעריק: „דערצייל מיר, איך בעט דיך, וואָס האָט אייך שמואל געזאָגט?" שאול האָט אים אויף גיך אָפּגעפּאַטערט (אָפּגעפּטערט): „גאָרניט, ער האָט אונז געזאָגט, אַז די אייזלען האָבן זיך אָפּגעזוכט..." די מעשה פון דער מלוכה, וואָס שמואל האָט געזאָגט, האָט ער ניט דערציילט.

די שלאַנג פון מדבר

די שטאָט יבש (י אָ וו יי ש) איז געלעגן אויף דער אַנדער זייט פון ירדן (י אַ ר ד ן), נאָענט פונם מדבר. די מדבר־וואַנדערער

האָבן דעריבער, שוין פון לאַנג, געוואָרפן אַן אויג אויף דער שטאָט. די אומרועון אין לאַנד און די מפּלות (מאַפּאָלעס), וואָס אידן האָבן געליטן פון די פּלשתים, האָבן נאָך מער מוט צוגעגעבן די וואַנ־דערער.

נחש (נאָכעש), די „שלאַנג" פון מדבר, איז מיט זיינע מענטשן אַרויפגעקומען און האָט געלעגערט אויף דער שטאָט יבש. גוט אָנגעשראָקן פון די פאַרלאָרענע מלחמות האָבן די אידן פאָרגעלייגט שלום. „שליס מיט אונז אַ בונד", האָבן זיי זיך געבעטן, „און מיר וועלן דיר דינען"... (אין דעם אַליין איז שוין געלעגן גענוג אונ־טערטעניקייט און שאַנד). נאָר די „שלאַנג" פון מדבר האָט ניט געוואָלט הערן און געדענקען. „מיט דעם באַדינג נאָר וועל איך מיט אייך שליסן אַ בונד", האָט ער געענטפערט, „אויב איר וועט זיך אַלע לאָזן אויסשטעכן דאָס רעכטע אויג, און דאָס מאַכן פאַר אַ שאַנד אויף גאַנץ ישראל".

זיינען די אידן פאַרציטערט געוואָרן און זיי האָבן אים גע־זאָגט: „לאָז אונז אָפּ אויף זיבן טעג, און מיר וועלן שיקן שלוחים אין אַלע דערפער פון ישראל, און אויב קיינער וועט אונז ניט קומען העלפן, דעמאָלט גייען מיר אַרויס צו דיר".

האָט נחש (נאָכעש) צוגעשטימט, געלאַכט פון די עלטסטע אין יבש; ער האָט געוואוסט, אַז קיינער פון די פויערים אין די ווייטע דערפער וועט ניט קומען צוהילף; עס וועט נאָר זיין נאָך מער שפּאָט, ווען די פאַרשטויבטע וואַנדערער וועלן זיך אומקערן אין שטאָט, מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ און מיט קליידער צעריסן אין טרויער... די שלאַנג פון מדבר איז קליגער פון די נאַרישע שטאָט־לייט; שלאַנגען זיינען פּאַמעלאַך, אויסגערעכנט און ניט איבערגעאיילט. וואָס איז זיבן טעג? ער האָט צוגעשטימט.

ס'איז געווען ביים זון־אונטערגאַנג, ווען די שלוחים זיינען אָנגעקומען אין דעם דאָרף, וואו שאול האָט געוואוינט, און האָבן איבערגעגעבן די טרויעריקע נייעס. דער גאַנצער עולם (אוילאָם) האָט אויפגעהויבן זיין קול און געוויינט (געוויינט, אָבער מער גאָרניט; ניט געשוואוירן צו נעמען בלוטיקע נקמה (נעקאָמע) פון דער בלוטיקער „שלאַנג"...). ערשט שאול קומט־אָן הינטער די רינ־דער אין פעלד. „וואָס איז דעם פאָלק, וואָס זיי וויינען?" האָט ער געפרעגט. האָט מען אים דערציילט פון דער טרויעריקער

בשורה (בסורע), וואָס די מענטשן פון יבש האָבן געבראַכט.

איז אַ הייליקער צאָרן באַפאַלן שאולן; ער האָט גענומען אַ געשפּאַן רינדער, זיי צעשניטן און פונאַנדערגעשיקט מיט די שלוחים אין אַלע דערפער און שטעט פון ישראל. „ווער עס גייט ניט אַרויס נאָך שאולן", האָט ער אויסגערופן, „יענעם וועט אַזוי געטאָן ווערן מיט זיינע רינדער!"

די שלוחים זיינען געגאַנגען מיט די בלוטיקע שטיקער פלייש פון דאָרף צו דאָרף, און וואו זיי זיינען נאָר געקומען, איז אַ שרעק באַפאַלן דאָס פאָלק, און ווער פון אמתן העלדן־מוט און ווער פון אמתער פחדנות (פאַכדאָנעס) איז אַרויס מיט שאולן, אַלע ווי איין מאַן.

די שלוחים פון יבש האָט שאול אָנגעזאָגט: „קערט זיך אום אַהיים און גיט איבער די מענטשן פון אייער שטאָט, — מאָרגן, ווי די זון וועט אַרויס אין הימל, אַזוי וועט אייך געשען אַ הילף!"

זיינען געקומען די שלוחים צוריק קיין יבש און איבערגעגעבן די פריילאַכע נייעס. האָבן זיך אַלע שטאַרק געפרייט, נאָר זייער פרייד ניט אַרויסגעוויזן פאַרן שונא. צו דער „ש ל אַ נ ג" האָבן זיי געשיקט אָנזאָגן: „מאָרגן וועלן מיר אַרויסגיין צו אייך און איר וועט טאָן צו אונז, אַזוי ווי אַלץ, וואָס איז גוט אין אייערע אויגן"...

דער מאָרגן איז געקומען, אָבער ער האָט געבראַכט פרייד ניט פאַר עמון (אַ מ ו י ן), נאָר פאַר יבש. שאול האָט צונויפגעקליבן דאָס פאָלק און עס איינגעטיילט אין דריי מחנות (מאַכנעס). ווי נאָר די זון איז אַרויס אין הימל, אַזוי איז ער מיט זיינע מענטשן אָנגעפאַלן אויף די מדבר־וואַנדערער. ביז האַלבן טאָג האָט געדויערט דאָס געשלעג. פיל זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן, די, וואָס זענען געבליבן לעבן, האָבן זיך אין גרויס שרעק אָפּגעטראָגן, אַ נ ט ל אָ פ ן.

אין יענעם טאָג איז געווען אַ גרויסע פרייד אין ישראל. עס איז ניט בלויז געווען די פרייד, וואָס אַ שטאָט איז געראַטעוועט געוואָרן. גרעסער איז די פרייד געווען דערפאַר, ווייל אין דעם טאָג האָבן די אידן אויסגעפונען, אַז ווען מען איז אייניק, איז מען שטאַרק, און אויב מען האָט דורך אייניקייט געקענט פאַרטרייבן די „שלאַנג" פון מדבר, אפשר קען מען אויך שפּעטער

פאַריאָגן אַ געפּערלאַכערע „שלאַנג" פון ברעג ים — די פּלשתּים.

יענעם טאָג האָבן די עלטסטע שאולן געקרוינט פאַרן קעניג פון ישראל. מען האָט אים אַרויפגעגאָסן דעם הייליקן אייל אויפן קאָפּ; נאָר דער קעניג איז אַוועק צוריק אויף דער נחלה (נאַכלע) און צומאָרגנס איז ער ווידער געגאַנגען הינטער זיין געשפּאַן אָקסן אין פעלד.

די פּלשתּים דערשמעקן די געפאַר

די פּלשתּים האָבן ניט געזען קיין שום געפאַר אין דעם, וואָס די אידן האָבן פאַרטריבן די „שלאַנג" פון מדבר. עס האָט זיי ניט אָנגעהויבן צו אַרן, ווען שאול האָט באַפרייט די שטאָט יבש (יאַוויש), אָבער ווען די עלטסטע פון די אידן האָבן אויסגערופן שאולן פאַר אַ קעניג, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז איצט וועט שאול אויפהייבן אַ קאַמף קעגן זיי אַליין, קעגן די פּלשתּים.

אויף גיך האָבן די פּלשתּים געבומען באַפאַלן די אידישע דערפער, אַריינדרינגען טיפער אין לאַנד. דער שונא איז איצט אויסן געווען אָפּצושניידן די אידן פון צפון (צאָפן) און ניט לאָזן זיי צוהילף קומען די דרומדיקע (דאָרעמדיקע) שבטים.

דער שרעק פאַר די פּלשתּים

שאול האָט צונויפגעקליבן זיינע מענטשן. יאָרן־לאַנג געוואוינט צו מפּלות (מאַפּאָלעס), זיינען זיי זיך ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט די פּלשתּים אין שרעק צעלאָפן. אַ סך האָבן זיך באַהאַלטן אין די היילן, אַנדערע אין די בערג, אָדער אין די וואַסער־גריבער. די זעקס הונדערט מוטיקע, וואָס זיינען פאַרבליבן מיט שאולן, זיינען אים נאָכגעגאַנגען אין גרויס ציטערניש.

קיין געווער האָבן די אידן ניט געהאַט, וואָרום די פּלשתּים האָבן אַוועקגענומען אַלע שמידן פון לאַנד, די אידן זאָלן זיך ניט קענען מאַכן אַ שפּיז אָדער אַ שווערד. ווען אַ פּויער האָט געדאַרפט אָנשאַרפן זיין אַקער־אייזן, זיין גראַב־אייזן, אָדער אַ רידל, האָט ער געמוזט גיין צו די פּלשתּים. דאָס פאָלק איז דעריבער געווען אינגאַנצן אומבאַוואָפנט, די איינציקע צווי, וואָס האָבן יאָ פאַרמאָגט

שווערדן, זײַנען געווען שאול און זײַן זון יונתן (יוינאָסאָן).

דער שרעק פֿאַר די פּלשתּים איז בײַ די אידן געווען אומגעהײַער גרויס. זײַערע רײַטוועגן און זײַער געווער האָבן אָנגעוואָרפֿן אַ מורא אויפֿן פֿאָלק. ניט אומזיסט האָבן זיך די קריגער אויסבאַהאַלטן אין די היילן און נאָר ווייניק זײַנען געבליבן מיט שאולן. אָבער נאָר דער אָנהייב איז געווען שווער. קוים האָבן זיך די אידן גענומען אַנטקעגנשטעלן, האָבן זיי, מיט דער צײַט, אָנגעהויבן ניט בלויז פֿאַרלירן, נאָר אויך געווינען.

די מלחמה מיט די פּלשתּים; דער ערשטער זיג

אין די ערשטע צוזאַמענשטויסן מיט די פּלשתּים האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט יונתן, שאולס זון, אַ העלדישער יונג, טיכטיק אין קריג און אַ מענטש אָן מורא.

עס איז געווען איין טאָג, רופֿט זיך אָפּ יונתן צו זײַן וואָפֿןטרעגער: „קום, לאָמיר אַריבערגיין צו דער וואַך פֿון די פּלשתּים, וואָס אויף יענער זײַט". דעם יונג איז עס אַפּנים שטאַרק געפֿעלן געוואָרן; זײַנען זיי אַוועק און שאולן קיין וואָרט ניט געזאָגט.

כּדי צוצוקומען צו דער וואַך האָט מען געמוזט דורכגיין אַ שמאָלן דורכגאַנג צווישן צוויי הויכע פֿעלזן; די פֿעלזן זײַנען געווען באַוואַכט פֿון פּלשתּימשע וועכטער.

ווי די פּלשתּים האָבן יונתנען מיטן יונג באַמערקט, אַזוי האָבן זיי גענומען אָפּשפּאָטן פֿון די צוויי אידן: „זע נאָר", האָט זיך איינער אָפּגערופֿן צו דעם אַנדערן, „די עבֿרים (איוורים) קריכן אַרויס פֿון די לעכער, וואו זיי האָבן זיך באַהאַלטן"...

„אַנו, קומט נאָר אַרויף און מיר וועלן אײַך עפּעס צווייזן געבן", — האָבן זיך די וועכטער געוויצלט...

„קום־אַרויף, קלעטער גלײַך נאָך מיר", האָט יונתן באַפֿוילן דעם יונג און זיי האָבן זיך ביידע געלאָזט באַרג־אַרויף.

אויף אַלע פֿיר האָט יונתן און דער וואָפֿן־טרעגער געקלעטערט. ווי זיי האָבן דערגרייכט דעם שפּיץ פֿעלז, אַזוי האָבן זיי זיך גלײַך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די פּלשתּים און גענומען שלאָגן מיטן שווערד צום טויט.

די פּלשתּים זײַנען צעטומלט געוואָרן, ניט געגלויבט, אַז הינטער די צוויי זײַנען ניט פֿאַראַן קיין מחנות (מאַכנעס) אידן,

וואָס וועלן זיך באַלד אַרויפוואַרפן און פאַרצערן, ווי אַ ווילד־פייער, יעדן, וואָס וועט אַריינפאַלן אין זייערע הענט.

ס'איז אויסגעבראָכן אַ מהומה (מעהומע). איינער האָט ניט געוואוסט פונם אַנדערן. די פלשתימשע קריגער האָבן זיך געלאָזט לויפן אויף צוריק; אויפן וועג האָבן זיי באַגעגנט אַ מחנה פלשתים וואָס האָט זיך פריער אַוועקגעלאָזט באַפאַלן און באַרויבן אידישע דערפער.

דערזעענדיק דאָס געלויף, זיינען די אָנקומענדיקע אַליין צעטומלט געוואָרן און אין שרעק גענומען אַנטלויפן.

שאול האָט פון גאָרניט געוואוסט. נאָר דער וועכטער האָט געזען ווי די מחנה (מאַכנע) צעקריכט זיך, איז אים געוואָרן פאַרדעכטיק, און ווען מען האָט גענומען איבערציילן, האָט מען אויסגעפונען, אַז דער יונג יונתן איז ניטאָ. באַלד האָבן זיך דערהערט די וויסטע געשרייען פון דעם פלשתים־לאַגער, אַפילו פון ווייטנס האָט מען געקענט זען די אַנטלויפנדיקע און די גרויסע בהלה (בעהאָלע).

שאול האָט איינגעזאַמלט זיינע לייט און אויך גיך זיך געלאָזט נאָכיאָגן די אַנטלויפנדיקע. די פלשתים זיינען געווען פאַרלאָרן, ניט געוואוסט ווער איז ווער. אין דער גרויסער מהומה (מעהומע) זיינען זיי באַפאַלן איינע די אַנדערע.

דערווייל האָט זיך די גוטע בשורה (בסורע) צעטראָגן איבערן לאַנד און קריגער, וואָס זיינען פריער געלעגן באַהאַלטן אין די בערג, האָבן זיך אומגעקערט און זיי האָבן אויך געהאָלפן שאולן און זיינע לייט. עס זיינען אויך צוגעשטאַנען די אידן, וואָס האָבן געדינט אין פלשתימשן חיל (כאַיעל) פאַר געצאָלט; זיי זיינען געווען גוט באַוואָפנט; איצט האָבן זיי דאָס פלשתימשע געווער אויסגענוצט פאַר די אידן קעגן זייערע באַדריקער. שאול האָט ניט אָפגעלאָזן און נאָכגעיאָגט די אַנטלויפנדיקע שונאים.

שווער איז אין יענעם טאָג געווען די מלחמה צווישן די אידן און די פלשתים. נאָך יאָרן פון שרעק און אונטערדריקונג האָבן די אידן ס'ערשטע מאָל געוואונען אַקעגן די באַוואוינער פון ים־ברעג. דער שונא איז אַנטלאָפן אין גרויס בהלה (בעהאָלע). דער טאָג האָט שוין געהאַלטן אין פאַרגיין, נאַכט האָט זיך גענענט און דער קריג האָט אַלץ געפלאַקערט; צו נ'אָוונט איז דאָס פאָלק גע־

וואָרן שטאַרק פאַרחלשט פון הונגער און האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן רויב, וואָס עס האָט פאַרנומען. געשאָכטן שאָף און יונגע רינדער (אויף דער ערד) און דאָס פלייש געגעסן מיטן בלוט.

דער אויפטו פון שאולן

דער זיג פון די אידישע פויערים איבער די פלשתים האָט זיי געמאַכט פאַר די באַהערשער פון די בערג, וואו דער שונא האָט זיך פריער געהאַט באַפעסטיקט. עס האָט אויך געפירט דער־צו, אַז די איבעריקע שבטים פון ישראל, אויסער שאולס אייגע־נעם שבט, זאָלן שאולן אָנערקענען פאַרן מלך פון לאַנד.

גרויס איז די מלוכה ניט געווען, אָבער שאול האָט זי כסדר פאַרגרעסערט, צוריקגעשטויסן די פלשתים פון די דערפער, וואָס זיי האָבן פריער געהאַט פאַרנומען פון די אידן. שאול האָט אויך פאַרטריבן די מדבר־וואַנדערער.

די מלוכה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ דערפאָלג. איין שבט האָט זיך קעגן זיינע שונאים ניט געקענט פאַרטיידיקן, ער איז געווען צו־שוואַך און צו־שלעכט באַוואָפנט. נאָר די פאַראייניקונג פון אַלע שבטים האָט די אידישע פויערים און פאַסטוכער געגעבן אַ מעגלאַכקייט צו פאַרטרייבן דעם שונא פון לאַנד און ווערן אַ פריי פאָלק צווישן די פעלקער.

קיין שטענדיקע אַרמיי האָט נאָך שאול נישט געהאַט. אין צייט פון סכנה (סאַקאָנע) פלעגן זיך אידן צוזאַמענקלייבן און פאַר־טרייבן דעם שונא. ער האָט זיך אָבער אַרומגעקליבן מיט אַ כאָפּטע שטאַרקע יונגען; וואו שאול פלעגט זען אַ יונג אַ גבור אין ישראל, אַזוי האָט ער אים גערופן צו זיך און אים געמאַכט פאַר אַ וואָפן־טרעגער.

12. שאול דערנענטערט צו זיך א יונגן פאסטוך - דוד (דאוויד)

יאָרן זענען אַוועק...

שאול איז געוואָרן אַלט און קראַנק און אַ בייזער גייסט פלעגט אים שרעקן. האָבן שאולס קנעכט געזאָגט צום אַלטן קע־ניג: „פּאַרוואָס זאָל דער האַר ניט לאָזן אויפזוכן אַ מאַן, וואָס שפּילט אויף אַ האַרף, און עס וועט זיין, ווען דיר וועט אוי־מעטיק ווערן און דער בייזער גייסט וועט זיין אויף דיר, וועט ער שפּילן און דיין אומעט וועט פאַרגיין".

האָט שאול געזאָגט צו זיינע קנעכט: „זעט אָקאָרשט אַ מאַן, וואָס שפּילט גוט און איר זאָלט אים ברענגען צו מיר". האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די יונגען: „איך האָב געזען אַ זון ביי ישין פון בית־לחם (בייס־לעכעם), וואָס קען שפּילן און איז אַ העלדישער גבור און אַ מענטש פון מלחמה און פאַרשטייט אַ זאַך און איז אַ מענטש מיט אַ שיין געשטאַלט".

האָט שאול געשיקט שלוחים צו ישין און אָנגעזאָגט: „שיק צו מיר דיין זון, דודן, וואָס פּיטערט די שאָף". האָט ישי גענומען אַן אייזל, ברויט און אַ לאָגל וויין און איין ציגן־בעקל און ער האָט עס מיטגעגעבן דעם יונג פאַר שאולן, און דוד איז געקומען צום אַלטן קעניג און שאול האָט אים זייער ליב באַקומען, ער האָט דעם יונג געמאַכט פאַר זיין וואָפן־טרעגער; צו זיין פאָטער האָט ער געשיקט זאָגן: „זאָל, איך בעט דיך, דוד זיין ביי מיר, ווייל ער האָט געפונען חן (כיין) אין מיינע אויגן"; איטלאַכס מאָל, ווען דעם קעניג איז באַפאַלן אַן אומעט און אַ בייזער גייסט האָט אים אָנגעהויבן שרעקן, פלעגט דוד נעמען זיין האַרף און שפּילן. דער קעניג פלעגט רואיקער ווערן, און דער בייזער גייסט פלעגט זיך אָפּטאָן פון אים.

דודס מזל און שלימזל

דער יונג דוד, וואָס נאָר ער האָט געטאָן, האָט אים אין אַלץ אָפּגעגליקט, וועמען ער האָט נאָר געקענט, איז אים יענער געוואָרן דער איבערגעגעבנסטער פריינד. יהונתן (יעהויִנאָסאָן), שאולס זון, איז זייער שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן צום יונג; ער האָט אים געשאָנקען זיין מאַנטל, זיין שווערד, זיין בויגן. דער קעניג שאול האָט דודן געמאַכט פאַרן עלטסטן פון די מלחמה-לייט; נאָר דער עיקר (דעריקער) איז דער יונג דוד באַליבט געוואָרן ביים פאָלק.

איינמאָל, ווען דוד מיט שאולן האָבן זיך אומגעקערט פון מלחמה מיט די פלשתים, זענען אַרויס די פרויען פון אַלע שטעט אין ישראל מיט געזאַנג און טענץ, מיט פויקן און צימבלען, און די ווייבער, די שפילערינס, האָבן אַזוי געזונגען:

„שאול האָט געשלאָגן (די פלשתים) אין די טויזנטער
און דוד אין די צען-טויזנטער".

האָט עס שאולן שטאַרק פאַרדראָסן, ער האָט געברענט פון כעס. „דודן האָבן זיי געגעבן די צענטויזנטער און מיר האָבן זיי געגעבן די טויזנטער! וואָס פעלט אים נאָך? בלויז די מלוכה!" פון יענעם טאָג אָן האָט שאול גענומען קוקן מיט שנאה (סינע) אויף דודן.

דער אַלטער קעניג האָט מער ניט געקענט שלאָפן קיין נעכט. אַ בייזער גייסט איז אים באַפאַלן און אים געמאַטערט. זיין שנאה צום יונג האָט אים פאַרוואָלקנט די געדאַנקען. ווען דוד איז איינמאָל געזעסן און ער האָט געשפּילט פאַרן קעניג אויף דער האַרף, האָט דער פאַרביטערטער שאול אַ כאַפּ געטאָן זיין שווערד און האָט זי אַ וואָרף געטאָן אויף דודן. „איך וועל אים דורכשטעכן ביז דער וואַנט!" האָט דער אַלטער קעניג געברומט. דוד האָט זיך פלינק אויסגעדרייט. (צוויי מאָל האָט זיך שאול אַזוי פאַרמאָסטן אויף זיין לעבן.)

דוד און דעם קעניגס טאָכטער

שאול האָט געהאַט אַ טאָכטער, — מיכל, האָט זי שטאַרק ליב באַקומען דודן; מען האָט וועגן דעם דערציילט דעם קעניג.

און די זאַך איז אים געפעלן געוואָרן. „איך וועל אים געבן מיין טאָכטער", האָט ער געקלערט, „אָבער קיין גוטס וועט אים דערפון ניט אַרויסקומען." שאול האָט באַפוילן זיינע קנעכט, אַז זיי זאָלן דודן אדרבא (אַדעראַבע) צורעדן צו ווערן דעם קעניגס איידים. קיין נדן (נאַדן) געבן באַדאַרף ער נישט, זאָל ער נאָר אָנפאַלן אויף די פלשתים און צוויי הונדערט פון זיי אויסהרגענען. (שאול האָט גערעכנט, אַז אין דער מלחמה מיט די פלשתים וועט דוד דער־הרגעט ווערן.)

די קנעכט האָבן איבערגעגעבן דודן דעם קעניגס רייד און די זאַך איז אים אויך געפעלן געוואָרן. ער איז אַוועק מיט זיינע מענטשן און אויסגעהרגעט צוויי הונדערט פלשתים... שאול האָט אים געגעבן זיין טאָכטער מיכל פאַר אַ ווייב, אָבער ער איז געווען שטאַרק באַטריבט, און זיין שנאה צום יונג איז נאָך מער געוואַקסן.

דער קריג צווישן דעם אַלטן קעניג און דעם יונגן גבור (גיבער) איז געוואָרן פאַרביטערטער. דוד האָט פאַרשטאַנען, אַז קיין גוטס קען ער שוין נישט דערוואַרטן, אָבער ווי צו ראַטעווען זיך האָט ער ניט געוואוסט. צום פאָלק איז דער קריג ניט דערגאַנגען; ביים הויף, ווער וועט זיך אָננעמען פאַרן יונג? דער מלך האָט געצווונגען קנעכט, און ווי קען ער בכלל (ביכלאַל) אַרויסטראָגן פאַרן פאָלק די פיינטשאַפט פונם קעניג צו אים?

שאול האָט ניט גערוט. וואָס פאַר אַן אימפעט ער האָט גע־האַט, אַזאַ כּעס (קאַאַס) האָט ער פאַרמאָגט: דער כּעס פלעגט פון אים אַוועקטרייבן די רו, נישטיק מאַכן דאָס לעבן.

שאול איז ניט געווען בלינד, ער האָט געזען, ער, שאול, האָט זיך ניט פאַר וועמען צו פאַרטרויען. יהונתן, זיין זון, — נאָר וועט ניט ביי אים די ליבע צו דודן אַריבערוועגן?... מיכל, — קען ער זי אַוועקרייסן פונם יונגן גבור? די קנעכט האָבן אים געדינט געטריי, נאָר אויף קנעכט טאָר מען זיך פיל ניט פאַרלאָזן. דאָס פאָלק איז מיט דודן...

די מענער פון ישראל קוקן אויס די צייט, ווען ער, שאול, וועט צומאַכן די אויגן, ווייל אַלע ווילן דער יונג פון בית לחם זאָל פירן דאָס פאָלק אין קריג... דאָס גליק, וואָס האָט אים באַגלייט פון די יוגנט־טעג, טוט זיך אָפּ פון אים... אַ שווערער אומעט האָט באַטריבט די טעג פונם אַלטן קעניג. באַלד וועט שוין קיינער ניט

בלייבן אַרום שאולן. ער האָט גוט געדענקט: ווי האָט ער זיי דען צונויפגענומען, די פּויערים, פון הינטער דעם אַקער?... מיט מ ו ר א, מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם: „ווער ס'וועט ניט גיין מיט שאולן, יענער האָט קיין גוטס ניט צו דערוואַרטן...״ די רויע שטיקער פלייש, פון וועלכע דאָס בלוט האָט נאָך געטריפט, האָבן אָנגע־שראָקן די פּויערים. אין שרעק האָבן זיי געצעטערט אויפצוהייבן אַ האַנט זיך אָפּצווערן קעגן די פּלשתים, פאַריאָגן די מדבר־וואַנדערער...

אויך איצט איז נאָר די שאַרף פון שווערד דער איינציקער כח, וואָס קען עפענען די אויגן דעם פאָלק און ווייזן ווער שאול איז!

ניט דוד וועט פירן די מלוכה; וואָס די נאַרישע ווייבער זאָלן ניט זינגען, איז שאול מלך. שאול האָט די מלוכה געבויט, שאול האָט זי פאַרטיידיקט, שאול וועט ניט אָפּטרעטן פאַר קיינעם ניט!

דער אַלטער קעניג האָט צונויפגעקליבן אַלע זיינע קנעכט, ער האָט אויך גערופן יהונתנען, זיין זון, און זיי פאַרזאָגט: „טייט דודן, וואָרום ער איז מיין גרעסטער שונא, ער האָט זיך פאַרלייגט אויף מיין לעבן״. די יונגען האָבן געהאָרכט דעם קעניג און גע־שוויגן. יהונתנען האָט די אָפנקייט פון טאַטן שטאַרק נידערגעשלאָגן, ער האָט געוואוסט דאָס ביטערע געמיט פון אַלטן קריגער און אויך ער האָט געשוויגן.

אין געהיים האָט אָבער יהונתן באַגעגנט דודן און אים דער־ציילט: „מיין פאָטער, שאול, זוכט דיך צו טויטן... איך בעט דיך, זיי אָפּגעהיט און זאָלסט זיצן אין פאַרבאָרגעניש און זיך באַהאַלטן״... דוד איז אַנטרונען געוואָרן יענע נאַכט.

שאול האָט געשיקט מענטשן צו היטן דודן אין זיין אייגענער הויז און אויף מאָרגן פרי אים צו טויטן, אָבער זיין ווייב מיכל האָט זיך באַצייטנס דערוואוסט און אָנגעזאָגט דודן: „אויב דו ראַטעוועסט זיך ניט ביינאַכט, ווערסטו מאָרגן געטויט.״

ווען ס'איז געוואָרן גוט פינסטער, האָט מיכל אַראָפּגעלאָזט דודן דורכן פענסטער און ער איז אַנטלאָפן.

כדי צו געבן אים גענוג צייט, ער זאָל זיך קענען ראַטעווען, האָט מיכל גענומען די שטוב־געצן און אַרויפגעלייגט אויפן בעט;

זי האָט אוועקגעלייגט אַ געשטריק פון ציגן־האָר צוקאָפּנס און אַלץ איבערגעדעקט מיט אַ בגד (בעגעד). ווען שאולס שלוחים זיינען געקומען, האָט זי זיך אָפּגערופן: „דוד איז קראַנק".

איז שאול שטאַרק אין כעס געוואָרן און האָט אויסגעשריען: „ברענגט אים אַרויף מיטן בעט צו מיר און איך וועל אים טויטן!" זיינען די שלוחים געקומען. ערשט אין בעט ליגן די שטוב־געצן און דער געשטריק פון ציגן־האָר איז צוקאָפּנס.

האָט שאול געזאָגט צו מיכלען: „פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי אָפּגענאַרט און האָסט אַוועקגעלאָזט מיין שונא און ער איז אַנטלאָפן?" האָט מיכל געענטפערט: „ער האָט צו מיר געזאָגט — לאָז מיך אַוועק, נאָך וואָס זאָל איך דיך טויטן?" האָט שאול געשוויגן.

דוד איז דערווייל אַנטלאָפן. וואוהין? אין דעם לאַנד פון איי־ביקן אומרו, וואו אַלע געיאָגטע און געפּלאָגטע האָבן זיך געראַ־טעוועט. — אין מדבר.

דוד אין דער וויסטעניש

דער יונג דוד האָט פאַרלאָזן זיין היים און האָט איצט אַרומ־געוואַנדערט אין דער וויסטעניש, ווייט אַוועק פון דעם קעניגלעכן הויף און פון דעם אַלטן מלך, וואָס האָט זיך פאַרלייגט אויף זיין לעבן. דוד איז ניט געווען אַליין. ארום אים האָבן זיך אַרומגעקליבן נאָך מענטשן, אַזעלכע ווי ער, פאַרביטערטע און באַעוולטע (באַ־עוולטע) פון דער וועלט, פויערים־זין אָן אַ היים און אָן אַ באַשיצער.

די כאָפּטע אויפגעלאָפּענע האָבן געלעבט פון שווערד, פון מתּנות (מאַטאָנעס), וואָס זיי פלעגן באַקומען פון גרויסע לאַנד־אייגנטימער, פאַר אָפּהיטן די סטאַדעס שאָף קעגן אַזעלכע מענטשן ווי זיי אַליין. אין אַ שלעכטער צייט האָבן זיי זיך פשוט פאַרדונ־גען אין מיליטערישער דינסט צו יעדן, וואָס וואָלט זיי געקענט אָנזעטיקן און העלפן קעגן שטאַרקערן שונא, קעגן שאולן.

אַרום דודן האָט זיך אויך אַרומגעקליבן מענטשן פון זיין משפּחה (מישפּאָכע) און פון זיין שבט (שייוועט). יהודה האָט קיינ־מאָל ניט שלום געמאַכט מיט דער הערשאַפט פון בנימין (שאול האָט געשטאַמט פונם שבט בנימין). איצט, ווען די קריגערייען האָבן זיך אָנגעהויבן, איז שאולס מאַכט אין יהודה געווען ניט מער ווי אַ שאָטן. יהודה האָט באמת שאולן ניט אָנערקענט.

דוד האָט זיך פונדעסטוועגן אַלץ געפונען אין גרויס סכנה (סאַקאָנע). שאול האָט אים נאָכגעיאָגט מיט אַ בלינדער עקשנות (אַקשאָנעס); דער דערצאָרנטער מלך האָט פאַרגעסן אָן דער מלוכה, אָן די ביטערע שונאים (סאָנים), די פלשתים. זיינע טעג און נעכט, וואָכן און חדשים האָט ער אָפּגעגעבן אין געיעג נאָך דעם יונגן גבור (גיבער).

דער אומעט פון עלטער האָט אָנגעוואָרפן אויפן קראַנקן קע־ניג אַ וויסטע שרעק. ער האָט ניט געזען, ווי, די מלוכה ווערט צע־פאַלן. ער האָט מער ניט געקוקט אויף דער וועלט דורך די אויגן פון אַ קלאָרן מענטשן, נאָר דורך די אויגן פון אַ דערצאָרנטן און שווער־געטראָפענעם, וואָס אויף דער עלטער האָט ער דערפילט ווי אַלץ, וואָס ער האָט מיט ציין און נעגל אַרויסגעריסן פון לעבן, פאַרשווינדט אונטער זיינע פיס און ווערט צערונען.

דודס מחנה (מאַכנע) ווערט גרעסער

די מחנה (מאַכנע) אַרום דודן איז אַלעמאָל גרעסער געוואָרן, זי האָט דערגרייכט עטלעכע הונדערט אין צאָל, צומאָל אַזוי גרויס, ווי פיר הונדערט און שפּעטער זעקס הונדערט מאַן. עס זיינען אַלע־מאָל געווען גענוג אומצופרידענע מענטשן אין לאַנד, וואָס האָבן זיך געזוכט אַרויסצוראַטעווען פון נויט. זיי אַלע זענען צוגעשטאַ־נען צו דודן.

מיט אַזאַ מחנה (מאַכנע) האָט מען זיך געמוזט רעכענען. דאָס זיינען געווען מענטשן מיט אַ ביטער געמיט און מיט אַ שווער האַרץ. די רייכע אייגנטימער פון די סטאַדעס שאָף האָבן דודן געמוזט צאָלן אויסלייז־געלט, אויב זיי האָבן געוואָלט, אַז זייערע שאָף זאָל קיין בייז ניט געשען.

ס'רוב האָבן זיך די אייגנטימער פון די סטאַדעס גאָרניט אַנטקעגנגעשטעלט. איינער פון זיי, אַ רייכער מאַן פון יזרעאל, האָט אַפילו אויסגעגעבן זיין טאָכטער פאַר דודן און דערמיט גע־שלאָסן אַ בונד פון פריינדשאַפט צווישן זיך און צווישן דעם יונגן גבור.

איינער, וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, האָט שפּעטער טייער באַצאָלט פאַר דעם. דאָס איז געווען דער רייכער נבל (נאָוואָל) פון כּרמל (קאַרמעל), וואָס האָט זיך אַנטזאָגט צו אָנער־

קענען דודן און זיינע לייט. די יונגען האָבן אים דערשלאָגן. בלויז די קלוגע רייד פון דער רייכער אלמנה און איר ליבע צו דודן האָבן געראַטעוועט די גרויסע סטאַדעס שאָף פון פאַרניכטונג; אָבער דוד האָט זיי סיי ווי געירשנט, ווארום ער האָט געהייראַט מיט דער אלמנה פון דעם קאַרגן נבל און האָט איצט געהאַט פאַרבינדונגען מיט צוויי גרויסע רייכע משפחות; איצט האָט ער געהאַט גענוג עשירות (אַשירעס) מיט וואָס אויסצוהאַלטן זיין אַרמיי פון הפקר־מענטשן און אויסהיטן זיך פון שאולס צאָרן.

דאָך האָט זיך דוד נאָך אַלץ ניט געפילט זיכער. ער האָט געהאַט גוטע באַהעלטעניש, אָבער מיט די באַוואוינער פון די שטעט, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן, איז ער קיינמאָל ניט געווען זיכער. מען האָט אים געוואָלט אַרויסגעבן אין די הענט פון זיין שונא. אין גרויס פאַרצווייפלונג איז דוד אַריבער צו די פלשתים און געשלאָסן מיט זיי אַ בונד. אַריבערגייענדיק צו די שונאים איז ער געווען זיכער פון שאולן, אָבער ער איז געוואָרן אָפּהענגיק פון זיינע אַמאָליקע קעגנער און פיינט. קיין אַנדער ברירה (ברײרע) האָט שוין דוד אָפּנים ניט געהאַט.

דוד ביי די פלשתים

דודס אַריבערגיין צו די פלשתים איז געווען אַ געפערלאַכער שריט. אין לאַנד פון זיינע אַמאָליקע שונאים האָט זיין אונטער־טעניקייט אַרויסגערופן גרויס פרייד. די בשורה (בסורע) האָט זיך צעטראָגן אומעטום: „אונזער גרעסטער שונא, פאַר וועלכן מיר האָבן זיך געשראָקן, איז איצט אַריבער אויף אונזער זייט".

גלייך פון אָנהייב האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע שוועריקייטן. קענען אים די פלשתים געטרויען? זיי האָבן געעפנט פאַר אים די טויערן פון זייער לאַנד ניט אומזיסט. ער מוז עפּעס באַ־ווייזן! ער מוז באַווייזן, אַז זיין אַמאָליקער בונד מיט שאולן איז אינגאַנצן גאָרניט ווערט און אַז די איינציקע, וועמען ער איז אי־בערגעגעבן, זיינען די אַמאָליקע שונאים זיינע, די פלשתים.

דוד האָט געקראָגן די שטאָט צ י ק ל ו ג. פ ו ן ד אָ ר ט ה אָ ט ע ר ב אַ ד אַ ר פ ט מ אַ כ ן אָ נ פ אַ ל ן א ו י ף ד י ד ע ר־פ ע ר פ ו ן ד י א י ד י ש ע פ אַ ס ט ו כ ע ר א ו ן פ ו י ע ר י ם פ ו ן י ה ו ד ה. דאָס איז די אַרבעט, וואָס אָכיש, דער קעניג פון

די פלשתים, האָט אים איבערגעגעבן. זייער אַ פיינלאַכע אַר־בעט; יהודה איז דאָך געווען זיין אייגענער שבט און אָנפאַלן אויף מענטשן, וואָס האָבן אים אין די ביטערסטע טעג אויסגעשטרעקט אַ האַנט, דאָס האָט דוד ניט געקענט.

דער דורכגעטריבענער דוד האָט זיך פונדעסטוועגן אויך דאָס מאָל אַרויסגעדרייט און געפונען אַן אויסוועג. ניט ווייט פון די אידישע דערפער האָבן געוואַנדערט נאָמאַדישע שבטים. איז אָנ־שטאָט אָנצופאַלן אויף זיינע אייגענע ברידער, פלעגט ער גאָר אָנפאַלן אויף די מדבר־וואַנדערער.

דוד האָט געשאָכטן אָן רחמנות, יונג און אַלט, פרויען און קינדער... קיין געפאַנגענע פלעגט ער ניט נעמען, נאָר אַלע־מען אויסהרגענען, קיין זכר זאָל ניט בלייבן. דער קעניג אָכיש האָט געדאַרפט מיינען, אַז דאָס איז דוד אָנגעפאַלן אויף אידישע דערפער און שטעט און פון דאָרט האָט ער געבראַכט דעם רייכן האָב און גוטס, דעם זאַק־רויב.

אַ יאָר צייט איז דודן געלונגען, אויף אַזאַ אופן, אָפּצונאַרן דעם קעניג פון די פלשתים. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום גרויזאַמקייט, ער איז איצט אויסן געווען צו געפעלן ווערן זיין באַשיצער, דעם פלשתי. אויך אין יהודה האָט ער זיך געשאַפן אַ גוטן נאָמען, וואָרום די מדבר־וואַנדערער זיינען תמיד געווען אַ געפאַר פאַר די אידישע פויערים, אפילו הונדער־טער יאָרן נאָכדעם, ווי די אידן זיינען אַריין אין לאַנד. די פויערים פון די דערפער זיינען גאָר דאַנקבאַר געווען דעם יונג דוד, וואָס ער האָט זיי באַשיצט און פאַרטיליקט די שונאים פון מדבר.

די פלשתים הויבן ווידער אָן די אַלטע מלחמה

די אומרוען אין ישראל האָבן גוט צוגעשפּילט אין די הענט פון די פלשתים. די שונאים האָבן פאַרשטאַנען, אַז איצט ווען צווישן די אידן איז קיין אייניקייט ניטאָ, איז כדאי (קעדאַי) אָנצופאַלן. אָן דודן איז שאול פאַר זיי געווען אַ קנאַפּער שונא. דער אַמאָליקער העלדישער קריגער איז געווען אַלט און צעשראָקן.

אין אַ יאָר אַרום, נאָכדעם ווי דוד איז אַריבער צו זיינע

אַמאַליקע שונאים, האָבן די פּלשתּים ווידער אָנגעהויבן אַן אַטאַקע אויפן אידן-לאַנד.

שאול האָט זיך געפונען אין אַ קלעם, אָבער אויך דוד האָט דורכגעלעבט שווערע טעג. דער קריג קעגן ישראל האָט פאַראייניקט די פּלשתּימשע שטעט. די שטאָט-קעניגן מיט זייערע אַרמייען האָבן זיך צונויפגעקליבן אין פעלד, אַלע גרייט צום אָנפאַל און רויב.

דוד איז אויך אַרויסגערופן געוואָרן. ער האָט דאָך געדינט די פּלשתּים, געלעבט פון זייער גנאָד און חסד (כעסעד)... ער האָט גלייך אָפּגעענטפערט אויפן רוף פון אָכישן און איז געקומען מיט זיינע מענטשן אין פעלד, גרייט צום קריג. נאָר קעגן וועמען האָט ער היינט געדאַרפט מלחמה האַלטן? געוויס קעגן זיינע אייגענע ברידער! מער נאַרן האָט ער שוין ניט געקענט. דאָס איז געווען אַ רגע פון אַנטשיידונג. גייט ער ניט מיטן חייל (כאַיעל) פון די פּלשתּים, ווערט ער גלייך אויפגעדעקט אין זיין פאַרראַט.

צוריק אַנטלויפן קיין ישראל האָט ער ניט געקענט. אין זיין בלינדקייט וואָלט שאול ניט געהאַט קיין שום איינזען און פאַרשטענדעניש. ער וואָלט זיך אָפּרעכענען מיטן געיאָגטן דוד און ניט פאַרגעסן די אַלטע שנאה, וואָס האָט אים פאַרוואָלקנט די געדאַנקען און געטריבן צום אומקום.

קעמפן קעגן זיינע אייגענע ברידער האָט דוד אויך ניט געקענט. נאָך אַלעמען איז זיין חלום ניט געווען צו זיין אַ מענטש פון דעם פּלשתּי אָכיש. אויך אָפּנאַרן קען מען ניט אייביק. דורכלעבנדיק די אַלע שווערע ליידן, אויסהיטנדיק זיך פון שאולן, האָט אים נאָר איין זאַך געטרייסט: די האָפענונג אויף דער קרוין. ער וועט ווערן דער הערשער, דער מלך, דער פירער פון די שבטים. וועט ער דאָס קענען זיין, ווען זיינע מענטשן וועלן מלחמה האַלטן מיט די פּלשתּים קעגן זיינע אייגענע ברידער? דער וואונדערלאַכער חלום וועט אויף אַלעמאָל מוזן צערונען ווערן. ער וועט בלייבן אויף אייביק פאַרשאָלטן פון זיין שטאַם און פאַרטריבן פון זיין אייגענעם שבט.

דאָס זיינען געווען די שווערסטע רגעס אינם לעבן פונם יונגן גבור. נאָר דאָס גליק, וואָס האָט אַלעמאָל צוגעשפּילט דעם יונג דוד, האָט אים אויך דאָס מאָל ניט פאַרלאָזן. ווי אַלע זיינען גע-

שטאַנען אויסגעשטעלט אין פעלד, גרייט אָנצוהייבן דעם מאַרש, די קעניגן און עלטסטע האָבן אָנגעקוקט זייערע אַרמייען, איז דודס ליבע צו די פלשתּים ביי טייל שטאָט־קעניגן געוואָרן זייער פאַר־דעכטיק.

„איז דוד טאַקע מיטן גאַנצן האַרצן אויף אונזער זייט?" האָבן זיי זיך געפרעגט. „מיינט ער ניט אין מיטן פון דער שלאַכט אַרי־בערצוגיין צו זיינע ברידער און קעמפן אויף זייער צד? איז ניט פאַראַן די סכּנה, אַז ער זאָל גאָר אָנפאַלן פון הינטער אַרום און פאַרראַטן די, וואָס האָבן אים געגעבן שוץ, ווען ער האָט זיך גע־מוזט אויסבאַהאַלטן פון זיין פאַרפאָלגער? פאַרקערט, מיט די קעפּ פון די פלשתּים וועט ער קענען באַווייזן זיין געוועזענעם האַר, אַז ער איז אים באמת גאָר שטאַרק געטריי און דורכדעם אויסבעטן מחילה (מעכילע)".

די קעניגן האָבן זיך בּאַראַטן און געשיקט דודן צוריק קיין ציקלוג; זיי האָבן זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף זיין כּלומר־שטער (קלוימערשטער) איבערגעגעבנקייט. מער האָט דוד ניט גע־דאַרפט. ער איז באמת געווען אַ מזלדיקער מענטש.

13. דודס קריג מיט שאולן

דער לעצטער שטרייט

ווידער אַמאָל, נאָך יאָרן שלום, זיינען די פּלשתּים אַרויס אין מלחמה קעגן ישראל. דער אַלטער קעניג האָט צונויפגענומען זיינע העלדישע יונגען; עס האָט אים גאָרניט געגליקט. די מענער פון ישראל זיינען אַנטלאָפן פאַר די פּלשתּים, זיי זיינען געפאַלן דערשלאָגענע אויף די בערג. מיט זייערע לאַנגע שפּיזן האָבן די פּלשתּים זיי נאָכגעיאָגט און קיינעם ניט געשוינט; דער קעניג אַליין איז געווען אין געפאַר; די פּלשתּים האָבן אָנגעיאָגט שאולן און זיינע זין... (פאַר זיינע אייגענע אויגן האָט שאול געזען, ווי די יונגען פאַלן אונטערן שווערד פון די פּלשתּימשע קריגער...).

די מלחמה איז געווען שווער פאַר שאולן. די פּלשתּימשע שיסערס, די לייט מיט די בויגנס' האָבן אים נאָכגעיאָגט און געפונען. דער אַלטער קעניג האָט געציטערט אין שרעק פאַר די-שיסערס. זעענדיק, אַז מער ווי רגעס צו לעבן איז אים ניט פאַרבליבן, האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיין וואָפן-טרעגער: „ציִ-אַרויס דיין שווערד און דערשטעך מיר מיט איר, כּדי די דאָזיקע שונאים מיינע זאָלן ניט קומען און מיך דערשטעכן און מאַכן געשפּעט איבער מיר!" נאָר זיין געטרייער וואָפן-טרעגער האָט ניט געוואָלט אומברענגען זיין האַר, ער האָט זייער מורא געהאַט און געציטערט פאַר שרעק. האָט שאול אַליין אַרויסגעצויגן זיין שווערד און איז אַרויפגעפאַלן אויף איר; ס'האָט אַ שפּריץ געטאָן רויטס. ווען זיין וואָפן-טרעגער האָט געזען, אַז שאול איז געשטאָרבן, איז ער אויך אַרויפגעפאַלן אויף זיין שווערד און איז געשטאָרבן מיט אים.

אַלע אינאיינעם זיינען יענעם טאָג געפאַלן: שאול, זיינע דריי זין, זיין וואָפן-טרעגער און אויך אַלע זיינע מענטשן. אַ וויסטער טאָג פאַר ישראל...

אויף מאָרגן זיינען די פּלשתּים געקומען אויסטאָן די דערשלאָגענע, האָבן זיי געפונען שאולן און זיינע דריי זין געפאַלן אויפן באַרג ג ל ב ו ע (גילבויאַ). די פּלשתּים האָבן געשפּאַט פונם טויטן מלך. זיי האָבן אָפּגעשניטן זיין קאָפּ און אויסגעטאָן זיינע

וואָפּן און געשיקט אין לאַנד פון די פּלשתּים אָנזאָגן דעם פּאָלק די גרויסע פרייד: „שאול איז טויט!" נאָכדעם האָבן זיי זיין וואָפן אויפגעהאָנגען אין טעמפּל פון עשתּרות (אַשטאָרויס) און זיין טויטן לייב האָבן זיי אויפגעשטאָכן אויף דער מויער פון בית־שן (בייס־שאָן).

ווען די באַוואוינער פון יבש גלעד האָבן דערהערט, וואָס די פּלשתּים האָבן געטאָן צו שאולן, איז אַ גרויסער אומעט באַפאַלן אַלעמען; דאָס פּאָלק האָט געוויינט מיט אַ גרויסן יאָמער; און עס זיינען אויפגעשטאַנען אַלע העלדישע לייט און זיי זיינען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט ביז זיי זיינען געקומען צו דער מויער פון בית־שן. מיט גרויס איינשטעלעניש האָבן זיי אַראָפּגענומען די טויטע לייבער פון שאולן און זיינע זין און זיי צוריק געבראַכט קיין יבש.

די באַוואוינער פון דער שטאָט, ביים ברעג מדבר, האָבן ניט פאַרגעסן זייער אָמאָליקן באַפרייער. נאָר פיל האָבן זיי פאַר אים איצט ניט געקענט טאָן. האָבן די מענטשן פון יבש פאַרברענט די רעשטן פון די גבורים (גיבוירים) און די ביינער באַגראָבן אונטער אַ בוים. זיבן טעג האָבן זיי נאָכדעם אין גרויס טרויער געפאַסט.

דוד דערוויסט זיך די טרויעריקע נייעס

דוד איז געזעסן אין דער פּלשתּימשער שטאָט ציקלוג (ציקלויג) און האָט פון גאָרניט ניט געוואוסט. ערשט אויפן דריטן טאָג קומט אָן אַ מאַן פון לאַגער, די קליידער צעריסן און ערד איז אויף זיין קאָפּ. ווי נאָר ער איז צוגעקומען צו דודן, איז ער געפאַלן צו דער ערד און האָט זיך געבוקט.

דוד האָט צו אים געזאָגט: „פון וואַנען קומסטו?" דער פרעמ־דער האָט געענטפערט: „פון דעם לאַגער פון די אידן בין איך אַנטרונען געוואָרן". איז דוד צוגעגאַנגען צו אים נענטער און גע־בעטן: „זאָג מיר, וואָס איז געשען, דערצייל, איך בעט דיך!"

דער פרעמדער האָט אַ פאַרלאָרענער גערעדט: „דאָס פאָלק איז אַנטלאָפן פון דער מלחמה... פיל פון פאָלק זיינען געפאַלן פון שווערד... אויך שאול און זיין זון יהונתן זיינען טויט"... האָט דוד געזאָגט צום דעם יונג: „ווי אַזוי ווייסטו, אַז שאול און זיין זון יהונתן זיינען טויט?" האָט דער יונג באַרימעריש געענטפערט:

„איך בין גראָד געווען אויפן באַרג גלבוע, ערשט שאול איז אָנ־געלענט אויף זיין שפּיז און אָט האָבן די רייטוועגן און די רייט־מענער אים אָנגעיאָגט, האָט ער זיך אומגעקערט הינטער זיך און האָט מיך דערזען און ער האָט גערופן צו מיר און איך האָב גע־זאָגט: „דאָ בין איך". האָט ער צו מיר געזאָגט: „ווער ביסטו?" האָב איך צו אים געזאָגט: „אַן עמלקי (אַמאַלייקי) בין איך". האָט ער צו מיר געזאָגט: „שטעל זיך, איך בעט דיך, לעבן מיר, און טויט מיך, ווארום די גסיסה (גסיסע) האָט מיך אָנגענומען, נאָר וואָס מיין נשמה האַלט זיך אין מיר". האָב איך זיך געשטעלט לעבן אים און האָב אים געטויט, ווארום איך האָב געוואוסט, אַז ער קען מער ניט לעבן און איך האָב גענומען די קרוין, וואָס אויף זיין קאָפּ, און דעם אָרעמבאַנד, וואָס אויף זיין אָרעם, און האָב זיי געבראַכט אַהער צו מיין האַר".

ווי דוד האָט דאָס געהערט, האָט ער אָנגענומען זיינע קליי־דער און האָט זיי צעריסן; אַזוי האָבן אויך געטאָן אַלע מענטשן, וואָס זיינען געווען מיט אים. זיי האָבן געוויינט און געקלאָגט און געפאַסט ביז אָוונט אויפן גרויסן בראָך, וואָס האָט געטראָפן שאולן און יהונתנען און דאָס גאַנצע הויז ישראל.

דער עמלקי (אַמאַלייקי) איז געשטאַנען אַ צעטומלטער, ער האָט זיך גאָרניט געריכט דערויף; דער יונג האָט געמיינט, ער ברענגט דודן אַ גוטע בשורה; נאָר דוד איז גאָר געווען מער באַ־טריבט פון אַלעמען.

„פון וואַנען ביסטו?" האָט דוד געפרעגט דעם עמלקי (אַמאַלייקי). „איך בין דער זון פון אַ פרעמדן מאַן אַ גר (גער)", האָט ער שוין איצט אַביסל ניט זיכער געענטפערט.

„ווי האָסטו ניט מורא געהאַט אויסצושטרעקן דיין האַנט אומ־צוברענגען דעם געזאַלבטן פון ישראל?" דער יונג איז געשטאַנען ווי געליימט.

דוד האָט צוגערופן איינעם פון זיינע מענטשן. „טויט אים!" האָט ער געזאָגט. יענער איז אָנגעפאַלן אויפן יונג און אים גע־שלאָגן ביז ער איז געשטאָרבן.

„דיין מויל האָט אַליין עדות (איידעס) געזאָגט אויף דיר, — איך האָב געטויט דעם געזאַלבטן פון ישראל", — האָט דוד אויס־גערופן, „דיין בלוט איז אויף דיין קאָפּ!"

14. דוד מאַכט גרויס די אידישע מלוכה

דוד ווערט קעניג פון יהודה, אָבער ניט פון גאַנצן לאַנד

דער טויט פון שאולן האָט ניט אָפּגעשטעלט די קריגערייען אין ישראל. עס האָבן זיך ווייטער אָנגעהויבן יאָרן פון אומרו און אומאייניקייט. שאול איז געווען טויט, אָבער זיינע מענטשן האָבן געזאָלבט זיין זון איש בושת (איש בוישעס) פאַר אַ קעניג. די אַלע שבטים פון צפון (צאָפן) זיינען געווען מיט אים; מיט דודן האָט בלויז געהאַלטן זיין אייגענער שבט יהודה.

יאָרן נאָכאַנאַנד האָט זיך אַזוי געצויגן די קריגעריי. דוד האָט צוגעקראָגן אַלץ מער פריינד און דאָס הויז פון שאולס זון איז געוואָרן שוואַכער און שוואַכער.

איש בושת איז באמת גאָרניט געראָטן געווען אין זיין פאָטער. ער האָט פאַרמאָגט ניט זיינע מעלות און אויך ניט זיינע חסרונות (כעסרוינעס). דאָך האָט ער אָבער אוממעגלאַך געמאַכט, אַז דוד זאָל גלייך ווערן דער מלך פון גאַנץ ישראל. דוד איז נאָר געווען קעניג פון יהודה.

אין פאָלק האָט מען געקענט דודן און מען האָט אויך געוואוסט זיין העלדן־מוט, נאָר געטרויט האָט מען אים ניט שטאַרק. ער איז אַוועק צו די פלשתים, צו די שונאים. ניט אַלעמען איז געווען קלאָר, וואָס דוד האָט ביי די פלשתים געטאָן. צי האָט ער ניט געהאַט אַ האַנט אין דער מפלה, וואָס אידן האָבן געליטן אין גלבוע, און צי איז ער באמת גאָרניט שולדיק אין דעם טויט פון שאולן? זינגער פון דעם שבט יהודה האָבן געזונגען דאָס געריימטע טרויער־ליד, וואָס דוד זאָל כלומרשט האָבן געזונגען אויפן טויט פון זיין פאַרפאָלגער (ווי רירנד עס ווערט געשילדערט זיין ליבע צו שאולן און יהונתנען...). נאָר ווען די זינגער פלעגן זינגען דאָס ליד פון אידישן בראָך אויף די בערג פון גלבוע, פלעגט ניט זעלטן אויפשיינען אַ ביטערער שמייכל הינטער דער ערלאַכער טרער.

וואָס מער יאָרן עס זיינען אַוועק, אַלץ מער האָט מען גענוי־ מען פאַרשטופּן דעם קריג צווישן שאולן און דודן און שילדערן דעם יונגן דוד ווי אַ טרייען און איבערגעגעבענעם פריינד פון אַלטן קעניג, אַפילו נאָכדעם, ווי שאול האָט זיך פאַרלייגט אויף זיין לעבן. דוד האָט ניט איין מאָל געקענט טויטן שאולן, האָט מען זיך דערציילט (כדי צו שאַפן גוטע שטימונג פאַרן מלך פון יהודה), נאָר ער האָט עס קיינמאָל ניט געטאָן.

דוד הערשט איבערן גאַנצן לאַנד

אין לאַגער פון שאולס זון איז ניט געווען קיין אחדות: קריג און מאָרד און פאַרשווערונג. איש בושת (איש בּוֹשעס) אַליין איז דערהרגעט געוואָרן דורך די הענט פון זיינע מענטשן. דוד האָט אַלץ מער אָנהענגער צוגעקראָגן, ער איז געווען דער איינציקער כח צווישן די פויערים, וואָס האָט געקענט אַרויסשטעלן אַ ווי־ דערשטאַנד אַקעגן די פלשתים.

די פרייהייט, וואָס אידן האָבן געוואונען אין שאולס צייטן, איז שוין איצט געווען פאַרביי. אידן האָבן ווידער געלעבט אין אונטערדריקונג און די פלשתים זיינען געווען זייערע הערשער.

פאַר די פלשתים איז דוד איצט געווען אַ שונא און ער האָט קעגן זיי ביטער געקעמפט. מיט זיינע אָנפאַלן אויף די פלשתים האָט ער זיך ווידער באַליבט געמאַכט ביים פאָלק. איצט, ווען שאולס זון איז געשטאָרבן, איז דוד אויך אָנערקענט געוואָרן פון די צפונדיקע שבטים.

זיין קאַמף מיט די פלשתים איז געוואָרן נאָך מער פאַרצווייפלט. אַלץ מער דערפער און שטעט האָט דוד אַרויסגעריסן פון די אידישע שונאים. ער האָט געשלאָגן מיט אַ שטאַרקער האַנט. דודס מענטשן זיינען שוין מער ניט געווען קיין פויערים מיט רידלען און העק, זיי זיינען געווען באמת גוט באַוואָפנט. דוד האָט אַפילו געהאַט געדונגענע זעלנער פון די פלשתים און פון די באַוואוינער פונם אינזל קריט, אַן אינזל אויפן מיטלענדישן ים.

די שטאָט ירושלים אין אידישע הענט

די גרעסטע געשעעניש אין קאַמף פאַר מאַכט איז געווען, ווען דוד האָט פאַרכאַפּט די שטאַרקסטע כּנענישע (קנאַאַנישע)

באַרג־פעסטונג — ירושלים. הונדערטער יאָרן האָבן אידן געלעבט אין לאַנד און קיין צוטריט ניט געהאַט צו דער באַפעסטיקטער שטאָט. די ווענט אַרום דער שטאָט זיינען געווען אַזוי שטאַרק, אַז די באַוואוינער זיינען געווען זיכער, אַז די בלינדע און די לאָמע צווישן זיי זיינען גענוג די שטאָט צו באַשיצן.

דוד האָט פאַרכאַפּט די שטאָט אויף אַ קונציקן אופן. ער האָט צוזאַמענגעקליבן אַ מחנה (מאַכנע) פון זיינע מענטשן און איז צו־געקומען צו דער שטאָט. די באַוואוינער זיינען געוואָרן טשיקאַווע און געשטעלט זיך אויף די ווענט אָנקוקן, וואָס עס קומט פאָר. אין דער צייט האָבן זיך דודס מענטשן אַריינגעגנבעט אין דער שטאָט דורך אַ טונעל, וואָס האָט געפירט וואַסער אין שטאָט אַריין פון דעם איינציקן קוואַל, וואָס די שטאָט האָט געהאַט בשכנות (בישכיינעס). אַריינדרינגענדיק אינעווייניק, זיינען די אידן באַפאַלן די כנענים פוןביידע זייטן און אויף אַזאַ אופן פאַרכאַפּט די שטאָט.

דאָס געווינס פון דער נייער שטאָט איז געווען אומגעהייער גרויס. פון דער נייער פעסטונג האָט דוד געקענט מאַכן אַטאַקעס אויף די פלשתים; ער האָט זיי כסדר אַלץ מער פאַרטריבן צום ים־ברעג, דאָס גאַנצע אינעווייניקסטע שטיק לאַנד, די בערג און די טאָלן, אויך ווייטע שטרעקעס אין צפון און אין דרום האָט דוד פאַראייניקט מיט דער מלוכה.

דוד איז פון זיין יוגנט געווען אַ מענטש פון שווערד און ער האָט די שווערד זיין גאַנץ לעבן ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט. אונטער אים איז די אידישע מלוכה גרויס געוואָרן. אין דער וועלט, וואו איינער האָט געקענט זיין אָדער אַ זיגער אָדער אַ באַזיגטער, זיינען אידן איצט געווען די זיגער.

די רעגירונגס־צייט פונם קעניג דוד

עס איז געווען גאָר אַן אַנדערע צייט, ווען דוד האָט גע־הערשט אין לאַנד. אין פאַרגלייך מיט שאולן איז שוין דוד געווען מער מלוכה־מענטש און מער אָפּגעגעבן די אינטערעסן פון לאַנד.

אין שאולן האָט נאָך באמת געשטעקט דער פויער; ווען אין לאַנד איז געווען רואיק, האָט ער באַאַרבעט זיין פעלד. בלויז די

אומרואיקע צייט פון קריג, די געפאַר, פלעגט אָפּרייסן דעם פּויער פון דער ערד און שיקן אים מלחמה האַלטן מיטן שונא.

דוד האָט שוין גענומען לעבן און פירן זיך אויפן שטייגער פון די אַרומיקע קעניגן. ער האָט דאָס געקענט טאָן, ווייל די רייכקייט פון לאַנד האָט דאָס דערלויבט. יהודה האָט געקליבן צינז פון אַ סך קליינע פעלקערלאַך אַרום.

די מלחמות האָבן מיט זיך געבראַכט רויב און עשירות פאַר די קריגסלייט און די מלחמה־מענער, די מלחמות האָבן רייך גע־מאַכט די מלוכה.

אויסער דעם האָט דוד געגרינדעט אַ נייע הויפּט־שטאָט, ער האָט פאַרכאַפּט די שטאָט ירושלים, אַ כנענישע פעסטונג, און אויס־געקליבן זי פאַרן צענטער, פון וועלכן צו הערשן איבערן לאַנד די נייע שטאָט איז נייטיק געווען צו פאַרבויען מיט שיינע געביי־דעס, וואָס זאָלן דער נייער היים פון קעניג צוגעבן חשיבות (כשיוועס). (באַלמעלאָכעס פאַר זיינע בוי־אַרבעטן האָט דוד אַראָפּ־געבראַכט פון פעניקיע).

אין פאַרגלייך מיט די אָרימע הייזלאַך, געבויט פון ליים, קליין און פינסטער, האָט דעם קעניגס הילצערנע הויז אויסגעקוקט ווי אַן אמתער פּאַלאַץ.

צוצוגעבן מער וויכטיקייט דער נייער שטאָט, וואָס האָט ניט פאַרמאָגט קיין הייליקע טראַדיציעס פאַר די אידישע פּויערים, האָט דוד אַראָפּגעבראַכט קיין ירושלים דעם אַלטן אָרון, אָן וועלכן דאָס פאָלק האָט שוין כמעט (קימאַט) פאַרגעסן. דער קאַסטן איז געשטאַנען אין דעם שייער פון אַ פּויער און קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט.

מיט אַ סך צערעמאָניעס און מיט גרויס יום־טובדיקייט (יאָנטעוודיקייט) האָט דוד אַראָפּגעבראַכט דעם אָרון אין דער נייער שטאָט. דער קעניג אַליין האָט געטאַנצט פאַרן אָרון און אין גרויס שמחה אַפילו אַנטבלויזט זיין לייב. ער האָט געבראַכט אַ קרבן (קאָרבן), געבענטשט דאָס פאָלק. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט דער נייער הויפּט־שטאָט צוגעבן אַ סך חשיבות (כשיוועס).

צו דער געלעגנהייט האָט דער קעניג אויך באַשטימט צוויי כּהנים (קויהאַנים) פאַרן הייליקטום. זייער אַרבעט איז באמת באַשטאַנען ניט אַזויפיל אין ברענגען קרבנות, דאָס האָט דער קעניג אַליין זייער אָפט געטאָן, נאָר דער עיקר (דעריקער) אין אַרויסהעלפן דעם קעניג ביים משפטן דאָס פאָלק.

די כּהנים זיינען געווען די אויפהיטער פון דעם פאַרשריבענעם געזעץ און דער קעניג האָט זיך גענייטיקט אין אַזעלכע מענטשן, וואָס זאָלן אים קענען עצהן (אייצען) אין די פאַרפּלאָנטערטע פראַגעס, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט אויפקומען.

צו משפטן דאָס פאָלק איז, אויסער פירן דעם חייל אין מלחמה, געווען די וויכטיקסטע עובדא (אָאָוודע) פונם קעניג. דאָס איז נאָך פאַרבליבן אַ ירושה פון דער שופטים־צייט. איינער, וואָס איז געקריוודעט געוואָרן פון די שטאָט־עלטסטע, ווייל זיי האָבן ניט יושרדיק געפירט דעם משפט, האָט געהאַט אַ רעכט צו קומען צום קעניג און פאָדערן גערעכטיקייט.

אויף אים, דעם באַפרייער פונם פרעמדן שונא, האָט ז'אָס פאָלק געקוקט אויך ווי אויף דעם באַשיצער פון שוואַכן און נויט־ליידנדיקן. צום קעניג פלעגן אויך קומען מענטשן, ער זאָל מילדער מאַכן אַ האַרבע שטראָף.

אין די אַלע פּלאָנטערס, וואָס קומען־אויף אין דער באַציאונג פון איין מענטש צום צווייטן, האָט זיך דער קעניג באמת ניט אַלעמאָל געקענט פאַנאַנדערקלייבן; ער איז געווען אַ מלחמה־מענטש און ניט קיין ריכטער; דאָ פלעגן אים קומען צוהילף די כּהנים, די אויפהיטער פון דער טראַדיציע.

מיט זייער באַקאַנטשאַפט, ווי מען פירט זיך אין דער פרעמד, ווי עס איז דער מנהג (מינהעג) פון קדמונים (קאַדמוינים), האָבן זיי געקענט אַ סך אַרויסהעלפן.

דער הייליקער קאַסטן איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ פּשוט געצעלט. עס איז געווען אַ הייליקטום ניט אַזוי פאַרן פאָלק, ווי פאַרן קעניג און זיין משפחה (מישפּאָכע).

אַרויסהעלפער אין דער מלוכה

פירן די מלוכה איז, וואָס ווייטער, געוואָרן אַלץ אַ שווערערער און אַ מער פאַרוויקלטער ענין (איניעז). דער קעניג האָט מער ניט געקענט אַלץ אַליין פאַרזאָרגן. עס זיינען נייטיק געווען מענטשן, וואָס זאָלן אים אַרויסהעלפן. דוד האָט שוין טאַקע דע־ריבער געהאַט עטלאַכע באַאַמטע אין דעם קרייז פון זיינע עצה־געבער. עס הייסט ניט בלויז מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך פון צייט צו צייט געקענט באַראַטן, נאָר באַאַמטע פון דער מלוכה, שטענדיקע אַרויסהעלפער.

איינער פון דעם קעניגס באַאַמטע איז געווען דער סופר (סויפער), דאָס הייסט, דער שרייבער; ער איז געווען אַזוי ווי דער קאַנצלער פון דער מלוכה. זיין אַרבעט איז מסתמא (מיסטאָמע) געווען צו פירן די מלוכה־פאַרהאַנדלונגען מיט פרעמדע לענדער. אויסער אים איז ביים הויף געווען דער מזכיר (מאַזקיר), דער דערמאָנער, אַ באַשטענדיקער עצה־געבער פונם קעניג. פון גרויס באַדייטונג איז אויך געווען דער אויפזעער איבער דער צוואַנג־אַרבעט.

די גרעסטע דעה (דייע) האָט אָבער געמוזט האָבן דער אָנפי־רער פון דער פאָלקס־אַרמיי, ער איז געווען דער שטאַרקער אָרעם פון דער מלוכה. דאָך האָט זיך דער קעניג אויף זיין אייגענער אַרמיי ניט פאַרלאָזט אינגאַנצן, ער האָט געהאַט אַ געדונגענע לייב־וואַך פון פרעמדע קריגסלייט, פלשתים און קרע־טער; עטלאַכע הונדערט אין צאָל, איז די גע־דונגענע לייב־וואַך געווען די אמתע אונטער־שטיצונג פון דער מלוכה.

אויסער די אַלע באַשטענדיקע באַאַמטע האָט זיך דוד אַרומ־גערינגלט מיט אַ קרייז פון רייכע, איינפלוסרייכע מענטשן, עצה־געבער, וועלכע ער פלעגט אָנפאַרטרויען פאַרשיידענע געשעפטן פון דער מלוכה. אין זיי האָט ער געזוכט אַן אונטערשטיצונג פאַר זיין הערשאַפט.

דוד האָט דער עיקר געזוכט אַריינצוציען מענטשן פון די צפונדיקע שבטים, וואָס ער האָט זיי כסדר פאַרדעכטיקט, און מיט רעכט, אין אומגעטרייקייט. ער האָט זיי געזוכט אַראָפּצוברענגען

אין דער נייער הויפּט־שטאָט, קיין ירושלים, און דערמיט צוגעבן איינהייטלאַכקייט און חשיבות (כשיוועס) זיין הערשאַפט.

אין איין פאַל האָט דוד זייער שטאַרק געוואָלט איינעם אַ רייכן אַראַמייער פון גלעד (שוין גאָרניט קיין אידן!), ער זאָל קומען קיין ירושלים און דאָרט פאַרבלייבן. דער אַראַמייער אַליין האָט דאָס שוין ניט געקענט טאָן צוליב זיין טיפן עלטער, האָט ער געשיקט זיין זון. אַזעלכע מענטשן האָבן געדאַרפט שאַפן די פאַרבינדונג צווישן זייער היים־אָרט און צווישן דעם קעניגס הויף.

לסוף דאַרף מען ניט פאַרגעסן די ז ע ע ר, וואָס האָבן זיך געפונען ביים קעניגלאַכן הויף, זיי הייסן אויך נ ב י א י ם, מען טאָר זיי אָבער ניט צוזאַמענמישן מיט די שפּעטערדיקע גרויסע נביאים; דאָס זיינען געווען מענטשן אין דינסט ביים קעניג, מער גאָרניט.

ביים קעניגלאַכן הויף האָבן זיך אויך געפונען זינגער און זינגערינס צו פאַרוויילן דעם קעניג און זיינע געסט. אין ישראל איז דאָס אַלצדינג געווען זייער ניי.

געאַרבעט און געטאָן!

דער קריג צווישן שאולן און דודן

שאול האָט געוואָלט טויטן דודן, ווייל

— דוד האָט געוואָלט טייטן שאולן און ווערן קעניג.

— דוד איז באַליבט געוואָרן ביים פאָלק און שאול איז געוואָרן אייפער־זיכטיק.

דוד איז אַנטלאָפן פון שאולן

— צו די פלשתים.

— אין עגיפּטן.

— אין מדבר.

לויט דער נאַטור איז שאול געווען

— אַ שטילער און רואיקער מענטש.

— אַ העלדישער מענטש, וואָס פלעגט גיך באַגייסטערט ווערן און גיך אויפגערעגט ווערן.

— אַ שרעקעוודיקער, שלעכטער מענטש.

דיין ענטפער וועט דיסקוטירט ווערן אין קלאַס. זיי אים גרייט צו פאַר־טיידיקן און דערקלערן. מעגלאַך, אַז דו פאַרשטייסט שאולן אינגאַנצן אַנדערש. שרייב דעמאָלט אָן דיין מיינונג.

— שאול איז געווען — — — — — — — — — — — — — — —

דוד איז בעוואָרן דער קעניג פון די אידן

— נאָכדעם ווי ער האָט געטויט שאולן.

— נאָכדעם ווי שאול איז געפאַלן טויט אין מלחמה מיט די פלשתים.

דוד האָט זיך

— געפרייט מיט שאולס טויט.

— האָט באַדויערט שאולס טויט.

אַ פאַרגלייך צווישן שאולן און דודן

אַנשטאָט יעדן שטריך ———— שטעל־אַריין דעם נאָמען דוד אָדער שאול.

———— האָט איבערהויפּט געזוכט צו פאַרטיידיקן די אידן קעגן די פלשתים, די פלשתים זאָלן ניט צונעמען קיין אידיש לאַנד, זאָלן ניט אונטער־דריקן די אידישע פויערים. ער האָט זיך באַנוגנט דערמיט.

———— האָט געפירט זיין גאַנצן לעבן מלחמות. ער פלעגט אָנפאַלן אויף די אַרומיקע פעלקער, און האָט זיי באַזיגט. אין זיין צייט איז די מלוכה געווען זייער גרויס און שטאַרק. ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט פאַרטיידיקן דאָס אידישע לאַנד. ער פלעגט אָנפאַלן אויף פרעמדע לענדער אויך.

———— האָט געהאַט אַ שטענדיקע אַרמיי. די קריגס־לייט פלעגן אַליין ניט אַרבעטן, זיי זיינען מער ניט קיין פויערים. דער קעניג פלעגט זיי צאָלן פון דעם רויב אָדער פון דעם צינז, וואָס ער פלעגט נעמען ביי די אונטערדריק־טע פעלקער. ער פלעגט זיי אויך אַוועקגעבן פעלדער און גערטנער.

——— האָט ניט געהאַט קיין גרויסע אַרמיי. אין צייט פון שלום פלעגט ער אַליין אַרבעטן אויף זיין פעלד. ער האָט געלעבט אין אַ הילצערנער שטוב ווי אַ פּראָסטער פויער.

——— האָט פאַרכאַפּט די שטאָט ירושלים, וואָס איז פריער געווען אַ כנעניש שטאָט און געמאַכט זי פאַר דער אידישער הויפּט-שטאָט.

שאול און דוד

שרייב-אַריין אין צוויי קאָלומס די יוגנט-געשיכטע, דעם שטייגער לעבן און די אויפטואונגען פון שאולן און דודן. דעם פאַרגלייך קענסטו צוזאַמענשטעלן, נאָכקוקנדיק די פריערדיקע פּראַגעס און ענטפערס.

	ש א ו ל	ד ו ד
יוגנט-געשיכטע		
שטייגער לעבן		
אויפטו-אונגען		

אַ פאַרגלייך צווישן שאולס און דודס מלוכה



גוטס און שלעכטס אין דודס הערשאַפט

די אַלע טעג פון דודס לעבן איז אין פאָלק וואַכיק געווען די גרויסע איבערגעגעבנקייט און העלדישקייט, וואָס דער מלך האָט אַרויסגעוויזן אין קאַמף מיט די פלשתים. פונדעסטוועגן האָט ניט געפעלט קיין אומצופרידנקייט. אַ סך יאָרן האָט זיך שטאַרק געראָדערט. עס זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען אין לעבן פון די איינגעוואַנדערטע אידן, וואָס האָבן גרויסע גרופּעס אין פאָלק גאָר קיין גליק ניט געבראַכט. דאָס פאָלק האָט זיך געזוכט פון די נייע פּלאָגענישן אַרויסראַטעווען דורך אויפשטאַנדן. די אויפשטאַנדן האָבן דורכאויס געטראָגן אַ פאָלקס־כאַראַקטער.

וואָס איז געווען דאָס שלעכטס, וואָס איז אויפגעקומען אין דודס צייטן און וואָס איז שפּעטער נאָך בולטער (בולטער) געוואָרן אין דער הערשאַפט פון זיין נאָכפאָלגער? דאָס ערשטע בייז, וואָס איז אפשר אַרויסגעוואַקסן פונם גוטס, דער גרינדונג פון דער מלוכה, איז געווען די אויסהאַלטונג פון דער אַרמיי.

עס איז אויפגעקומען אַ קלאַס פון פּראָפעסיאָנעלע סאָלדאַטן, אַ שטענדיקע אַרמיי. זייער אַרבעט איז געווען צו פאַרטיידיקן די גרעניצן פון דער מלוכה און אַפילו צו פאַרגרעסערן די אייגענע גרעניצן.

דאָס איז געווען דער כלל פון דער אַלטער וועלט און פון אירע אומאויפהערלאַכע מלחמות: ווער עס שלינגט יענעם ניט איין, יענער וועט אַליין איינגעשלונגען ווערן.

דוד האָט איינגעשלונגען, אונטערדריקט אַ סך קליינע פעלקערלאַך אַרום. פון דעם איז די מלוכה באַרייכערט געוואָרן, פאַרשטייט זיך אויף פרעמדן האָב און גוטס. דאָס איז אָבער געווען אַן אומגליקלאַכע באַרייכערונג, אומגליקלאַך ניט בלויז פאַרן אונטערדריקטן פאָלק, נאָר אויך פאַרן פאָלק, וואָס האָט אונטערדריקט.

דער אמת איז געווען דער: ביסלאַכווייז איז דאָס מלחמה־פירן געוואָרן אַן ענין (איניען) נאָר פאַר די רייכערע פּויערים און זייערע זין, וואָס האָבן זיך צוזאַמען מיטן קעניג געלאָזט אויף רויב.

בלויז אין די צייטן פון אונטערדריקונג איז דאָס פויערים־פאָלק געגאַנגען אין מלחמה מיט די שונאים; אויף ווייטער האָט דוד אָרגאַניזירט אַ גוט־אויסגעמושטירטע אַרמיי, פול מיט ג ע־ דונגענע פרעמדע זעלנער.

דער קעניג איז געווען דער צום בעסטן באַוואָפנטער לאַנד־אייגנטימער און די מלחמות האָבן גענומען אויסגענוצט ווערן אין די אינטערעסן פון די גוט־באַוואָפנטע און רייכע פויערים.

די צוגעקראָגענע ערד אין דער פרעמד האָט מען ניט פאַרטיילט צווישן גאַנצן פאָלק, נאָר בלויז צווישן די רייכע קריגסלייט. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז די אונטערשיידן צווישן די אָרימע און די רייכע פויערים זאָל ווערן גרעסער; דאָס פאָלק זאָל צעשפּאָלטן ווערן אין אַ רייכן קריגערישן קלאַס מיט אַ סך קנעכט און אַ סך געפאַנגענע שקלאַפן, וואָס האָבן די לענדערייען באַאַרבעט, און אין אַ קלאַס אָרימע ערד־אַרבעטער, וואָס האָבן אַליין באַאַרבעט זייער בידנע שטיקל ערד. די רייכע פויערים האָבן זייערע אַלע טעג און יאָרן פאַרבראַכט אין מלחמה. אויף זייערע פעלדער האָבן געאַרבעט אָדער קנעכט (קריגס־געפאַנגענע), אָדער פאַראָרימטע פויערים, וואָס האָבן קיין אייגענע ערד מער ניט פאַרמאָגט.

די צאָל אָרימע פויערים האָט זיך פון יאָר צו יאָר געמערט. געשען איז דאָס אַזוי: דער ערד־פאַרמעגן פון דעם אָרימען פויער איז געווען קליין; אויב ער אַליין מיט זיין ווייב און קינדער האָבן נאָך געקענט ווי עס איז זיך דורכלעבן מיטן ביסל תבואה, וואָס עס איז פאַרטיק געוואָרן אויפן פעלד, האָט אָבער די גערע־טעניש מער ניט געקלעקט, ווען די קליינע נחלה איז נאָכן פאָטערס טויט צעטיילט געוואָרן צווישן די פיל זין. אויפן גורל פון יעדן איינציקן איז אויסגעפאַלן אַ קליינער חלק. דער פאַרמעגן פון די פויערים איז צוליב דעם פון יאָר צו יאָר צעברעקלט געוואָרן. וואָס מער די באַפעלקערונג איז געוואַקסן, אַלץ ווייניקער ערד האָט דער אָרימער פויער פאַרמאָגט. די נייע ערד איז געגאַנגען צו די קריגס־מענטשן, ניט צו אַ ל ע אידן פון ישראל.

דער קאָנטראַסט איז דעריבער כּסדר געוואַקסן. די רייכע פויערים האָבן איצט זייער מאַכט, וועלכע זיי האָבן דערוואָרבן

אין קריג, גענומען אויסנוצן אויך אין דער היים. נאָר דער, וואָס האָט פאַרמאָגט רייכקייט, האָט געהאַט אַ דעה (דייע). די אַמאָ־ליקע גלייכקייט פון דער מדבר־צייט און פון די ערשטע יאָרן אין לאַנד האָט געהאַלטן ביים פאַרשווינדן. דער רייכער האָט אָנגעהויבן באַנוצן זיין מאַכט אויף אַן אומגע־רעכטן אופן.

אַזוי לאַנג, ווי עס האָט איינעם געגליקט אין מלחמה, האָט ער אפשר זיין אָרימערן שכן (שאָכן) געלאָזט צורו. אָבער דאָס מלחמה־גליק איז ניט אַלעמאָל באַשטענדיק, און ווען איינער האָט זיך ניט געקענט מער באַרייכערן אויפן חשבון (כעשבן) פונם פרעמדן, פונם שונא, האָט ער זיך באַרייכערט אויפן חשבון פון זיין אָרימערן שכן. מלחמה איז געוואָרן אויס מיטל פון זעלבסטפאַרטיידיקונג, נאָר אַ מיטל פון רויב.

עס קען זיין, אַז אין דודס צייטן האָבן זיך אָנגעהויבן באַ־ווייזן בלויז סימנים (סימאָנים) פון דער קראַנקהייט און פון דער צעטיילונג, שפעטער זיינען זיי געוואָרן שאַרפער, אָבער סימנים זיינען דאָס געווען.

דאָס פאָלק האָט שוין געליטן און ניט געוואָלט פאַרשווייגן די אַוולעס. מלחמה, וואָס האָט באַרייכערט די רייכע פויערים, האָט פאַראָרימט די אָרימע פויערים. ניט געקוקט, וואָס אין דער פרעמד האָט דער מלך כסדר געזיגט, האָט אָבער דער קליינער פויער אין דער היים פאַרלאָרן, און צוזאַמען מיטן אידישן זיגן איז אויפגעקומען אָרימקייט אין לאַנד, פויערים, וואָס פאַרלירן זייער ערד...

איבערהויפט איז אַ סך תבואה (טוואוע) אומגעקומען אין דעם בירגער־קריג, וואָס איז אויסגעבראָכן, אין וועלכן שאול און דוד זיינען געווען די פירער.

דער פויער איז געווען דער, וועמעס פעלדער עס זיינען אין קריג צעטראָטן געוואָרן, וואָס האָט שטאַרקער פון אַלעמען געליטן.

דאָס לאַנד איז פול געווען מיט אומצופרידנקייט, מיט אומרו. אויסער אַלץ איז נאָך צוגעקומען די קנאה און שנאה (קינע און סינע) צווישן די שבטים, וואָס האָבן ניט פאַרגונען דעם שבט יהודה, ער זאָל גאָר זיין דער הערשנדיקער אין לאַנד; די גרעסטע אומצו־פרידנקייט האָט געהערשט אין דער פויערים־מאַסע.

15. אומצופרידנקייט אין לאַנד; דער אויפשטאַנד פון אבשלומען

אַבשלום (אַוּשאָלעם), דודס זון, שטעלט זיך קעגן זיין פאָטער

די אומצופרידענע אין ישראל האָבן געפונען אַ פירער אין דודס זון אַבשלום, וואָס איז אויך געקריוודעט געוואָרן פון טאַטן און האָט דעריבער געהאַט זיינע אייגענע חשבונות (כעשבוינעס).

אַבשלום האָט זיך איינגעשאַפט אַ רייט־וואָגן און פערד און פופציק מאַן, וואָס זיינען געלאָפן אים פאָראויס, און ער פלעגט זיך יעדן פרימאָרגן אַוועקשטעלן ביים וועג פון טויער און אָפּ־וואַרטן דאָס פאָלק, וואָס פלעגט קומען מיט קריוודעס צום קעניג.

פון אַלע עקן לאַנד איז דאָס פאָלק געקומען, אָבער דער קעניג איז געווען אַלט, פלעגן זיינע האַרן משפטן.

אַ סך זיינען ניט געווען צופרידן, זיי האָבן געגלויבט, אַז נאָר דוד קען ריכטיק פאַרשטיין זייער טענה (טיינע), ניט קיין אַנדערער; און פאַרוואָס זאָל ער ניט אויסהערן? איז ער דען ניט דער שופט פון אַלע שבטים?

אַבשלום פלעגט אָפּוואַרטן די געקריוודעטע אין ישראל, נאָך איידער זיי זיינען געקומען צו די ריכטער, און ער פלעגט יעדן פרעגן: „פון וואָסער שטאָט ביסטו?" ווען יענער פלעגט אים ענטפערן: „פון איינעם פון די שבטים פון ישראל", אַזוי פלעגט אים אַבשלום זאָגן: „דיינע טענות (טיינעס) זיינען גוטע און גע־רעכטע, אָבער קיינער פון קעניג וועט זיך צו דיר ניט צוהערן. אָט ווען מען מאַכט מיך פאַר אַ שופט (שויפעט), אַ ריכטער אין לאַנד, און צו מיר זאָל קומען יעדער איינציקער, וואָס האָט אַ קריג און אַ משפט (מישפעט), איך וואָלט אים שוין געטאָן גערעכטיקייט..."

מיט די גוטע רייד און מיט זיין חניפה (כניפע) האָט אַבשלום געוואונען דאָס האַרץ פון פאָלק. ער האָט זיך גאָרניט געפירט ווי אַ קעניגס אַ זון, נאָר ווי אַ מענטש פון פאָלק. ווען איינער פלעגט

זיך פאַר אים בוקן, אַזוי פלעגט אים אַבשלום אַרומנעמען און קושן. איבער גאַנץ ישראל האָט מען געמורמלט קעגן דודן און גערעדט מיט ליבשאַפט וועגן דעם יונג אַבשלום.

אין ישראל האָט זיך געגרייט אַן אויפשטאַנד. די אומצו־פרידנקייט איז געווען גרויס, אַלע געוועזענע שונאים זײַנען אַרויס פון די לעכער און זייער מחנה איז געוואַקסן.

איבערן גאַנצן לאַנד, צו אַלע שבטים, האָט אַבשלום פונאַנ־דערגעשיקט אויסקוקערס און ער האָט זיי אַזוי אָנגעזאָגט: „ווען איר וועט הערן דעם קול פונם האָרן, זאָלט איר וויסן, אַבשלום איז מלך אין חברון (כעוורוין)".

די פאַרשווערונג איז געווען גוט אָרגאַניזירט, דער בונט קעגן אַלטן דוד איז געוואַקסן און דאָס פאָלק אַרום אַבשלומען האָט זיך געמערט.

באַלד טאַקע האָט די שעה פון אויפשטאַנד געשלאָגן. דער האָרן האָט געשאַלט, פון אַלע שטעט און דערפער איז דאָס פאָלק צוגעשטאַנען צום יונג, געהויבן זיך קעגן זײַנע באַדריקער.

דוד האָט גאָרניט ניט געוואוסט. די נייעס וועגן דעם אויפ־שטאַנד איז צו אים געקומען אינגאַנצן אומגעריכט. אויף גיך האָט ער צונויפגעקליבן אַלע זײַנע קנעכט, וואָס זײַנען מיט אים געווען אין ירושלים. „שטייט־אויף און לאָמיר אַנטלויפן", האָט דער אַל־טער מלך אויסגערופן, „וואָרום מיר וועלן זיך ניט קענען ראַטע־ווען פון אַבשלומען". די קנעכט האָבן געקוקט תמעוואַטע, צע־שראָקן: „מיר וועלן טאָן, וואָס דו וועסט אונז הייסן", האָבן זיי זיך אָפּגערופן, „דאָ זײַנען מיר אַלע".

אין געאײַל איז דער קעניג און זײַן גאַנץ הויזגעזינט נאָך אים אַרויס פון ירושלים. אַלע דודס קנעכט זײַנען מיטגעגאַנגען מיט אים, אויך די געדונגענע קרעטער און פלשתים און די פון דער שטאָט גת (גאַס), זעקס הונדערט מאַן; מיטן אַלטן קעניג איז אויך מיטגעגאַנגען דאָס פאָלק פון דער שטאָט; ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז. דאָס פאָלק האָט ביטער געוויינט אויפן קול...

דוד איז אַריבער דעם טייך קדרון אַקעגן דעם מדבר, די סכנה (סאַקאָנע) איז באמת געווען גרויס... יעדע רגע איז גע־ווען טייער.

איצט, אין דער פרעמד, אַוועק פון ירושלים, האָט דוד ווידער דערפילט די אַלטע שנאה פון שאולס לייט.

ווי דער קעניג איז געקומען צו אַ דאָרף, איז פון דאָרטן אַרויס אַ מאַן פון דער משפחה פון שאולס הויז, זיין נאָמען איז געווען שמעי. ער איז נאָכגעגאַנגען דודן, געוואָרפן שטיינער אויף אים און אויף די האַרן און האָט אים געשאָלטן: „גיי אַרויס, גיי אַרויס, בלוטיקער מענטש, נידערטרעכטיקער מענטש, דו האָסט צוגענומען די מלוכה פון שאולן, דערפאַר וועט דיין אייגענער זון אבשלום צונעמען די מלוכה פון דיר... אָט ביסטו אין דיין אומגליק, וואָרום אַ בלוטיקער מענטש ביסטו".

די האַרן, וואָס זיינען געגאַנגען מיט דודן, האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן: „פאַרוואָס זאָל דער דאָזיקער טויטער הונט שילטן מיין האַר, דעם מלך?", האָט זיך איינער פון זיי אָפּגערופן... „לאָמיך, איך בעט דיך, אַריבערגיין, און איך וועל אים דעם קאָפּ אַראָפּנע־מען"... דער מלך האָט אָבער געזאָגט: „וואָס קער איך זיך אָן מיט אייך, אויב ער שילט, זאָל ער שילטן... מיין אייגן קינד, מיין זון אבשלום זוכט דאָס לעבן פונם פאָטער, וואָס ווילט איר פון דעם בנימינער (ביניאָמינער)? לאָזט אים און זאָל ער שילטן"... און דוד מיט זיינע מענטשן זיינען געגאַנגען אויפן וועג און שמעי איז גע־גאַנגען ביים זייט פון באַרג אַקעגן אים, געגאַנגען און געשאָלטן, געוואָרפן מיט שטיינער אַקעגן אים און געשאָטן מיט שטויב.

דער מלך און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס מיט אים, זיינען אָנגע־קומען מידע, און זיי האָבן זיך אָפּגערוט דאָרטן. אבשלום מיט זיי־נע אָנהענגער און די מענער פון ישראל זיינען דערווייל אָנגעקו־מען קיין ירושלים.

ניט געהערט דעם פריינד, נאָר געפאָלגט דעם פאַררעטער

די פאַרשווערונג האָט זיך איינגעגעבן, דאָס פאָלק איז גע־ווען מיט אבשלומען. דער קעניג האָט געמוזט אַנטלויפן פון ירושלים און איבערלאָזן די שטאָט אין די הענט פון די רעבעלן. וואָס זאָל מען אָבער ווייטער טאָן? נאָכיאָגן זיך נאָכן שונא, אָדער אָפּוואַרטן, ביז דאָס גאַנצע פאָלק וועט צושטיין און די מחנות (מאַכ־נעס) וועלן נאָך שטאַרקער ווערן?

אבשלום איז געווען אין אַ קלעם. צווישן זיינע געטרייע עצה־געבער, האָט אחיתופל (אַכיטויפעל) פּאָרגעלייגט, ניט צו וואַרטן, נאָר נאָכיאָגן דעם שונא. „לאָמיך אָקאָרשט אויסקלייבן צוועלף טויזנט מאַן", האָט ער זיך געבעטן ביי אבשלומען, „איך וועל אויפשטיין און איך וועל אים נאָכיאָגן דורך דער נאַכט. מיר וועלן אים באַפאַלן, ווען ער איז מיד און אָפּהענטיק און דערשלאָגן; קוים וועלן מיר געווינען די ערשטע שלאַכט, וועט דאָס פאָלק אים פאַרלאָזן און וועט זיך צעלויפן". אבשלומען איז די זאַך פון אָנפאַנג געפעלן געוואָרן, אויך די עלטסטע פון ישראל האָבן צוגעשטימט צו דעם.

צווישן די, וואָס זיינען נאָכגעגאַנגען אבשלומען אין דער פאַרשווערונג, איז אָבער געווען אַ פאַררעטער, חושי (כושי), וואָס האָט אַ לעבן לאַנג געעצהט דודן אין דער מלוכה־פירונג און איצט איז ער אַריבער אויפן צד פון די רעבעלן.

דער יונג האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, ווען ער האָט דערזען זיין טאַטנס קנעכט, נאָר חושי האָט זיך פאַרענטפערט: „וועמען דאָס פאָלק און אַלע מענער פון ישראל האָבן אויסדערוויילט, צו דעם געהער איך, און מיט אים וויל איך בלייבן. און ווידער, וועמען וועל איך דינען? דודס זון!... אַזוי ווי איך האָב געדינט ביי דיין פאָטער, אַזוי וועל איך זיין ביי דיר".

אבשלומען איז די זאַך געפעלן געוואָרן און ער האָט אים געטרויט. ער האָט אפילו אָנגענומען זיין עצה, פונקט דער היפוך (הייפּאַך) פון דעם, וואָס אחיתופל האָט געגעבן: ניט נאָכיאָגן, נאָר וואַרטן. „דו קענסט דיין פאָטער און זיינע מענטשן", האָט איינגעטענהט חושי, „זיי זיינען גבורים און זיי זיינען פאַרביטערט אין געמיט, אַזוי ווי אַ בערנטע אין פעלד באַרויבט פון אירע יונגע. אויך איז דיין פאָטער אַ מאַן פון מלחמה און ער וועט ניט נעכטיקן אין פעלד מיטן פאָלק, ער מוז זיין אַצינד באַהאַלטן אין איינער פון די גריבער, אָדער אין איינעם פון די ערטער. זאָל נאָר טרעפן, אַז די ערשטע מחנה (מאַכנע), וואָס וועט באַגעגענען דודס מענטשן, זאָל צעשלאָגן ווערן, וועט דאָס פאָלק, דערהערנדיק פון דעם בראָך, אין שרעק צעלויפן. איין עצה איז פאַראַן — וואַרטן, ביז דאָס גאַנצע פאָלק וועט אויפגעזאַמלט ווערן אַרום דיר, אבשלום, און זיי וועלן זיין ווי דער זאַמד ביים ברעג ים אין זייער פילקייט

און דו אַליין וועסט דעמאָלט גיין אין מלחמה און דאַן, אַז מיר וועלן אים באַפאַלן אין איינעם פון די ערטער, וואו ער באַהאַלט זיך אויס, וועלן מיר זיך אַראָפּלאָזן אויף אים, ווי עס פאַלט דער טוי אויף דער ערד. און פון אים און פון אַלע מענטשן, וואָס מיט אים, וועט אפילו איינער ניט בלייבן. און אויב ער וועט זיך אַריינ־קלייבן אין אַ שטאָט, וועט גאַנץ ישראל לאָזן אַרויפטראָגן צו דער שטאָט שטריק און מיר וועלן זי אַראָפּשלעפּן אין טאָל, ביז דאָרטן וועט זיך אַפילו קיין שטיינדל ניט געפינען."

די רייד פון חושי, וואָס זיינען געווען זיס ווי האָניק, אָבער פאַררעטעריש פאַרן יונג, זיינען אבשלומען געפעלן געוואָרן; אויך די עלטסטע איז די זאַך אויסגעקומען גאָר ניט קרום. ניט נאָכ־יאָגן, איז געבליבן, נאָר וואַרטן. די רעבעלן זיינען געווען זיכער, אַז דאָס פאָלק וועט צושטיין צו זיי. פון וואַרטן האָט בלויז דוד געהאַט צו פאַרלירן, מער קיינער ניט...

חושי איז ניט געווען אַליין. אין ירושלים האָט זיך געפו־נען אַ גאַנצע הייפל מענטשן, וואָס זיינען טריי געבליבן דודן און געאַרבעט פון זיינעטוועגן. די כהנים און זייערע מענטשן זיי־נען געווען איבערגעגעבענע קנעכט פון דעם אַלטן קעניג. אין געהיים האָבן זיי געלאָזט וויסן דודן, וואָס עס טוט זיך צווישן די רעבעלן, זייער עצה, אַז אבשלום זאָל וואַרטן, האָט דודן געגעבן אַ מעגלאַכקייט צו פאַרשטאַרקן זיינע רייען און אויסטשוכענען זיך פונם ערשטן שרעק. דוד איז אַריבער דעם ירדן און האָט זיך שטאַרק באַפעסטיקט.

אחיתופל, דער אמתער גוטער פריינד פון אבשלומען, זעענ־דיק, אַז זיין עצה ווערט ניט אָנגענומען און אַז אַלץ איז שוין סיי ווי פאַרפאַלן, האָט אָנגעזאָטלט זיין אייזל, איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק צו זיין הויז, צו זיין שטאָט, געזעגנט זיך מיט זיינע ליבסטע און האָט זיך אויפגעהאָנגען. דעם פאַררעטער חושי האָט דער יונג אָנגענומען פאַר זיין גוטן פריינד און דעם אמתן פריינד אחיתופל האָט ער פאַרשטויסן.

זון קעגן פאָטער

טעג זיינען אַריבער און דער טרויעריקער סוף האָט זיך דערנענטערט.

דוד האָט איבערגעציילט דאָס פאָלק, וואָס איז מיט אים גע־וועז, און ער האָט באַשטימט איבער זיי הויפּט־לייט פון טויזנט און הויפּט־לייט פון הונדערט. נאָכדעם האָט ער די גאַנצע מחנה (מאַכ־נע) איינגעטיילט אין דריי טיילן. דער מלך אַליין האָט זיך אויך געקליבן צו גיין אין שלאַכט. נאָר דאָס פאָלק האָט אים צוריקגע־האַלטן. „זאָלסט ניט אַרויסגיין", האָבן אים זיינע טרייע פריינד גע־וואָרנט, „וואָרום אויב מיר וועלן אַנטלויפן, וועט מען אויף אונז קיין אַכט ניט לייגן, אַפילו ווען אַ העלפט פון אונז זאָל אומקומען, אָבער דו ביסט אַצינד אַזוי ווי צען טויזנט פון אונז, איז בעסער, אַז דו זאָלסט בלייבן אין שטאָט".

דוד האָט נאָכגעגעבן: „וואָס עס איז גוט אין אייערע אויגן, וועל איך טאָן". דער מלך האָט זיך געשטעלט ביים טויער פון שטאָט און דאָס גאַנצע פאָלק איז אין הונדערטער און אין טויזנטער פאַרבייגעגאַנגען.

נאָר איין זאַך האָט דוד געבעטן די אָנפירער פון זיין חיל (כאַיעל): „זייט געלאַסן מיטן יונג, מיט אבשלומען, איך בעט אייך", האָט דער אַלטער דוד זיי פאַרזאָגט.

ווידער אַמאָל, נאָך יאָרן רו, האָט זיך אידיש בלוט געגאָסן אויף די פעלדער פון ישראל, דאָס מאָל האָבן זיך ניט קיין פרעמ־דע שונאים צונויפגעטראָפן, נאָר ברידער קעגן ברידער. אַ זון האָט געהייבן זיין האַנט קעגן זיין פאָטער און קעגן די האַרן.

די מלחמה איז געווען אין וואַלד פון אפרים. אַ וויסטער טאָג איז דאָס געווען פאַר די רעבעלן... ס'האָט זיי גאָרניט געגליקט, דודס לייט זיינען געווען קריגער פון יאָרן און אַקעגן זיי האָט מלחמה געהאַלטן דאָס פויערים־פאָלק, שלעכט באַוואָפנט, פיל אין צאָל, נאָר ניט דערפאַרן. אַ שלאַק האָט יענעם טאָג געטראָפן ישראל; די קנעכט פון דודן, צווישן זיי זעלנער פון דער פרעמד, פלשתּים און קרעטער, האָבן זיך געשטאַרקט. דער וואַלד האָט פאַרצערט פון פאָלק יענעם טאָג מער ווי די שווערד האָט פאַר־צערט.

אבשלום האָט זיך געטראָפן מיט די קנעכט פון דודן. ער האָט געזען ווי זיינע מחנות זיינען צעשלאָגן, האָט ער זיך געיאָגט דורכן וואַלד, געזוכט ראַטעווען זיך פון די הענט פון זיינע שונאים. דער יונג האָט געריטן אויף אַ מויל־אייזל. דודס קנעכט האָבן אים ווילד

געיאָגט. פלוצלונג איז דער מויל־אייזל געקומען אונטער דעם גע־צווייג פון אַ גרויסן דעמב, און אבשלומס קאָפּ האָט זיך פאַרפּלאָנ־טערט אין די צווייגן פון דעם בוים.

אבשלום איז געבליבן הענגען צווישן הימל און ערד, דער אייזל איז פון אונטער אים אַנטלאָפן.

באַלד זיינען אָנגעלאָפן דודס קנעכט, מיט זיי יואב, דער פירער פונם חיל. די יונגען זיינען געשטאַנען געליימט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. נאָר יואב האָט אַרונטערגעכאַפּט זיין פייל און בויגן, אַריינגעשאָסן דריי פיילן אין אבשלומס האַרצן, נאָכדעם האָט ער באַפוילן זיינע וואָפן־טרעגער, צען יונגען, זיך אַרומשטעלן און שלאָגן דעם הענגענדיקן רעבעל. זיי האָבן אים געשלאָגן און געטויט.

דער אויפשטאַנד איז איצט געווען פאַרענדיקט. יואב האָט געבלאָזן אין אַ שופר און מער ניט געלאָזט זיינע קריגער נאָכ־יאָגן די פויערים פון ישראל. אבשלומען האָט מען אַריינ־געוואָרפן אין אַ גרוב אין וואַלד און אויפגעשטעלט איבער אים אַ הויפן שטיינער. די פויערים פון ישראל זיינען זיך צעלאָפן איט־לאַכער צו זיין געצעלט... אַלץ איז געווען פאַרביי...

דוד באַוויינט דעם טויט פון זיין זון

דוד איז געזעסן צווישן צוויי טויערן און דער וועכטער איז אַרויפגעגאַנגען אויפן דאַך פון טויער, אויף דעם מויער, און ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, ערשט אַ מאַן לויפט אַליין. האָט דער וועכטער אויסגערופן און אָנגעזאָגט דעם מלך. דוד האָט זיך דערפרייט: „אויב ער איז אַליין, איז אַ סימן (סימען), אַז ער האָט אַ גוטע בשורה (בסורע) אָנצוזאָגן", האָט דוד אויסגערופן.

באַלד איז דער מענטש געקומען צו לויפן... דוד האָט שוין געזען לויטן אויסקוק פונם לויפער, אַז גליק ברענגט ער אָנצוזאָגן. „איז פרידן צו דעם יונג, צו אבשלומען?" האָט דער אַלטער מלך אויסגעשריגן. דער מענטש האָט האַסטיק אָפּגעענטפערט: „זאָל ווערן פון די שונאים פון מיין האַר דעם מלך און פון אַלע, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען אויף דיר צום בייזן, ווי פון דעם יונג!"

דוד האָט אויפגעציטערט, וואָרום ער האָט איצט פאַרשטאַנען, וואָס מיטן יונג איז געשען. ער איז אַרויף אין דער אייבערשטוב

פון טויער און ביטער געוויינט: „מיין זון אבשלום, זון מיינער, אבשלום מיין זון! הלוואי וואָלט איך געשטאָרבן אַנשטאָט דיר, אבשלום מיין זון, זון מיינער!" באַלד איז צו יואבן דערגאַנגען: דער מלך וויינט און ער טרויערט אויף אבשלומען.

אויך ביים פאָלק איז די פרייד יענעם טאָג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טרויער, וואָרום אַלע האָבן געוואוסט: דער מלך איז באַקלעמט וועגן זיין זון. דאָס פאָלק איז יענעם טאָג אַריינגעקומען אין שטאָט גנבענדיק זיך, פאַרשעמטערהייט, אַזוי ווי דעמאָלט, ווען מען קערט זיך אום אַנטלויפנדיק פון אַ מלחמה.

צו דודס צער איז קיין גרעניץ ניט געווען. דער מלך האָט איינגעוויקלט זיין פנים און האָט געשריען און געוויינט אויף אַ הויכן קול: „מיין זון אבשלום, אבשלום מיין זון, זון מיינער".

איז יואב, דער אָנפירער פון דער פאָלקס־אַרמיי, געקומען צום מלך און מיט ביטערניש געזאָגט: „האָסט היינט פאַרשעמט דאָס פנים פון אַלע דיינע קנעכט, וואָס האָבן היינט געראַטעוועט דיין לעבן און דאָס לעבן פון דיינע זין און טעכטער און דאָס לעבן פון דיינע ווייבער, ליב צו האָבן דיינע פיינט און פיינט צו האָבן דיינע ליבהאָבער. וואָרום היינט האָסטו געלאָזט וויסן, אַז ביי דיר זיינען ניטאָ קיין הויפט־לייט און קיין קנעכט, ווייל היינט ווייס איך, אַז ווען אבשלום לעבט און מיר אַלע זיינען היינט טויט, וואָלט דענסטמאָל געווען רעכט אין דיינע אויגן. און אַצינד שטיי אויף, גיי אַרויס, רייד צום האַרצן פון דיינע קנעכט, וואָרום איך שווער, אַז אויב דו גייסט ניט אַרויס, וועט אַ מענטש ביי דיר ניט בלייבן ביז נאַכט. און דאָס וועט דיר זיין ערגער ווי אַלדאָס־בייז, וואָס איז געקומען אויף דיר פון דיין יוגנט אָן ביז אַצינד".

יואבס ווערטער האָבן שטאַרק באַווירקט דעם אַלטן מלך. איז ער אַרויס און האָט זיך געזעצט ביים טויער פון שטאָט און דעם גאַנצן פאָלק האָט מען אָנגעזאָגט: „זעט, דער מלך זיצט אין טויער", און דאָס גאַנצע פאָלק איז געקומען פאַרן מלך.

און דוד האָט זיך אומגעקערט קיין ירושלים. זיין מאַכט איז פון איצט אָן געווען זיכער, אָבער ער איז שוין געווען אַ צעבראָכענער מענטש.

דודס עלטער

דוד האָט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן גאָר קיין נחת ניט געהאַט, ניט פון די קינדער און ניט פון דער מלוכה. ביים פאָלק איז ער שוין אויך מער ניט געווען דער באַליבטער קריגער און באַפרייער פון פלשתים־יאָך.

דאָס פאָלק איז דאָך געווען מיט אַבשלומען, און אַפילו זיינע אייגענע, די וואָס זיינען מיט אים יאָ אַוועק פון ירושלים, ווען די סכּנה איז געווען גרויס, זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם אַלטן דוד, וואָס וויינט אויפן טויט פון זיין זון.

נאָר דוד האָט אַוודאי טיף אין זיין האַרצן געוואוסט, אַז דער אויפשטאַנד איז געווען ניט אַזוי קעגן אים, קעגן דודן אַליין, עס איז געווען אַן אויפשטאַנד קעגן זיינע האַרן. ער איז איצט אויף דער עלטער געלעגן אין זייערע הענט. ניט אומזיסט זיינען זיי מיט אים מיטגעגאַנגען. דער זיג פון אַבשלומען וואָלט פאַר זיי שווערער געווען, ווי פאַר דודן.

זיי, די האַרן און די קריגס־לייט, האָט ער אויפגעזעצט צו משפּטן דאָס פאָלק. האָבן זיי געמשפּט, אָדער אומרעכט געטאָן? ניט אומזיסט האָט דאָס פאָלק געהויבן זיך אין מלחמה קעגן דודן.

זיינע נאָענטסטע האָבן אים ניט פאַרשטאַנען, ניט געוואוסט די ליבע, וואָס ער האָט געפילט צו דעם יונג אַבשלום, וואָס איז דאָך זיין אייגן בלוט און פלייש. ער האָט געזיגט, די מלוכה איז גרויס, נאָר איצט, ביים סוף פון די טעג, האָט ער געזען דעם לעצטן סך־הכּל (סאַך־האַקל): די לענדערייען האָבן זיך די קריגס־לייט צעטיילט, און דוד, וואָס איז דוד? מיט זיי אינאיינעם איז ער דוד, קעגן זיי, איז ער נאָר דוד ביי די געדונגענע קרעטער און פלשתים, וועלכע ער האַלט אויס שוין יאָרן־לאַנג, — געטרייע לייב־וועכטער, מענטשן געטרייע ביזן סוף, ביז וואַנען דוד קען זיי אָנפילן די בייכער מיט ברויט און וויין...

די לעצטע טעג זיינען שווער געווען פאַרן אַלטן מלך. ער איז שוין געווען קראַנק און באַטאָגט און אַפילו נאָכדעם, ווי מען פלעגט אים גוט איינדעקן מיט קליידער, איז אים געווען קאַלט.

16. שלמה ווערט קעניג; די אנטוויקלונג פון האנדל און שטעט

דער קעניג דוד איז אַלט, מען קריגט זיך פאַר דער קרוין

שוין אין די לעצטע טעג פון דודס הערשאַפט האָט גענומען גיין ערגער. די פּשוטקייט פון לעבן און פון די מידות האָט גענומען פאַרשווינדן, דער מהלך (מעהאַלאָך) צווישן קעניג און פאָלק איז כסדר (קעסיידער) געוואַקסן. דער אַלטער קעניג האָט זיך אַלץ מער צוריקגעצויגן און דערווייטערט פון דער מלוכה; די פירונג פון לאַנד האָבן איבערגענומען די רייכע לאַנד-אייגנטימער און אַרמיי-אָנפירער.

ווען דער קעניג איז געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער, האָט גענומען אויפקומען די פראַגע: ווער וועט אים פאַרבייטן, ווער וועט ווערן קעניג נאָך אים? געדאַרפט פאַרנעמען דעם טראָן האָט דער עלטסטער זון; דאָס איז געווען דער מנהג (מינהעג) פון דער גאַנצער אַלטער וועלט; דאָס קעניגטום ביי אידן איז נאָך אָבער געווען אַ נייע זאַך, אָן אומרוען און בלוט-פאַרגיסונג איז עס דעריבער ניט אָפּגעלאָפן.

נאָך אבשלומס טויט איז געבליבן אדוניהו (אַדויני-יאָהו), דער עלטסטער פון צווישן די זין, אַ שיינער יונג; ער האָט זיך איינגעשאַפט רייטוועגענער און פערד; פופציק מאַן פלעגן לויפן פאַר אים, ווען ער פלעגט דערשיינען פאַרן פאָלק.

דער אַלטער קעניג האָט געוואוסט, וואָס דאָס מיינט; האָט ניט אבשלום אָנגעהויבן פונקט אַזוי? נאָר דוד האָט געשוויגן.

דער יונג אדוניהו האָט געהאַט גענוג שטאַרקע און איינפלוס-רייכע אָנהענגער אויף זיין זייט; דער אָנפירער פון דער פאָלקס-אַרמיי, יואב, אַן איבערגעגעבענער פריינט פון קעניג, וואָס איז אין אַלע שלאַכטן אויסגעווען, אַלע אומרוען דורכגעלעבט און

געבליבן טריי דודן; מיט אדוניהו איז אויך געווען דער אלטער כהן אביתר, וואָס האָט נאָך געקענט דעם יונג דוד אין די טעג, ווען ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון שאולן.

די צוויי זיינען שוין מסתמא געווען אַלטע לייט, ווי דוד איז איז איצט געווען אַלט. אין לעבן האָט זיך פאַר דער צייט פיל גע־ביטן. ניט דער איז איצט געווען שטאַרק, וואָס האָט די פאָלקס־אַרמיי אָנגעפירט, אַן אַרמיי, וואָס אין דער צייט פון שלום איז זי גאָר קיין אַרמיי ניט געווען, ווייל די פויערים האָבן געאַקערט די פעלדער און נאָר אַ גרויסע סכנה (סאַקאָנע) האָט זיי געקענט צו־זאַמענבברענגען; באַשטענדיק און גוט אָרגאַניזירט איז אַפּנים איצט געווען נאָר די ל ייב־וו אַך; די לייב־וואַך איז אָבער געווען ניט מיט אדוניהון נאָר מיט שלמהן, דודס אײנגערן זון.

די פאַרשווערונג

אדוניהו האָט געזען, ווי אַזוי דער מלך ווערט אַלט און די מאַכט גליטשט זיך פּאַוואָליע אַרויס פון זיינע הענט. ווי לאַנג קען ער וואַרטן? מיט דער צושטימונג פון זיינע פריינד און עצה־געבער, האָט אדוניהו געמאַכט אַ פאַרשווערונג. האָט אים ניט גע־קומט די קרוין לויטן רעכט?

אויף אַ פריילאַכן מאָלצייט האָבן זיך צונויפגעקליבן אדוניהו און זיינע מענטשן, וויין האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער און געשמאַ־קער פלייש האָט זיך גערייכערט. „אדוניהו איז מלך", האָט דער לוסטיקער עולם געשריען און, באַטרונקען פון וויין, פאַרגעסן אָן דער סכנה.

באַלד האָט ירושלים געוואוסט פון דער פאַרשווערונג.

די אָנהענגער פון דעם אינגערן זון, שלמה, האָבן ניט געשוויגן; ווען די ניעס איז צו זיי דערגאַנגען, האָבן זיי דעם יונג אַרויפגעזעצט אויף אַן אייזל, געפירט איבער די גאַסן פון ירושלים און מיטן כח פון די געדונגענע פלשתים און קרעטער אויסגערופן שלמהן פאַרן מלך פון די אידן.

אין שרעק זיינען זיך אדוניהוס אָנהענגער צעלאָפן פון דעם מאָלצייט, ביי וועלכן זיי זיינען געווען פאַרזאַמלט.

אדוניהו האָט אויסגעדריקט חרטה (כאַראָטע) און

געבעטן פאַרגעבונג. שלמה און זיינע ראַטגעבער (דער נייער מלך איז נאָך באמת געווען א אינגל) האָבן צוגעזאָגט ניט צו פאַרגיסן קיין בלוט פונם ברודער און אויך שאַנעווען די אַנדערע, וואָס זיינען מיט אים געווען פאַרמישט.

נאָך אַלעמען האָט אדוניהון, דעם עלטערן זון, געקומט די קרוין, ניט שלמהן, אָבער רעכט איז נאָר געווען דאָס, וואָס איינער האָט געקענט דורכזעצן מיט כח, און די פלשתים און די קרעטער זיינען איצט געווען אַ שטאַרקערער כח ווי די אַלטע לייט, מיט וועלכע דוד האָט זיך אין זיין יוגנט געחברט און וועלכע האָבן אים אַמאָל געהאָלפן פירן די מלוכה. דוד האָט נאָך געלעבט, אָבער צי האָט ער געוואוסט פון אַלץ, וואָס קומט פאָר הינטער זיינע פלייצעס? ווער ווייס?

דער קעניג איז שוין געווען צו אַלט און שוואַך און איצט איז נאָר געווען דער שטרייט, ווי זאָלן זיך די נאָענטע איינטיילן מיט דער ירושה. דער שטאַרקערער און דער בעסער־באַוואָפנטער צד (צאַד) האָט געוואונען.

אין פאָלק האָט די גאַנצע איבערקערעניש קיין אויפרודער ניט געמאַכט. דאָס פאָלק האָט פאַרלאָרן סיי ווי, שוין פריער. דער אויפשטאַנד פון אבשלומען האָט צעשלאָגן די האָפנונג אויף אַ זיג. דאָס פאָלק האָט געליטן און געשוויגן שטילערהייט, געדענקענדיק דעם דורכפאַל פון דער פריערדיקער פאַרשווערונג.

שלמה ווערט קעניג, טייט זיין ברודער, זיין פעטער, זיין פאָטערס בעסטע פריינד און הערשט איבער ישראל

אין אַ קורצער צייט נאָכדעם ווי שלמה איז געוואָרן קעניג איז דער אַלטער דוד געשטאָרבן. דוד איז שוין געווען אַ צעבראָכענער מענטש, דער קעניג שלמה אַקעגן — צו יונג צו הערשן; פונדעסטוועגן איז ער ניט געווען צו יונג אָנצוהייבן זיין הערשאַפט אויפן שטייגער פון אַלע אונטערדריקער — מיט בלוט־פאַרגיסונג. געפאַלן פון זיין שווערד איז זיין עלטערער ברודער, וועמען ער האָט אין אָנהייב צוגעזאָגט לעבן צו לאָזן, נאָר שפעטער האָט ער חרטה געקראָגן און אים געהייסן טייטן. שלמה האָט אויך געלאָזט טייטן זיין פעטער יואב (יויאָוו), דעם אָנפירער פון דער פאָלקס־

אַרמיי, וואָס אָן אים וואָלט דוד קיינמאָל קיין קעניג ניט געווען. יואב איז אין שרעק אַנטלאָפן אין אַ הייליקטום און האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן די הערנער פון מזבח (מיזבייאַך). שלמה האָט זיך אָבער ניט גערעכנט מיטן אַלטן מנהג צו שאַנעווען אפילו אַ פאַרברעכער, ווען ער באַהאַלט זיך אויס אין הייליקטום; ער האָט געוואָלט אויס־וואָרצלען ביזן גרונד יעדע סכנה (סאַקאָנע) פאַר זיין הערשאַפט.

נאָר דער אַלטער כהן איז לעבן געבליבן. שלמה האָט אים פאַרטריבן פון ירושלים און פאַרשעמט אויף דער עלטער; ווער ווייס, אפשר האָט ער מורא געהאַט צו הייבן די שווערד קעגן איינעם, וואָס האָט אַ שווערד געגעבן זיין פאָטער דוד, ווען יענער איז אַנטלאָפן פון שאולן זיין לעבן צו ראַטעווען... און אפשר איז דער כהן צו־אַלט געווען און זיינע טעג זיינען סיי ווי געווען געציילטע.

שלמה און די פעלקער אַרום

שלמה האָט ניט באַדאַרפט פירן קיין שווערע מלחמות ווי זיין פאָטער דוד. די פלשתים זיינען געווען שטיל און דערשלאָגן, די מדבר־פעלקער האָבן מער ניט געוואַגט צו באַפאַלן און רויבן, פונדעסטוועגן איז זיין צייט דאָך ניט געווען קיין צייט פון אמתן שלום אין לאַנד.

איינע פון די וויכטיקסטע פּאַסירונגען אין שלמהס הערשאַפט איז געווען דאָס, וואָס די עגיפּטער האָבן זיך ווידער באַוויזן אין כנען. דער קריגס־צוג איז אויסן געווען צו דערמאָנען די פעלקער פון סיריע, אַז די פּרעהס שלאָפן ניט און עגיפּטן וועט ניט אויפ־געבן איר הערשאַפט איבער דער בריק פון די פעלקער. די שטאָט גזר (געזער) אויפן וויכטיקן קאַראַוואַנען־וועג קיין יעפּראַט האָט פּרעה ווידער איינגענומען און די כנענישע באַפעלקערונג באַ־צוואונגען.

שלמה אָדער זיינע עצה־געבער האָבן, ווייזט אויס, מיטן פּרעה אונטערגעהאַנדלט; שלמה האָט געהייראַט פּרעהס טאָכטער און גע־קראָגן די שטאָט גזר „דרשה (דראָשע)־געשאַנק". עגיפּטן האָט דערמיט, אויפן שטייגער פון דער אַלטער וועלט, אָנערקענט שלמהס הערשאַפט. אָבער אויך שלמה האָט געדאַרפט פון זיין זייט דערפילן פליכטן פאַר פּרעה. גענוי וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן, ווייסן מיר ניט הייַנט. מען דאַרף זיך אָבער אָנשטויסן, אַז

שלמה האָט זיך מסתמא אונטערגענומען צו זיכערן און אָפּצוהיטן די וויכטיקסטע האַנדלס־וועגן, וואָס האָבן זיך געצויגן דורך זיין מדינה (מעדינע), אויך אַרויסצוהעלפן דעם עגיפּטישן האַנדל אין סיריע. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז איינע פון די פאַרפליכטונגען זאָל האָבן געווען דאָס אויסליפערן זעלנער פאַר דער עגיפּטישער אַרמיי.

פרעהס קריגס־צוג איז געשען אין אָנפאַנג פון שלמהס הער־שאַפט; עס איז געווען אַ גוטער אויסגאַנג סיי פאַר עגיפּטן, סיי פאַר די אידן; אפילו דוד וואָלט מיט עגיפּטן ניט געקענט קעמפן,

פונם אַלטן שטריגער



אַ הענדלער פון סיריע און זיינע באַדינער.

אַ פשיטא שלמה; די ווירקונגען אויף דער אַנטוויקלונג פון דער מלוכה זיינען געוואָרן אומגעהייער גרויסע. זיין נייער בונד האָט שלמהן געצוואונגען אָנצוהייבן אַריינברענגען פיל נייאיקייטן אין לעבן פון לאַנד.

ערשטנס, איז די אַרמיי פיל פאַרגרעסערט געוואָרן. עס זיינען צוגעקומען פיל רייטוועגענער און רייטער. צווייטנס, זיינען אין די וויכטיקסטע באַרג־דורכגאַנגען און אויף די וויכטיקסטע קאַראַוואַנען־וועגן אויסגעבויט געוואָרן שטאַרקע פעסטונגען צו באַשיצן דאָס לאַנד און דערעיקרשט (דעריקערשט)

אָפּהיטן די קאַראַוואַנען, וואָס האָבן געפירט כל טוב (קאָל טואַוו) פון עגיפּטן קיין מעסאָפּאָטאַמיע אָדער צוריק.

שלמה איז דורך דעם האַנדל פיל באַרייכערט געוואָרן. יעדער קאַראַוואַן, וואָס פלעגט דורכפאָרן דאָס לאַנד, האָט געמוזט צאָלן צינזן, אָבער די צינזן זיינען ניט געגאַנגען פאַרן וואוילזיין פון פאָלק, מער ווי אַלץ האָט זיך שלמה געזאָרגט ניט וועגן פאָלק, נאָר וועגן זיך אַליין.

שלמה בויט פּאַלאַצן

שלמה האָט געהאַט אַ תאוה (טײַווע) צו בויען שיינע פּאַלאַצן. דאָס האָט ער זיך אָפּגעלערנט פון די פעניציער. וואָס זיינען געווען אַ האַנדלס־פאָלק און אויסגעפאָרן מיט זייערע שיפן די גאַנצע אַלטע וועלט.

אויך אין עגיפּטן פלעגן די פּרעהס (פּאַרעס) בויען ריזיקע פּאַלאַצן און פּיראַמידן. טויזנטער שקלאַפן האָבן יאָר־איין און יאָר־אויס געהאַקט שטיינער, געקנאָטן ליים און געברענט ציגל.

שלמה האָט זיך פאַרנומען אויפבויען ירושלים אויפן שטייגער פון די גרויסע האַנדלס־שטעט. ווי האָט ער עס אָבער געקענט טאָן?

ארץ־ישראל איז געווען אַ באַרגיק לאַנד מיט אַ באַפעלקערונג פון אָרימע פּאַסטוכער און ערד־אַרבעטער, אַ לאַנד אָפּגעריסן פון ים, מיט זייער ווייניק האַנדל. אין ארץ־ישראל זיינען אַפילו ניט געווען גענוג האָלץ־העקערס און שטיין־האַקערס, שוין אָפּגערעדט פון געניטע באַלמעלאָכעס.

שלמה האָט דעריבער געמוזט אָנקומען צו די פעניציער, צום פעניצישן קעניג, ער זאָל אים צושיקן געניטע אַרבעטער. ביי זיך אין לאַנד האָט ער געפונען מענטשן בלויז פאַר די סאַמע פּראָסטע און איינפאַכסטע אַרבעטן.

יאָרן האָט גענומען אויסבויען דעם קעניגס פּאַלאַץ און דאָס הויז פאַר גאָט, דעם בית המקדש.

די שיינע הייזער, די פּאַלאַצן, האָבן דאָס לאַנד ניט רייכער, נאָר אָרימער געמאַכט. שלמה האָט ניט געהאַט צו באַצאָלן די פעניציער פאַר זייער אַרבעט מיט גאָלד, פאַרקערט, גאָלד פאַר

באַפּוצונגען האָט ער אַליין געדאַרפט איינקויפן אין פעניציע. ער האָט פאַר אַלץ געצאָלט מיט ערד־אַרבעטערישע פּראָדוקטן, מיט ברויט, מיט ווייץ, מיט אויסגעשלאָגענעם אייל... ווען דאָס איז



פעניצישע לוקסוס־אַרטיקלען און דער פעניצישער א״ב.

ניט געווען גענוג, האָט ער צום פעניצישן קעניג אָפּגעגעבן פיר און צוואַנציק שטעטלאַך. (ס'מאַכט ניט אויס, וואָס אין די שטעט האָבן געוואוינט אידן... וועגן דעם האָט זיך שלמה זייער ווייניק געקימערט).

פון וואַנען האָט שלמה גענומען דעם געוואַלדיקן פאַרמעגן אָפּצוצאָלן די פעניציער פאַר זייער אַרבעט און פאַר די אַלע בוי־מאַטעריאַלן? שלמה האָט אים אַרויסגעקראָגן דורך שווערע שטייערן אויף די פּויערים. סיי דעם ברויט, סיי דעם אייל, סיי אַלע אַנדערע רייכטימער האָט שלמה אַרויסגעריסן פון די פּויערים. מיט אַמאָל זיינען די שטייערן אויסגעוואַקסן אומגעהויער גרויס. אידן האָבן דערפון קיינמאָל גאָרניט געוואוסט.

שלמה פירט־איין צוואַנג־אַרבעט

אויסער שווערע שטייערן אויף ברויט און אייל, האָט שלמה אויך איינגעפירט געצוואונגענע אַרבעט. טויזנטער אידישע פּויערים פלעגן יעדע דריי מאָנאַטן מוזן פאַרלאָזן זייערע פעלדער און שטיבער און גיין אַרבעטן פאַרן קעניג, אַראָפּברענגען דאָס געהילץ פון באַרג לבנון (לעוואָנוין), פירן עס מיטן וואַסער און שפּעטער ברענגען מיט דער יבשה (יאַבאָשע) קיין ירושלים.

די נייע שווערע אַרבעטן האָבן פאַרביטערט דאָס לעבן באַלד אַזוי ווי ביי פרעהן אין מצרים (מיצרייאים).

וואָס האָט דעם פּויער געטויגט די מלוכה, ווען ער, דער איינציקער, האָט געדאַרפט שלעפּן דעם יאָך?!

אין די פאַר הונדערט יאָר, ווען די אידן האָבן געהאַלטן אין איינגעמען דאָס לאַנד, איז דאָס לעבן געווען פול מיט געפאַרן. די פּויערים האָבן אָפט געליטן מפּלות (מאַפּאָלעס). נאָכ־דעם זיינען אָבער אויך געקומען רואיקע יאָרן, די ערשטע מלכים (מעלאָכים) האָבן באַשיצט דאָס לאַנד קעגן פרעמדן שונא (סוינע).

לאַנג האָט די שלום־צייט ניט אָנגעהאַלטן. די פּויערים האָבן איצט דערשפּירט אַן אינעווייניקסטן שונא, וואָס איז געווען ערגער פאַרן פרעמדן, וואָרום די פּויערים האָבן זיך קעגן אים גאָר קיין עצה (אייצע) ניט געקענט געבן.

הונדערט יאָר זיינען אַריבער און דער קעניג, וואָס האָט פריער געלעבט אין אַ הילצערנעם הויז, געאַרבעט אַליין אויפן פעלד, האָט איצט גענומען פאַרברענגען זיינע טעג און נעכט אין פּאַלאַצן. האָט מער אַ פינגער אָן אַ פינגער ניט אָנגעשלאָגן. דאָס פאָלק האָט אים געמוזט אויסהאַלטן.

די גרויסע אַרמיי צו באַשיצן דאָס לאַנד איז געוואָרן אַן אַרמיי פון אומזיסטע עסער, וואָס די פויערים האָבן געמוזט דער־נערן. דער גאָט פון מדבר, וואָס האָט פריער געוואוינט אין אַן אָרימען קאַסטן, האָט זיך אַריינגעקליבן אין אַ שיינעם פּאַלאַץ, אין בית־המקדש (בייס־האַמיקדעש), באַפּוצט מיט טייערן האָלץ און באַצירט מיט גאָלד.

צענדליקער קעלבער און אָקסן פלעגט מען פון זיינעטוועגן פאַרברענען, ווען הונדערטער פויערים האָבן קיין ברויט ניט געהאַט.

אויסהאַלטן אין אַזאַ לוקסוס אַ גרויסע אַרמיי און אַ צעלאָ־זענעם קעניג, איז געוואָרן שווער פאַר די אָרימע פויערים פון אַן אָרימען און קליינעם לאַנד

אָרים איז ניט רייך
(צוויי מאָלצייטן)

ווי די רייכע האָבן געוואוינט און ווי די אָרימע
האָבן געוואוינט



וואָס איז געווען דער נוצן און וואָס איז געווען דער שאָדן, וואָס די אידישע פויערים האָבן געהאַט פון אַ שטענדיקער אַרמיי, דעם בית־המקדש, די שטעט און דעם האַנדל? (קאָלעקטיווע אַרבעט).

	נוצן	שאָדן	פאַר וועמען איז דאָס יאָ געווען גוט?
שטענדיקע אַרמיי			
בית המקדש			
האַנדל			
שטעט			

דער קעניג שלמה און זיינע אויפטואונגען

פאַר דעם, וועלכער ווייסט, איז דאָס ניט שווער! לייען שטילערהייט און שרייב־אַריין די ווערטער וואָס פעלן. טו די אַרבעט אַליין און געפין־אויס, וואָס דו ווייסט און וואָס דו ווייסט ניט.

דוד איז געבאָרן געוואָרן ביי אַ אידישן פויער און האָט אַלס קינד גע־פיטערט די .... פון זיין פאָטער.

שלמה, זיין ...., איז שוין אויפגעוואַקסן אין ....
און גליק און האָט גאָרניט געוואוסט פון קיין שווער לעבן ווי זיין ....

ווען שלמה האָט איבערגענומען די מלוכה, וואָס זיין פאָטער .... האָט דורך לעבנס־לאַנגע .... אויפגעבויט, איז דער אָנזען פון דעם אידישן לאַנד צווישן די פעלקער אַרום געווען זייער גרויס. קיינער האָט ניט געוואַגט אָנצופאַלן און רויבן. שלמהן איז דעריבער ניט אויסגעקומען צו פירן קיין .... אין זיין צייט האָט, מער אָדער וויניקער, געהערשט ....

אָנשטאָט איינצוהאַלטן די גרעניצן פון לאַנד דורך מלחמות אויף די פעלקער אַרום, האָט ער זיך ליבערשט גענומען צו .... דאָס לאַנד.

די אידן זיינען געווען ערד־אַרבעטער און אַ פויער מוז האָבן רו אין לאַנד — אַנדערש איז זיין אַרבעט אַרויסגעוואָרפן.

שלמה האָט ביי די גרעניצן פון לאַנד שטאַרק באַפעסטיקט די ....
אַרומגעבויט זיי מיט ווענט און איבערגעלאָזט גענוג סאָלדאַטן צו באַשיצן די געגנט.

איבערהויפט האָט זיך .... געזאָרגט צו באַפעסטיקן די הויפט־שטאָט .... און דעם איינציקן האַפן ביים ברעג פונם רויטן ים.

דורך די נייע פעסטונגען איז באַזייטיקט געוואָרן די געפאַר די וואַנדער־פעלקער פון .... זאָלן אָנפאַלן און אַריינדרינגען אין לאַנד.

מיט די גרויסע און רייכע פעלקער ...., ... האָט שלמה געזוכט צו לעבן בשלום דורך ....,

17. די גרויסע אומצופרידנקייט; די שפאלטונג פון דער מלוכה

אַן אומגליקלעכער אָנהייב און אַ טרויעריקער סוף (סאָף)

די הערשאַפט פון שלמהן, וואָס האָט זיך אָנגע-הויבן מיט בלוטפאַרגיסונג, האָט זיך פאַרענדיקט אין קריג און שרעק. שלמה האָט אפילו ניט געקענט איינהאַלטן די גאַנ-צע טעריטאָריע, וואָס עס האָט אים איבערגעלאָזן בירושה (ביערו-שע) זיין פאָטער דוד. ער האָט פאַרלאָרן צוערשט די שטאָט דמשק (דאַמעסעק) און נאָכדעם דאָס לאַנד אדום (עדוים).

שלמה האָט ניט פרובירט צוריקקריגן די ביידע לענדער. דער פאַרלוסט פון אדום און דמשק איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר שלמהס הערשאַפט. עס איז געווען אַ פאַרלוסט ניט בלויז אין טריבוט, דאָס הייסט אין שטייערן, וואָס די באַפעלקערונג פלעגט צאָלן. דער אָנווער איז געווען גרעסער דערמיט, וואָס שלמה האָט פאַרלאָרן די מעגלאַכקייט צו קאָלעקטירן די טאַריף-ציִנזן פון די דורכפאָרנדיקע קאַראַוואַנען-הענדלער.

דאָס אָפרייסן זיך פון ביידע לענדער האָט באַדייט דעם אָנ-הייב פון דעם באַרג-אַראָפּ אין שלמהס רעגירונג-צייט. די וויר-קונגען אויף ווייטער זיינען געווען נאָך גרעסער.

דער רעוואָלט פון דמשק (דאַמעסעק) איז געווען די הויפּט-שטאָט פונם לאַנד ארם (אַראַם) האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער גרינדונג פון דער אַראַמייער מלוכה. הונדערטער יאָרן נאָכאַנאַנד האָבן די אידן שפּעטער געליטן פון דמשק (דאַמעסעק), געמוזט קעמפן, מלחמה האַלטן און ניט אַלעמאָל געווינען די מלחמות.

דאָס אָפרייסן זיך פון אדום (עדוים) האָט שוין אין שלמהס צייטן באַדייט, אַז אידן האָבן פאַרלאָרן דעם איינציקן האַפן, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט אויפן רויטן ים.

ווער האָט געהאָלפן ארם און אדום?

די צוויי קלעפּ, וואָס שלמה האָט געקראָגן, זיינען באמת געקומען פון ע ג י פּ ט ן.

אַ נייער פּרעה האָט באַשטיגן דעם טראָן און ער האָט געביטן די פריינדלאַכע פּאָליטיק פון זיין פאָרגייער. דער נייער פּרעה ש י ש אַ ק האָט אין אַ שטאַרקער אידישער מלוכה געזען אַ געפאַר פאַר עגיפּטן, האָט ער געטאָן אַלץ אָפּצושוואַכן שלמהס מלוכה.

ער האָט ביי זיך אין הויף געלאָזט אויסבאַהאַלטן איינעם ב ן ה ד ד (בען האַדאַד), אַן א ד ו מ ע ר (עדוימער), און מיט זיין הילף אָפּגעריסן דאָס אדומישע לאַנד פון שלמהס מלוכה (שישאַק איז געווען אַן אַנדער פּרעה, ניט דער, וואָס האָט אויסגעגעבן זיינע אַ טאָכטער פאַר שלמהן. יענער פּרעה איז געשטאָרבן).

שישאַק האָט אויך געהאָלפן איינעם ווידערשפּעניקן קעגן שלמהן און גרינדן די מלוכה פון ארם (אַראַם).

דאָס פאָלק רעוואָלטירט

די א ו מ צ ו פ ר י ד נ ק י י ט א י ן פ אָ ל ק א י ז ג ע ו ו ע ן ז יי ע ר ש ט אַ ר ק, פונדעסטוועגן אַזוי לאַנג, ווי שלמה האָט נאָך געלעבט, איז די מלוכה געווען שטאַרק און קיינער האָט ניט געוואַגט צו רעבעלירן.

ווען דער יונג י ר ב ע ם (יעראָוואָם), דער אויפזעער איבער דער צוואַנג-אַרבעט אין ירושלים, האָט פּרובירט מאַכן אַן אויפשטאַנד, איז די זאַך שנעל דערגאַנגען צום קעניג און ירבעם (יעראָוואָם) האָט געמוזט ראַטעווען זיין לעבן און אַנטלויפן. דער יונג האָט זיך יאָרן-לאַנג אויפגעהאַלטן אין עגיפּטן.

די אומצופרידנקייט איז דורכדעם ניט דערשטיקט געוואָרן. אין דער שטיל האָט געטליעט פיינטשאַפט, באַליידיקטער שטאָלץ, אומרואיקייט, שנאה קעגן דער שטאַרקער פויסט פון שלום-ליבנדיקן קעניג.

ווען די פויערים אין ישראל האָבן זיך דערוואוסט, אַז שלמה איז טויט און זיין זון רחבעם (רעכאָוואָם) האָט באַשטיגן דעם טראָן, האָט אַ ווילד פייער זיך אַרויסגעריסן. איצט איז געווען די צייט פון אויפשטאַנד. ישראל האָט דערוואַכט!

אַלץ פֿאַרן פּרעה

ענלאַכס איז אויך אויפגעקומען אין ארץ־ישראל.











די עלטסטע פון יהודה האָבן זיך צונויפגעקליבן און געזאַלבט פאַר אַ קעניג שלמהס זון רחבעם (רעכאָוואָם). די עלטסטע פון די צפונדיקע שבטים זיינען ניט געקומען. טעג זיינען אַריבער. אין אַן אַנדער שטאָט, אין שכם (שכעם), האָבן זיך די עלטסטע פון ישראל צונויפגעקליבן אויף אַ פאַרזאַמלונג, באַקלערן, וואָס צו טאָן.

רחבעם האָט אַצינד קיין ברירה (ברײרע) ניט געהאַט. דער יונגער מלך (מײלאַך) האָט זיך געלאָזן קיין שכם. אויב דאָס פאָלק איז ניט געקומען צום מלך, האָט דער מלך געמוזט פאַרבייגן זיין כבוד (קאָווער) און גיין צום פאָלק.

קיין סך באַגלייטער האָט ער ניט מיטגענומען; דער יונגער מלך האָט ניט געוואָלט אויפרייצן דאָס פאָלק. מיט אים זיינען אָבער גע־ווען די ראַטגעבער פון זיין פאָטער, אַלטע מלוכה־מענער, באַהאַוונט אין די פירונגען פון לאַנד, דורכגעטריבענע פוקסן.

רחבעם (רעכאָוואָם) האָט אויך מיטגענומען זיינע יונגע עצה־געבער, מענטשן מיט וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן אין קע־ניגס הויף און פאַרברענגט די טעג און יאָרן כל זמן (קאָל־זמאַן) דער קעניג האָט נאָך געלעבט.

צווישן דעם פאַרזאַמלטן פאָלק און די עלטסטע אין שכם (שכעם) איז אויך געווען ירבעם (יעראָוואָם). די נייעס וועגן שלמהס טויט האָט אים געבראַכט קיין ישראל. דאָס פאָלק האָט אין אים געפונען אַ פירער, מוטיק, פול מיט חוצפּה (כוצפּע) און אויך פאַר־טרויט ביים פּרעה פון עגיפּטן (די פּרעהס האָבן קיינמאָל ניט גע־וואָלט פאַרגעסן, אַז מצרים (מיצראַ׳ים) האָט אַמאָל געהערשט אין כנען (קנאַאַן), עגיפּטן האָט בעסער געוואָלט אַן אָפּגעשוואַכטע ישראל איידער אַ פאַראייניקטע, אַ שטאַרקע).

די עלטסטע זיינען צוערשט געקומען צום נייעם קעניג מיט זייער מילדע רייד, זיי האָבן אים ניט אַרויסגעוויזן קיין אָפענע שנאה (סינע) און אויך דער מלך האָט גערעדט מילד און צוריק־געהאַלטן.

„דער יאָך, וואָס דיין פאָטער שלמה האָט אויף אונז אַרויפ־געלייגט", האָבן די עלטסטע געטענהט (געטיינעט), „איז צו־שווער צו טראָגן... מאַך לייכטער דעם יאָך פון שטייערן און נעם אויך אַראָפּ די צוואַנג־אַרבעט..." דער מלך איז ניט געווען האַרב, ער האָט ניט געענטפערט „יאָ", ער האָט אויך ניט געזאָגט „ניין".

„איך וועל אייך אין דריי טעג אַרום געבן אַן ענטפער", האָט זיך רחבעם אָפּגערופן, „כ'וויל זיך באַראַטן מיט מיינע עצה־געבער".

דאָס פאָלק איז אַוועק. צווישן די ראַטגעבער פון קעניג איז אָבער קיין אחדות ניט געווען.

די אַלטע ראַטגעבער האָבן געעצהט: „גיב דעם פאָלק נאָך... זאָג אים צו... האָסט גאָרניט צו פאַרלירן... שפּעטער, אַז דו וועסט ווערן מלך פון גאַנצן לאַנד, וועסטו טאָן וואָס דו אַליין פאַרשטייסט". אַנדערש האָבן געטענהט (געטיינעט) די יונגע לייט, מיט וועלכע דער קעניג האָט זיך געעצהט: „זיי ניט נאָכגיביק", האָבן זיי געוואָרנט. „אויב דו וועסט זיי איצט נאָכגעבן, וועסטו קיינמאָל ניט קענען הערשן איבערן פאָלק... זאָג די עלטסטע — — מיין פאָטער האָט אייך געשמיסן מיט ריטער און איך וועל אייך שמייסן מיט דערנער... מיין פאָטער האָט שווער געמאַכט אייער יאָך, איך וועל אים נאָך שווערער מאַכן!"

רחבעם האָט זיך צוגעהערט צו זיינע יונגע חברים און ניט צו זיינע אַלטע ראַטגעבער. ער איז געקומען צום פאָלק און גערעדט העזהדיק (האָזעדיק), פול מיט חוצפה (כוצפע). קיין שום פאַרשטענדעניש איז שוין מער ניט מעגלאַך געווען. „מיין פאָטער האָט אייך געשמיסן מיט ריטער", האָט דער יונגער מלך אויסגערופן, „און איך וועל אייך שמייסן מיט דערנער!..."

די אויפרעגונג אין פאָלק איז געוואָרן זייער גרויס.

„מיר האָבן ניט קיין חלק (כיילעק) אין דודן
און קיין ירושה (יערושע) אין דעם זון פון ישין!"

— האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען.

„צו דיינע געצעלטן, ישראל!
און אַצינד, קוק זיך אום אויף דיין הויז, דוד!"

ווען דער שטייער־קלייבער אַדורם (אַדוירעם) האָט זיך פּרובירט אַריינמישן, זען מאַכן שלום צווישן קעניג און פאָלק, האָבן אים די רעבעלן פאַרוואָרפן מיט שטיינער און דערהרגעט. (דער איינפאַל צו שיקן אַ שטייער־מאָנער, כדי צו באַרואיקן דאָס פאָלק, איז געווען גאָרניט קיין קלוגער...)

אין גרויס איילעניש און אין שרעק האָט זיך דער קעניג אַריינגעזעצט אין זיין רייטוואָגן און האָט זיך גענומען יאָגן אויף

גיך קיין יהודה. די סכנה (סאַקאָנע) איז געווען גרויס. דאָס פאָלק האָט רעוואָלטירט!

די מלוכה ווערט צעטיילט

אין יענעם טאָג איז די אידישע מלוכה צעשפּאָלטן געוואָרן. די אומצופרידענע שבטים האָבן זיך אָפּגעריסן פון שלמהס זון און אויסגעקליבן פאַר אַ מלך דעם יונג ירבעם (יעראָוואָם). בלויז דער שבט יהודה און דער קליינער שבט בנימין זיינען געבליבן טריי דודס הויז. די רעבעלן האָבן אָנגערופן זייער מלוכה מלכות ישראל (מאַלכעס איסראָעל) און רחבעמס (רעכאָוואָמס) מלוכה האָט געהייסן מלכות יהודה (מאַלכעס יעהודאָ).

איין זאַך האָט געפירט צו דער צעווייטער

1. דורכדעם וואָס ארם האָט זיך אָפּגעריסן, האָט שלמה פאַר־לאָרן דעם קאָנטראָל איבער די קאַראַוואַנען־וועגן און במילא דעם גרויסן צינז, וואָס פלעגט פון די קאַראַוואַנען־הענדלער אַריינקומען.

2. דורכדעם, וואָס אדום האָט רעוואָלטירט, איז פאַר די אידן פאַרלאָרן געגאַנגען דער איינציקער האַפן אויפן רויטן ים און דער האַנדל מיט די ווייטע לענדער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

3. די שווערע צוואַנג־אַרבעט, וואָס שלמה האָט אַרויפגעלייגט אויף דער באַפעלקערונג, איז געווען מער ווי גענוג צו מאַכן פאַרהאַסט זיין הערשאַפט. די לאַסט פון אויסהאַלטן דעם קעניגלאַכן הויף, זיינע רייטער און זייערע פערד, האָט דאָס לעבן נאָך מער באַשווערט.

4. די פריינדלאַכע באַציאונג פון שלמהן צו זיין אייגענעם שבט יהודה האָט פאַרביטערט די אַנדערע שבטים, וואָס אויף זיי איז אויסגעפאַלן צו טראָגן דעם יאָך. (אַלע שבטים האָבן געמוזט בײַ־טראָגן זייער חלק אויסצוהאַלטן דעם קעניגלאַכן הויף; דער שבט יהודה איז פון דעם געווען באַפרייט).

אַמאָל און היינט

וועגן וואָס האָט געזאָרגט אַ וואַנדערער, וואָס האָט באַאומרואיקט דעם ערד-אַרבעטער פון אַמאָל, און פון וואָס דאגהט אַן אַרבעטער היינט-צו-טאָג? וועז, מיינט איר, האָט זיך געלעבט בעסער?

דער אַרבעטער היינט-צו-טאָג שרעקט זיך:	דער וואַנדערער אין מדבר שרעקט זיך:	דער ערד-אַרבעטער האָט אין איין זאָרגן און דאגהן:
ער זאָל ניט פאַרלירן זיין אַרבעט און בלייבן אָן ברויט.	וואָס טוט מען, ווען ס'איז קיין וואַסער ניטאָ אין די וואַסער-גריבער?	גוואַלד! וואו נעמט מען רעגן?
ווען ער וועט אַלט ווערן, וואָס וועט ער טאָן? וועט אים ווער וועלן געבן אַרבעט? וועלן אים די קינדער אַרויס-העלפן?	וואו נעמט מען גראָז פאַר די שעפסן און ציגן?	טאָמער קומען אָן די ווילדע הייש-ריקן פון מדבר און פרעסן אויף די תבואה.
מלחמה. אַ גליק פאַר די רייכע אָבער פאַרן פאָלק — אַן אומגליק.	ווער וויים, קלייבן זיך ניט קיין פרעמדע וואַנדער-שבטים צו באַפאַלן און אַוועקרויבן די שעפסן און ציגן?	וואָס טוט מען, ווען וואַנדערער פון מדבר רייסן זיך אַריין און רויבן אַוועק די תבואה.
	וואָס טוט מען, ווען דאָס גראָז איז פאַרטריקנט?	באַלד רוקט זיך אונטער די צייט, ווען מען דאַרף דעם קעניג אָפּגעבן זיין צינז און מען דאַרף ברענגען מתנות צום כהן.

צום לערער: דאָס דאַרף זיין אַ קאָלעקטיווע אַרבעט. די קינדער דאַרפן דעם פאַרגלייך אויסברייטערן.

שלמה און זיין צייט

שטרייך-אויס דאָס וואָרט נ י ט און דאָס וואָרט ק יי ן דאָרט, וואו מען דאַרף זיי ניט. לאָז איבער די ווערטער „ניט" און „קיין" דאָרט, וואו זיי זיינען נויטיק.

ב יי ש פּ י ל:

שלמה האָט ניט געפירט קיין מלחמות.

שלמה האָט ניט אויפגעבויט קיין פּאַלאַצן און דעם בית-המקדש.

שאול האָט ניט געהאַט קיין שטענדיקע אַרמיי.

די מערסטע אידן פון צפון (נאָרד) זענען ניט געווען קיין ערד-אַרבעטער.

אַ סך אידן אין דרום (סאוט)-פּאַלעסטינע האָבן ניט געלעבט פון פּי-צוכט.

דוד און שלמה האָבן ניט געהאַט קיין שטענדיקע אַרמיי.

די אידן זיינען ניט געווען צופרידן מיט דער געצוואונגענער אַרבעט, וואָס שלמה האָט איינגעפירט.

אין דער צייט, ווען אידן האָבן געוואַנדערט אין מדבר, זיינען ניט גע-ווען קיין אָרימע און קיין רייכע צווישן זיי.

אין שלמהס צייטן זיינען ניט געווען קיין אָרימע און רייכע צווישן די אידן.

די געצוואונגענע אַרבעט, די גרויסע שטייערן, האָבן ניט געבראַכט דערצו, אַז פיל פּאַראָרימטע פּויערים זאָלן ווערן שקלאַפן.

דער מאַנגל אין רעגן האָט ניט פּאַראָרימט אַ סך פּויערים.

נאָך שלמהס טויט איז די מלוכה ניט צעשפּאָלטן געוואָרן.

די פעלקער פון כנען

פּלשתים　　　פעניציער　　　אידן

——— זיינען געווען אַ פאָלק פון הענדלער. זיי האָבן געלעבט ביים ברעג פון ים. אויף זייערע שיפן פלעגן זיי אויספאָרן די גאַנצע אַלטע וועלט.

——— זיינען געווען אַ פאָלק פון ערד-אַרבעטער און וויינפלאַנצער. זיי האָבן געלעבט אין דערפער און שטעט.

די אייגנשאַפטן פון לאַנד — נאָך אַן אורזאַך פאַר דער שפּאַלטונג

שטעל אַוועק אַ צייכן + לעבן יענע אייגנשאַפטן פון לאַנד, וואָס האָבן מיט־געווירקט, אַז די מלוכה זאָל צעשפּאַלטן ווערן.

— דער מאַנגל אין רעגן (ד. ה. ווייניק רעגן).

— בערג און טאָלן.

— דער ירדן צעטיילט דאָס לאַנד אין צווייען.

— פּאַלעסטינע געפינט זיך צווישן עגיפּטן פון איין זייט און אַסיריע, באַבילאָניע פון דער אַנדער זייט.

— צפון־פּאַלעסטינע איז מער צוגעפּאַסט פאַר ערד־אַרבעט און דרום־פּאַלעסטינע פאַר האָדעווען שעפּסן און ציגן.

פריער און שפּעטער

שטעל־אויס אין אַ ריכטיקער אָרדנונג די פאָלגנדיקע פּאַסירונגען:

— די אידן עראָבערן דאָס לאַנד כּנען.

— די אידישע שבטים קומען צוליב הונגער קיין עגיפּטן.

— דוד באַפעסטיקט די אידישע מלוכה.

— די שופטים הערשן אין ישראל.

— שאול ווערט קעניג.

— שלמה פירט־איין געצוואונגענע אַרבעט.

— די מלוכה ווערט צעשפּאַלטן.

— די פלשתים באַפאַלן די אידן.

— די אידן וואַנדערן אין מדבר.

— די אידן ווערן ערד-אַרבעטער.

שלמהס מלוכה און דודס מלוכה

באַמאָל מיט פאַרשיידענע קאָ-
לירן די צוויי לענדער, וואָס
האָבן זיך אָפּגעריסן אין שלמהס
צייטן.
(די שטאַט שומרון איז נאָך
דעמאָלט ניט געווען).

די מלוכה, איר אויפקום און אַנטוויקלונג

פון יעדע פינף ווערטער שטרייך אויס איין וואָרט, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט די אַנדערע פיר:

מלוכה, פלשתים, פאַר-אייניקונג, שבטים, עגיפּטן.

שלמה, בית המקדש, געצוואונגענע אַרבעט, משה, פּאַלאַצן.

שלמה, האַנדל, פעניציע, עגיפּטן, שופטים.

די צעשפּאַלטונג פון דער מלוכה

די אידן האָבן געבעטן שלמהס זון, ער זאָל— — — — — — — — — —

שלמהס זון האָט געפרעגט אַן עצה (   ) ביי די עלטערע ראַטגעבער און זיי האָבן אים געראַטן, ער זאָל— — — — — — — — — — — — — — —

שפּעטער איז ער אַוועק און געפרעגט זיינע יונגע פריינד. זיי האָבן צו אים געזאָגט: —

שלמהס זון האָט אויסגעפאָלגט די רייד — — — — — — — — — — — — —
ער איז אַוועק צום פאָלק און געזאָגט: מיין פאָטער האָט אייך — — — — — —
אין איך וועל אייך — — — — — — מיט דערנער.

די אידן פון צפון (צען שבטים) האָבן געמאַכט אַ רעוואָלוציע, אָפּגעריסן זיך פון שלמהס זון און אויסגעקליבן פאַר אַ קעניג — — — — — — — — — — —

געטריי צו שלמהס זון איז געבליבן דער שבט — — — — — — — — — —

די מלוכה איז צעשפּאָלטן געוואָרן און די אידן זענען פון דעמאָלט אָן געווען צעטיילט אין צוויי מלוכות: 1) מלכות ________ און 2) מלכות ________

ווער איז געווען אומצופרידן מיט שלמהן?

שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן די צוויי גרופּעס, וואָס זיינען געווען אומצופרידן מיט שלמהס הערשאַפט און האָבן שפּעטער געהאָלפן די מלוכה זאָל צעשפּאָלטן ווערן.

— דער קעניג פון פעניציע, וואָס איז ניט געווען צופרידן מיט די שטעט, וואָס שלמה האָט אים אָפּגעגעבן, זיי זיינען געווען צו־אָרים און קליין.

— די אידישע פּויערים, וואָס פלעגן מוזן טאָן די בוי־אַרבעט פאַר שלמהן און פלעגן מוזן צוליב דעם פאַרלאָזן זייערע פעלדער.

— די שבטים פון צפון, וואָס פלעגן דאַרפן צאָלן גרויסע שטייערן און אויסהאַלטן דעם קעניג מיט אַלדאָסגוטס.

— שלמהס אַרמיי, ווייל ער האָט ניט מלחמה געהאַלטן און די סאָלדאַטן פלעגן ניט קענען רויבן אין דער פרעמד, ניט קענען רייך ווערן. וואָס טויג אַן אַרמיי אין צייט פון פרידן?

18. דער לעבנשטייגער פון די אידן פארצייטן

אַרבעט און מלאכה (מעלאָכע)

אַרבעט אַמאָל איז דעם מענטשן אָנגעקומען פיל שווערער ווי אין דער מאָדערנער צייט. די מאַשינען האָבן זייער פיל פאַר־לייכטערט דאָס לעבן, זיי האָבן פון מענטשן אַראָפּגענומען אַ משא, וואָס ער האָט טויזנטער יאָרן לאַנג געטראָגן...

ניט געקוקט אויף אַלע האָפענונגען פון די אידן, ווען זיי האָבן געוואַנדערט אין מדבר, אַז דאָס לעבן אין כנען וועט פאַר זיי זיין אַ לעבן פון פרייד און גליק, האָבן אָבער די וואַנדערער גיך אויס־געפונען, אַז בלויז דורך שווערער פראַצע איז די ערד גרייט צו באַשענקען דעם פויער מיט תבואה (טוואוע), אַנדערש ברענגט זי אַרויס דערנער!

דאָס שטיקל ברויט קומט אָן דעם פויער שווער. די גליקלאַ־כע צייט שטעלט ער זיך פאָר ניט אַזוי, אַז יעדער פויער גייט מיטן אַקער הינטער דעם געשפּאַן אָקסן, נאָר אַזוי, אַז יעדער זיצט זיך אונטער זיין פייגנבוים און אונטער זיין טייטלבוים.

סעדערײ איז אַ פיל לייכטערע מלאכה ווי ערד־אַרבעט. אַ מענטש באַדאַרף ניט אַזוי אָנשטרענגען די כחות. ביימער גייטיקן זיך דער סעדער זאָל זיי נאָר פון צייט צו צייט אַרומשערן, אַכטונג געבן קיין ווערים זאָלן די ביימער ניט באַפאַלן... די ביימער וואַקסן אָבער אַליין און באַדעקן זיך מיט זאַפטיקע פירות, שיין פאַרן אויג און געשמאַק פאַרן גומען... ס׳איז אָבער פאַרפאַלן, מענטשן קענען ניט לעבן בלויז אויף פרוכטן, אַ מענטש באַדאַרף האָבן ברויט און ברויט מוז דער מענטש באַקומען מיטן שווייס פון זיין שטערן.

די פרוי אַמאָל

די פרוי איז געווען די הויפּט־אַרבעטערין אין דער משפחה (מישפּאָכע). יעדע שווערע אַרבעט, וואָס דער מאַן האָט נאָר גע־

קענט אַרויפֿלייגן אויף דער פרוי, האָט ער אַליין ניט געטאָן.

דאָס מיינט אָבער ניט, אַז די פרוי איז אין אַמאָליקן ארץ ישראל געווען שטאַרק געפֿאַלן. פאַרקערט, די פרוי האָט געהאַט אַ דעה (דייע), אויב ניט אין געזעלשאַפֿטלאַכן, איז ווייניקסטנס אין היימישן לעבן.

די פרוי האָט אַ נאָמען געגעבן די קינדער, און פאַרצייטן האָט עס באַטייט זייער פיל, וואָרום ווער עס גיט אַ נאָמען, יענער פאַרמאָגט די מאַכט איבערן מענטשן. די לאַגע פון דער פרוי האָט זיך פיל פאַרבעסערט במשך (ביימעשאָך) פון דער צייט, געווען אפילו צייטן, ווען פרויען האָבן געהערשט, געפירט די מלוכה; זיי האָבן פאַרטראָטן זייערע זין, וואָס זיינען נאָך געווען מינדעריעריק איבערצונעמען די פירונג פון לאַנד.

דער טאָג פלעגט זיך אָנהייבן מיטן גרילצן פון דער האַנט-מיל, אין וועלכער מען פלעגט מאָלן דעם קאָרן. די דאָזיקע אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע און די פרוי האָט זי געמוזט טאָן. עס איז געווען אַזוי שווער, אַז בלויז די סאַמע געמיינסטע שקלאַפֿין פלעגט עס טאָן. די פרוי האָט אויך באַדאַרפט באַקן ברויט און קוכנס און עס איז נייטיק געווען אַ סך געניטקייט צו וויסן אַקוראַט ווען איבערצוקערן די קוכנס אויף דער אַנדער זייט. מען פלעגט זיי באַקן אויף הייסן אַש.

נאָכדעם ווי דער מאַן פלעגט קוילענען אַ שעפּס, אָדער אַ ציג, איז די אַרבעט פון צוגרייטן דאָס פלייש, קאָכן, בראָטן, איבערגעבליבן פאַר דער פרוי.

די פרוי האָט אויך באַדאַרפט גיין שעפּן וואַסער פון קוואַל, שפּינען פלאַקס און וואָל. מיר הערן אויך פון פרויען, וואָס פיטערן שאָף אין פעלד... פונדעסטוועגן איז אָבער פאַסטוכערײַ געווען אַ באַשעפטיקונג פון מאַן און ניט פון דער פרוי.

ערד-אַרבעט אין אַמאָליקן ארץ-ישראל

ג ל י י ך נ אָ ך פ י צ ו כ ט א י ז ד י צ ו ו י י ט ע ב אַ ש ע פ־ ט י ק ו נ ג פ ו ן ד י א י ד ן ג ע ו ו ע ן ע ר ד - אַ ר ב ע ט. דער אַקער איז געווען זייער אַ לייכטער, וואָרום די ארץ-ישראלדיקע

ערד איז ניט נויטיק טיף אויפצוגראָבן זי זאָל אַרויסגעבן אַ געָ־רעטעניש. פונדעסטוועגן איז די שאַרף פון אַקער געווען געמאַכט פון אייזן. דעם אַקער פלעגן שלעפּן אָקסן אָדער אייזלען, אין דער שפּעטערער צייט — ביידע צוזאַמען.

דער פויער פלעגט אָנטרייבן די אָקסן מיט אַ שטעקן. דער באָדן פלעגט דאַרפן אויפגעאַקערט ווערן דריי מאָל. דאָס פאַר־זייען פלעגט צוגיין זייער פאָרזיכטיק, מען פלעגט ניט וואַרפן סתם אַזוי, נאָר מען פלעגט די זריעה אַנידערלייגן אין דער ערד. די פעלדער פלעגט מען פריער אויך באַמיסטיקן.

די אַמאָליקע אידן האָבן שוין וואויל פאַרשטאַנען, ווי וויכטיק עס איז צו מאַכן באַאָבאַכטונגען איבער דעם קאַלענדאַר. אין אַן אַלטן פויערים־קאַלענדאַר געפינען מיר אויס אַזאַ איינטיילונג פון יאָר: צוויי מאָנאַטן צונויפקלייבן די פּרוכט, צוויי מאָנאַטן צייט פון זייען, צוויי מאָנאַטן שפּעטער־זייען, איין חודש אַרונטערנעמען דעם פלאַקס, איין חודש גערשטן־שניט, איין חודש אַרונטערנעמען די אַנדערע תבואה, צוויי חדשים צונויפנעמען די ווייטרויבן, איין חודש אַרונטערנעמען די פּרוכט פון די ביימער.

סעדערי

אַ גרויסע באַדייטונג פאַרן לאַנד האָט געהאַט ווייז־גערט־נעריי, אויך די צוכט פון אָליוון־ביימער און פייגן־ביימער איז געווען זייער וויכטיק. די אַרבעט אַרום די ווייַן־גערטנער איז געווען אַ זאָרגפעלטיקע, אויב ניט קיין שווערע. די גערטנער פלעגן דאַרפן באַוואַכט ווערן קעגן די פוקסן און די ווילדע חזירים, וואָס פלעגן זיך אַריינרייסן און אָנמאַכן אַ חורבן (כורבן). דער גערטנער פלעגט דעריבער אויסבויען אַ ביידל, אַ סוכּה (סוקע), וואו ער פלעגט זיצן און היטן דעם ווייַן־גאָרטן.

דער קלענסטער, אויב ניט דער אומשולדיקסטער שונא, איז געווען דער „וואָרעם". עס איז נייטיק געווען גאָר אַ סך מי אים צו פאַרטיליקן. אַלע זאָרג זיינען אָבער געווען כדאי, ווען די ווייַן־טרויבן פלעגן אַרונטערגענומען ווערן פון די ביימער. די פרייד איז דעמאָלט באמת געווען גרויס.

דער אָליוון־בוים האָט פאַרלאַנגט ווייניקער אויפמערקזאַמ־קייט. דער בוים איז געווען דער געוויינלאַכער אָליוון־בוים, וואָס

איז אויך געוואַקסן אין אַ ווילדן צושטאַנד; די אידישע פּויערים האָבן אים אַביסל קולטיווירט און פאַרבעסערט. אַליון פלעגן אין דורכשניט געבן אַ גוטע גערעטעניש, וואָס פלעגט צוניפגעקליבן ווערן אין האַרבסט, אַ יאָר איבער אַ יאָר.

פון די אַליון פלעגט מען אַרויסבאַקומען אייל. דעם געוויינ־לאַכן אייל פלעגט מען קריגן, דורכלאָזנדיק די אַליון דורך דעם פּרעס.

פייגן זיינען געווען צווייערליי: געווען גוטע פייגן, געשמאַק און זאַפטיק, עס זיינען אָבער אויך געווען ביליקע פייגן, מיט וועלכע דאָס אָרימע פאָלק פלעגט זיך זעטיקן. כדי צו באַפרייען די ביליקע פייגן פון דעם ביטערן טעם (טאַם), פלעגט מען זיי אויפשניידן און אַרויסלאָזן דעם ביטערקייט־זאַפט.

אין געוויסע געגנטן פון ארץ־ישראל, ווי למשל, אַרום יריחו, זיינען אויך געוואַקסן פּאַלמען־ביימער און אַלערליי באַלזאַמען. אין דער שפּעטערדיקער צייט זיינען ניט בלויז געווען גרינס־גערטנער און פרוכט־סעדער, נאָר אויך בלומען־גערטנער, פּשוט פאַר דער הנאה פון מענטשן. בינען־צוכט איז אויך געווען פּאָפּו־לער און האָניק איז געווען אַ באַליבטער מאכל.

לעבנדיק אַ לעבן צוגעבונדן צו דער ערד, איז די ליבע צום אייגענעם גאָרטן, צום אייגענעם פעלד געווען זייער גרויס. די צוגעבונדנקייט געפינט אַן אויסדרוק אין נבותעס ווערטער: „גאָט זאָל מיך אויסהיטן, אַז איך זאָל דאַרפן די ירושה פון מיין פאָטער אָפּגעבן צו דיר".

עס איז געווען אַ פיינער שטריך פון אַ פאַרמעגלאַכן מענטשן, וויניקסטנס אין דער ע ל ט ע ר ע ר צייט, אַליין צו באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט. שאול, כאָטש ער איז שוין געזאַלבט גע־וואָרן פאַר אַ קעניג, באַגעגענען מיר, ווי ער קערט זיך אום פון פעלד מיט זיין אָקסן־געשפּאַן. אלישע גייט ביי איינעם פון דעם פאָטערס צוועלף פּאָר אָקסן. די לאַגע האָט זיך אָ ב ע ר געביטן אין די שפּעטערדיקע צייטן.

אין אַלגעמיין גערעדט איז די נאַטור פון לאַנד געווען אַזא, אַז די אידן פון צפון (צאָפן) האָבן זיך מער אָפּ־געגעבן מיט ערד־אַרבעט און די אידן פון דרום (דאָרעם) — מיט פיצוכט און פלאַנצן וויין־

גערטנער. ניט אומזיסט איז דריבער שאול גערופן געוואָרן צו דער קרוין פון דעם אַקער און דוד איז געווען אַ פּאַסטוך פון שאָף.

יאַגד

נאָכדעם ווי די אידן זיינען אריין אין ארץ־ישראל, האָבן זיי פאַרלאָזן דעם אינטערעס אין געיעג. דער טיפּישער יעגער איז געווען עשיו (אייסעוו), ווילד, באַוואַקסן מיט האָר און ניט־געצוימט, אַ פולער קאָנטראַסט צו אים איז יעקב דער פּאַסטוך, שטיל, איידל, אָבער דורכגעטריבן. דער אידישער אידעאַל איז געווען יעקב.

בעת די מלכים (מעלאָכים) פון די שכנישע לענדער פלעגן זיך באַרימען מיט זייער גרויסער הצלחה (האַצלאָכע) אין געיעג, איז קיינע־ פון די אידישע קעניגן ניט געווען קיין יעגער. ערשט מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער האָבן אידן געהאַט אַ קעניג, הורדוס, וואָס האָט ליב געהאַט געיעג, דאָס איז אָבער געווען איינע פון די סיבות, אמת, ניט וויכטיקסטע, פאַרוואָס דאָס פאָלק האָט אים פיינט געהאַט.

פונדעסטוועגן האָבן זיך אידן ליב געהאַט צו דערציילן אַלערליי העלדישע געשיכטעס וועגן גרויסע יעגער. וועגן שמשונען, למשל, האָט מען זיך דערציילט, אַז ער האָט מיט זיינע נאַקעטע הענט צעריסן אַ לייב א. ד. גל. פון יעגער־לעבן זיינען אַריינגע־ דרונגען אַ סך אויסדרוקן אין דער שפּראַך; פון די יעגער הערן מיר וועגן לייבן־גרובן, נעצן און פאַרצאַמונגען פאַר אַנטילאָפּן, שטיין־וואַרפער און פאַסטקעס צו פאַנגען פייגל. אויך די קונסט פון פאַרהיימישן ווילדע חיות איז שוין דעמאָלט געווען באַקאַנט. פיש־פאַנגען איז די אידן אויך געווען באַקאַנט, און מיר הערן וועגן אַ נעץ און אַ ווענדקע, כאָטש וועגן פישער־לייט הערן מיר זייער זעלטן אין תנ"ך.

פיטערן שאָף

פיטערן שאָף איז גאָרניט געווען אַזאַ לייכטע מלאכה, רויִק און שטיל, ווי מיר זיינען געוויינלאַך גרייט זי פאָרצושטעלן. בדרך כלל (בעדערעך קלאַל) איז דאָס געווען אַ שווערע אַרבעט, פול מיט זאָרג און מיט מאַטערניש.

אויסער דעם, וואָס דער פּאַסטוך האָט געדאַרפט איבערטראָגן די אַלע שוועריקייטן פון היץ און קעלט, האָט ער זיך נאָך געמוזט היטן פון שונאים. דוד דערציילט וועגן בערן און לייבן, וואָס קו־מען פאַרצוקן די שאָף. אין די שריפטן פון די נביאים לייענען מיר פון פּאַסטוכער, וואָס זיינען צונויפגערופן געוואָרן צוזאַמען, כדי צו פאַרטרייבן אַ ווילדע חיה, און זיי האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוראַטעווען בלויז „צוויי פיס און אַ שטיקל פון אַן אויער"...

אַזעלכע פּאַסירונגען פלעגן זיך איבערחזרן זייער אָפט און עס איז נייטיק געווען אַרויסצוגעבן געזעצן וועגן די התחייבותן (היסכייוועסן) פון אַ פּאַסטוך. ס'איז מערקווירדיק, אַז דאָס אידישע געזעץ איז אין דעם פאַל שטאַרק ענלאַך צו דעם אַלטן געזעץ פון די באַבילאָניער, וואָס דער קעניג האַמוראַבי האָט אַרויסגע־געבן. דאָס באַבילאָנישע געזעץ־בוך זאָגט: „אויב אין אַ סטאַדע האָט די האַנט פון גאָט געשלאָגן, אָדער אַ לייב האָט געטויט, מוז דער פּאַסטוך שווערן פאַר גאָט און ריינוואַשן זיך פון זיין שולד; דער באַלעבאָס מוזליידן דעם היזק (העזעק); אויב אָבער אַ שעפּס איז פאַרלאָרן געגאַנגען, ווייל דער פּאַסטוך איז געווען ניט פאָר־זיכטיק, מוז דער פּאַסטוך פאַרגיטיקן דעם שאָדן".

דאָס אידישע געזעץ זאָגט כמעט דאָס אייגענע.

פאַרשטייט זיך, כדי צו וויסן ווי גרויס עס איז געווען דער שאָדן אין דער סטאַדע, איז נויטיק געווען צו וויסן אַקוראַט די צאָל שעפּסן, וויפיל מען האָט אָנגעטרויט דעם פּאַסטוך. צוליב דעם צוועק פלעגט זיי דער פּאַסטוך דורכלאָזן אונטער זיין שטעקן סיי אין אָוונט, ווען ער פלעגט זיי אַריינטרייבן אין דער פאַרצאַ־מונג, סיי אין דער פרי, ווען ער פלעגט זיי אַרויסטרייבן אין פעלד.

עס זיינען געווען ספּעציעלע וואַך־טורעמס, פון וועלכע דער פּאַסטוך פלעגט אַראָפּקוקן; פון וואַך־טורעם האָט ער געקענט זען פיל ווייטער, ווי שטייענדיק אין פעלד.

געטרייע אַרויסהעלפער האָט דער פּאַסטוך געהאַט אין זיינע הינט, וואָס פלעגן אָפּהיטן די סטאַדעס מיט זייער בילעריי געבן צו וויסן פון אַ סכנה (סאַקאָנע). דאָס געווער פון פּאַסטוך איז אויסער אַ שטעקן באַשטאַנען אויך פון אַ שטיין־וואַרפער.

די געפערלאַכע שונאים זיינען ניט דווקא געווען חיות פון

פעלד, אויך קעגן מענטשן האָט זיך דער פּאַסטוך געדאַרפֿט ווערן. ניט זעלטן פֿלעגן אויסברעכן קריגערייען וועגן ברונעמער, רויבער פֿון דער ווּיסטעניש פֿלעגן באַפֿאַלן און קעגן זיי צו קעמפֿן איז געווען שווער. פּאַסטוכער זײַנען דעריבער געווען דאַנקבאַר, ווען זיי האָבן געפֿונען שוץ אין באַוואָפֿנטע מענער, וואָס זײַנען געווען ווי „אַ וואַנט סיי בײַטאָג סיי בײַנאַכט" (אַזאַ באַשיצער איז געווען דוד מיט זײַן כאַפּטע, ווען ער איז אַנטלאָפֿן פֿון שאולן).

אויסער די מיטגלידער פֿון דער משפּחה, וואָס פֿלעגן היטן די שאָף, פֿלעגט מען אויך ד י נ ג ע ן פֿרעמדע מענטשן, אַרויסצו־העלפֿן אין דער אַרבעט. זייער געהאַלט פֿלעגט מען זיי צאָלן אָדער אין געלט, אָדער אין נאַטור־פּראָדוקטן, ד. ה. זיי פֿלעגן קריגן אַ חלק (כּיילעק) אין דער פֿאַרגרעסערונג פֿון דער סטאַדע. אַ מענטש מיט אײַנפֿאַל האָט זיך אַלעמאָל געקענט אַן עצה געבן, אַז זײַן טייל זאָל זײַן וואָס גרעסער.

פֿון פּאַסטוכערײַ אַליין איז אָבער אָפּנים געווען שווער דורכ־צולעבן און דער פּאַסטוך פֿאַרמאָגט ניט זעלטן אויך זײַטיקע פּרנסות. עמוס איז געווען ניט בלויז אַ פּאַסטוך, נאָר אויך אַ פּו־צער פֿון פֿייגן־ביימער. פֿונדעסטוועגן ניט געקוקט אויף אַלע שווע־ריקייטן, וואָס האָבן באַגלייט דאָס געפּלאָגטע לעבן פֿונם פּאַסטוך, האָט דער פּאַסטוך אַרויסגעוויזן וואונדערלאַכע צערטלאַכקייט און געוויסנהאַפֿטיקייט אין אומגאַנג מיט זײַן סטאַדע.

די בילדער אין תּנ"ך פֿונם פּאַסטוך, וואָס זוכט די פֿאַרלאָ־רענע און ברענגט צוריק די פֿאַרבלאָנדזשעטע שאָף, וואָס פֿאַר־בינדט די פֿאַרוואונדעטע און גיט אַכטונג אויף די קראַנקע, וואָס טראָגט די מידע שאָף אויף די פּלייצעס, ווייזן ווי איבערגעגעבן און געטרײַ אַ פּאַסטוך איז געווען. ניט אומזיסט האָט מען זיך אין אַלטן ישׂראל ניט געקענט שענער אויסמאָלן דעם געוויסנהאַפֿטן פֿירער, ווי דעם פּאַסטוך פֿון זײַן פֿאָלק.

די סטאַדעס זײַנען געווען פֿאַרשיידענע: געווען זייער גרוי־סע סטאַדעס און זייער קליינע. נבל (נאָוואָל), למשל, וואָס האָט געלעבט אין דרום ארץ־ישׂראל, אַ איד אַ גביר (גוויר), האָט פֿאַר־מאָגט טויזנט ציגן און דרײַ טויזנט שעפּסן. איוב, דער העלד פֿון אַן אַלטער געשיכטע, וואָס וואונדערט זיך שטאַרק פֿאַרוואָס דעם גוטן מענטשן לעבט זיך אָפֿטמאָל זייער שלעכט אויף דער וועלט,

האָט פּאַרמאָגט פערצן טויזנט שעפסן; אָנגעהויבן האָט ער מיט זיבן טויזנט. אַ מענטש ווי איוב, וואָס האָט פאַרמאָגט געגוג פּיטער־פּלעצער, האָט אויך געקענט האָדוווען בהמות (בעהיימעס); אויסער ציגן און שעפּסן האָט ער אויך פּאַרמאָגט דריי טויזנט קעמלען, פינף הונדערט אָקסן און פינף הונדערט אייזעלינען.

דעם פאַרמעגן פון אַ מענטשן פלעגט מען רעכענען לויט זיינע סטאַדעס שאָף.

דעם אייזל פלעגט מען נוצן אויף צו רייטן און שלעפּן שווערע משאות (מאַסאָעס). ווען דער קעניג שלמה האָט אַריינגע־בראַכט פערד, איז מען אין פאָלק ניט געווען צופרידן.

דאָס באַשטענדיקע האָבן צו טאָן מיט די שטומיקע בעלי־חיים (באַלעכייאים) האָט ביי די אַמאָליקע אידן באַשאַפן אַ באַזונ־דערע ליבע־באַציאונג צו אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן. אין די אַלטע אידישע געזעצן איז די דאָזיקע באַציאונג לייכט צו דער־קענען. עס ווערט, למשל, אָנגעזאָגט, אַז ווען איינער זעט אַן אייזל פאַלן אונטער דער שווערקייט פון דער משא (מאַסע), זאָל ער אים גלייך לויפן העלפן, אַפילו דעמאָלט, ווען דער אייזל געהערט צום שונא. עס ווערט אויך שטאַרק אָנגעזאָגט, אַז אַן אָקס, ווען ער דרעשט קאָרן, זאָל מען אים ניט אָנטאָן קיין צאַם אויפן מויל.

עס איז כּדאי צו באַמערקן, אַז אויף „ווינטער־צייט" פלעגט דער פויער באַדאַרפן צוגרייטן ספּעציעלע שפּייז פאַר די בהמות און ער פלעגט צומישן צו דעם זאַלץ, אַ טייער אַרטיקל אַמאָליקע צייטן.

מיט האָדוווען פייגל האָבן זיך די אידן פיל ניט אָפּגעגעבן, אויסער טויבן, וואָס זייער פלייש איז געווען זייער שטאַרק באַ־ליבט. די טויב איז אויך געווען דער סימבאָל פון ריינלאַכקייט, געטריישאַפט און אומשולד.

19. הייזער אין אמאַליקן ארץ־ישראל

נאָכדעם ווי די אידן האָבן אויפגעגעבן דעם וואַנדער־לעבן און זיי האָבן זיך באַזעצט אין שטעט — „וואָס ניט זיי האָבן געבויט" — איז פאַר זיי אויפגעקומען די נויטווענדיקייט אויסצולערנען זיך און צו אַנטוויקלען די קונסט פון בויען. ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן זיינען אויך אין דעם פאַל די אידן נאָכגעגאַנגען די כנענים; זיי האָבן געבויט פון מאָל צו מאָל, אויסנוצנדיק אַלע נאַטור־מעגלאַכקייטן צו פאַרשפּאָרן אַרבעט.

אַ באַליבטער איינפאַל, למשל, איז געווען צו בויען אַ לייַמענע הויז אָנגעשפּאַרט אָן אַ גרויסן שטיין. ווען עס איז אויפגעקומען די באַדערפעניש צו בויען עפּעס מער ווי פּראָסטע ליימענע שטיבלאַך, האָט מען זיך געדאַרפט ווענדן נאָך הילף קיין אויסלאַנד.

שוין דער קעניג דוד האָט אַראָפּגעבראַכט פון צור סטאָלאַרעס און שטיין־האַקערס אויסצובויען זיין פּאַלאַץ, נאָך אין אַ גרעסערער מאָס האָט זיך באַדינט מיט אַרבעטער פון דער פרעמד דער קעניג שלמה. ער האָט געשלאָסן אָן אָפּמאַך מיטן קעניג חירום פון פעניציע, אַז יענער זאָל שיקן זיינע מענטשן, וואָס זאָלן אויסהאַקן צעדער־ביימער און ציפּרעסן־ביימער פונם באַרג לבנון און אַריבערברענגען צום ים־ברעג; פון דאָרטן פלעגט דאָס געהילץ אין פליטן אַריבערגעבראַכט ווערן קיין ירושלים.

די קונסט פון אַרומאַרבעטן האָלץ, צוגרייטן עס פאַר בוימאַטעריאַל, איז אין פעניציע געווען זייער שטאַרק אַנטוויקלט. די פעניקישע בוי־מייסטערס האָבן אויפגעבויט די פּאַלאַצן און דעם בית־המקדש. די אידן האָבן באמת געטאָן בלויז די סאַמע פּראָסטע אַרבעט.

דעם גרעסטן טייל פון טאָג האָבן די אַמאָליקע אידן אין ארץ־ישראל פאַרבראַכט אין דרויסן, אויף דער פרייער לופט, אין פעלד אָדער אין גאַס, אין ווייַן־גאָרטן אָדער ביי די שאָף; די הייזער זיינען דעריבער געווען זייער באַשיידענע, קליינע... אפילו די

הייזער פון די רייכע האָבן ניט פאַרמאָגט מער פון דריי צימערן, אמת, מיט אַ הויף דערצו; די הייזער פון די אָרימע האָבן אַפילו ניט געהאַט קיין באַזונדערע אָפּגעצאַמטע שטאַלן פאַר די בהמות (בעהיימעס)... מען האָט געלעבט אַלע אינאיינעם, אין איין שטוב.

גאָר שטאַרקע הייזער זיינען עס אַפּנים (אָפּאָנים) ניט געווען; אין צייט פון אַ שטורעם פלעגן הייזער, ניט זעלטן, איינפאַלן און באַגראָבן אונטער זיך אַלע באַוואוינער...

די רייכע לייט אין ירושלים, שפּעטער אין שומרון, האָבן זיך גענומען בויען הייזער פון אָרומגעהאַקטע שטיינער און פון צעדער־האָלץ. דאָס איז געווען אַ גרויסער לוקסוס, וואָרום איך אַלגעמיין איז האָלץ געווען זייער אַ זעלטענער אַרטיקל אין אַמאָ־ליקן ארץ־ישראל. הייזער האָט מען געבויט פון ציגל און באַשמירט אין דרויסן מיט ליים אָדער מיט ווייסן קאַלך.

ווי אין דער גאַנצער וועלט, אַזוי האָט מען אויך אין אַמאָ־ליקן ארץ־ישראל געבויט הייזער צו באַשיצן זיך פון אַ שלעכטן וועטער, אָבער די גרעסטע אומבאַקוועמלאַכקייט האָבן ניט פאַרשאַפט די ווינטערדיקע רעגגס, נאָר די זומערדיקע היצן. הייזער פלעגט מען דעריבער בויען מיטן פנים צו צפון (צאָפן), אַזוי אַז וואָס ווייניקער זון זאָל אַריינקומען אינעווייניק...

די טירן אין די הייזער זיינען געווען נידעריקע, פענסטער זייער ווייניק. געבויט האָט מען די פענסטער, כדי אַרויסצולאָזן דעם רויך (קיין קוימענס זיינען ניט געווען).

הייזער אין פאַרצייטיקן ארץ־ישראל פלעגט מען בויען נאָענט איינע לעבן די אַנדערע; אויך די מענטשן פלעגן זיך האַלטן נאָענט ביי די ווענט און די טירן, כדי אויסצומיידן די הייסע זון און געניסן פון מחיהדיקן (מעכאַיעדיקן) שאָטן.

בדרך כלל (בעדערעך קלאַל) איז אַ הויז געווען איין שטאָק הויך. דער דאַך פון הויז, אַ פלאַכער און באַשמירט מיט ליים, איז געווען אַזוי וויכטיק, ווי דאָס הויז גופא (גופע).

גאָר, גאָר אַ גרויסן טייל פונם טאָג האָבן די אַמאָליקע אידן פאַרבראַכט אויפן דאַך. האָט עפּעס פּאַסירט וויכטיקס אין שטאָט און מען איז געווען נייגעריק צו זען, וואָס עס קומט פאָר, איז מען אַרויף אויפן דאַך. האָט מען עפּעס געוואָלט אויסרופן, אַז די

גאַנצע שטאָט זאָל וויסן, האָט מען עס געטאָן פון דאַך. דאָ, אויף די דעכער פון די הייזער, האָבן זיך מענטשן שפּאַצירט צו כאַפּן פרישע לופט (דער קעניג אַליין איז זיך אַזוי נוהג (נויהעג) געווען...). אויפן דאַך פלעגט מען אויך אויפנעמען געסט... אויפן דאַך פלעגט מען ד אַ וו נ ע ן, תּפילה טאָן צום באַשעפער, וואָרום עס איז „נענטער צום הימל".

די דעכער פון די הייזער זיינען אין אַמאָליקן ארץ־ישׂראל אָפט געווען שענער פון די הייזער גופא. וואָרום אין אַ סך הייזער פלעגט מען אויף די דעכער פאַרפלאַנצן בלומען, אויסבויען סוכּות (סוקעס) פון צווייגן און בלעטער, די דעכער האָבן אויסגעקוקט ווי שיינע גערטנער און האָבן פאַרמאָגט מער שאָטן און קילקייט, ווי יעדער אַנדער אָרט אַרום הויז.

דאָס מעבל אין די אַמאָליקע הייזער איז געווען זייער איינפאַך. אַ צימער, אַפילו אין אַ רייכערן הויז, האָט אָפט פאַרמאָגט ניט מער, ווי אַ בעט, אַ טיש, אַ שטול און אַ לייכטער. אַ נאָגל אַריינגעשלאָגן אין דער וואַנט האָט אָפט פאַרביטן אַ שאַפע אָדער אַן אַלמער, אַפילו בעטן האָט ניט יעדער פאַרמאָגט. אָרימערע מענטשן פלעגן זיך אויף דער נאַכט איינוויקלען אין זייערע אויבערמאַנטלען און איבערשלאָפן די נאַכט אויף אַ טעפּאַך אָדער אויף אַ שטרויענעם מאַט; אין די גאָר רייכע היימען זיינען די בעטן געווען אויסגעלייגט מיט ווייכע קישנס, אויסגענייט אין אַלערליי קאָלירן. דאָס מעבל איז געווען באַצירט מיט טייערן העלפאַנד־ביין.

באַזונדערס רייך איז געווען דעם קעניגס פּאַלאַץ; געבויט פון צעדערן און באַפּוצט מיט גאָלד, העלפאַנד־ביין, טייערע שניצערייען און קונציקע אַנטיקן פון פרעמדלענדערישע מייסטערס, האָט דער פּאַלאַץ אַנטציקט דאָס אויג פון יעדן איינציקן.

די קיך האָט זיך ס׳רוב (סראָוו) געפונען אין דעם זעלבן צימער, וואו מען האָט געגעסן און געשלאָפן. אַ געוויינלאַכע באַלעבאַטישקייט האָט פאַרמאָגט אַ האַנט־מיל, פאַנען, קוישן און לאָגלען, קריג, טעפּ, שיסלען, דריי־צייניקע גאָפּלען אַרויסצונעמען דאָס פלייש פון זופּ.

צו באַשיצן זיך קעגן די ווינטערדיקע קעלטן האָט געדינט אַן אויוון אָדער אַ קוילן־טאָפּ. טייל פון זיי זיינען געווען שיין

באַצירט מיט אָרנאַמענטן. רייכע לייט פלעגן זיך אין די ווינטער־חדשים אַריבערקלייבן אין זייערע ווינטער־היימען. מיט וואָס זיי זיינען געווען אַנדערש פון די זומער־היימען איז היינט־צו־טאָג שווער צו וויסן.

אין די שפּעטערדיקע צייטן פון דער צעטיילטער מלוכה, ווען דער האַנדל מיט פעניקיע האָט גענומען שטאַרק באַווירקן דעם שטייגער לעבן פון די אידן, איז אויפגעקומען אַ נייגונג צו לוקסוס.

מענטשן זיינען מער ניט געווען צופרידן מיט אַ דיל אויס־געפּלאַסטערט פון ליים, מען האָט גענומען נוצן ציפּרעסן, ווי אין דעם בית־המקדש פון ירושלים.

די ווענט פלעגט מען באַצירן מיט העלפאַנד־ביין אָדער מען פלעגט אויספּלאַסטערן מיט צעדער־האָלץ, אַניט פלעגט מען אויס־פאַרבן דאָס הויז. רייכע מענטשן פלעגן אויך באַפּוצן זייער הויז מיט גאָלד, דער עיקר (דעריקער) די טירן און די זיילן.

גרויסע פענסטער האָט מען באַטראַכט פאַר אַ געוואַלדיקער אויסבערענגעריי. גראַמקייט בכלל (ביכלאַל) האָט מען גערעכנט פאַר אַ סימן (סימען) פון אַ צעלאָזן לעבן, וואָרום די גרויסע, גע־ראַמע הייזער זיינען געווען אַ בולטער (בוילעטער) קאָנטראַסט צו די קליינע הייזער פון אַלע אידן.

20. עסן און טרינקען

אין מדבר איז דער עיקר (איקער) נאַרונג־שטאָף פון די אידן געווען מילך. מילך האָט אויך ניט אויסגעפעלט שפעטער אין כנען, אינם לאַנד, וואָס „טריפט מיט מילך און האָניק"...

פלייש האָט מען אויך אין ארץ־ישראל פיל ניט געגעסן, אויסער ביי יום־טובדיקע געלעגנהייטן. קאַלב־פלייש האָט מען מער ליב געהאַט ווי ציגן־פלייש און רינד־פלייש איז גאָר געווען אַ מאכל, וואָס ניט יעדער האָט זיך געקענט פאַרגינען.

שעפסן־פלייש איז געווען שטאַרק אָנגעלייגט און מיט אַ פעטן ביסן פון אַ שעפס פלעגט מען מכבד (מעכאַבעד) זיין אַ גאַסט.

געבראָטנס האָט מען מער ליב געהאַט, ווי געקאָכטע פלייש. ווי צו קאָכן האָבן זיך אידן אויסגעלערנט ערשט דעמאָלט, ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין לאַנד.

יצחקס באַליבטער מאכל איז געווען לינזן. אידן האָבן אויך שטאַרק ליב געהאַט פיש. דער דערציילער פון דער באַפרייאונג־געשיכטע גיט איבער, ווי אַזוי די אידן אין מדבר האָבן געבענקט נאָך די פיש, וואָס זיי האָבן געגעסן אין מצרים (מיצריִאים).

פיש איז אָבער דער עיקר געווען אַ מאכל פון דעם אָרימערן מענטשן. אַ רייכע פרוי האָט זיך געקענט באַגיין אויך אָן פיש. איין נביא רעכנט אויס, וואָס עס געפינט זיך אין דער קיך פון אַ רייכער פרוי. ער דערמאָנט פיינע מעל, האָניק און אייל; אַן אַנדערער נביא גיט־צו ווייץ, גערשטן, אייל און האָניק ווי עפּעס, וואָס ווערט אין אַן אומרואיקער צייט אויסגעהיט פונם שונא.

האָניק איז אין אַמאָליקן ארץ־ישראל געווען צווייערליי: האָניק פון בינען און האָניק פון פרוכט. אַן אַלט שפּריכוואָרט זאָגט: „מיין זון, עס האָניק, וואָרום ער איז גוט".

די וויכטיקייט פונם אייל איז צו זען אין דעם, וואָס פאַר אַ גרויסע קוואַנטיטעט דער קעניג שלמה האָט אַריבערגעשיקט צום מלך פון צור — 160 טויזנט גאַלאָן פון בעסטן מין. אַפילו אַן אָרימע פרוי האָט פאַרמאָגט איר קריגל אייל. עס האָט געוויינ־

לאַך פאַרביטן פוטער און שמאַלץ. אייל פלעגט מען געברויכן צו באַקן לאַטקעס, אויך פאַר אַנדערע פּאַטראַוועס.

מעלן זיינען געווען פאַרשיידנערליי: דיקע מעל און גאָר פיינע ווייצן־מעל. ברויט איז געווען דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער מאכל פאַר אַ פאָלק, וואָס איז אָקאָרשט אַריבערגעגאַנגען פון פיצוכט צו ערד־אַרבעט. עסן ברויט איז געווען אַ סינאָנים צו „נעמען שפייז".

ווען גדעונס אַ מענטש (גדעון איז געווען אַ שופט ביי אידן) האָט געזען אין חלום אַ צייכן פונם זיג, וואָס די אידישע פויערים וועלן האָבן איבער די וואַנדערער פון מדבר, איז דער צייכן געווען אַ קיילאַכדיקער קוכן, וואָס האָט זיך דערקייקלט צום לאַגער פון די מדבר־וואַנדערער און אומגעוואָרפן דאָס געצעלט פון זייער עלטסטן.

ברויט האָט מען געבאַקן ניט אין גרויסע לאַבנס, נאָר אין קלענערע קוכנס. געוויינלאַך איז דאָס ברויט געווען געזייערט, ווי דאָס ברויט, וואָס מיר עסן היינט־צו־טאָג, אָבער ווען מען איז געווען אין גרויס איילעניש, למשל, ווען אַ גאַסט איז אָנגעקומען, פלעגט מען דעם ברויט ניט זייערן און באַקן אָנשטאָט ברויט — מצות (מאַצעס)...

ניט־געזייערטן ברויט פלעגט מען אויך באַקן בעתן (בעאייסן) חג־המצות, דער יום־טוב פון ערשטן שניט. די שניטער האָבן זיך געאיילט צו ברענגען אַ מתנה דעם באַשעפער, דאָס זייערן פלעגט מען אויסלאָזן.

געוויינלאַך פלעגט מען אָבער דעם טייג ניט בלויז זייערן, נאָר אויך באַשמירן מיט האָניק.

געווען צייטן, ווען מען האָט אַפילו ניט קיין געזייערטן ברויט אויך ניט געקענט באַקן, למשל, ווען מען איז געווען אין וועג, אָדער ווען מען איז געגאַנגען אויף מלחמה; דעמאָלט פלעגט מען פשוט די ווייצן־קערנער באַקן אויפן פייער. געבאַקענע קערנער זיינען אויך געווען די שפייז פון די שניטער אין פעלד.

גרינסן האָבן אין כנען ניט אויסגעפעלט. לינזן זיינען געוואָרן אַ שם דבר (שיים דאָוואָר), געווען אָבער אויך בעבלאַך, אוגערקעס, מעלאָנס, ציבעלעס, קנאָבל... אידן האָבן די אַלע גרינסן אַזוי

ליב געהאַט, אַז זיי האָבן מיט באַדויערן געטראַכט וועגן דעם מדבר־וואַנדערער, וואָס מוז זיך מיט זיי אַלע געזעגענען און אויסקומען אָן דעם אַלעמען אַ לענגערע צייט.

אויסער גרינסן האָבן אידן אויך פאַרמאָגט אַ גאַנצע ריי פּאַטראַוועס, מיט וועלכע זיי פלעגן מאַכן געשמאַקער דאָס עסן. זענעפט איז געווען באַקאַנט אין אלטן ארץ־ישראל, אויך אַלערליי געווירצן. זאַלץ איז געווען, ווי אַלעמאָל, זייער אַ וויכטיקער אַר־טיקל, אָן וועלכן מען האָט זיך גאָרניט געקענט באַגיין. עסן עמיצנס זאַלץ, האָט געמיינט דאָס זעלבע, ווי אויסגעהאַלטן ווערן פון יענעם. מענטשן, וואָס האָבן זיך געטיילט מיט זאַלץ, זיינען געווען פאַרבינדעטע אין אַ הייליקן בונד.

די פרוכט אין לאַנד האָבן געהאַט אַ גרויסן באַדייט. פייגן זיינען געווען שטאַרק באַליבט, מען פלעגט זיי עסן ניט בלויז פרישערהייט, מען פלעגט זיי אויך טריקענען און פרעסן, אויפהיטן אויף חדשים שפּעטער.

אויסער פייגן זיינען אויך געווען פאָמעגראַנאַטן, פיסטאַשן, אַלמאַנדן און ניס. ס'איז ניט קלאָר צי די אידן האָבן פאַרמאָגט עפּל.

21. פּאַסירונגען אין היימישן לעבן

דאָס אָנקומען פון אַ גאַסט פלעגט פאַרוואַנדלען דעם אַרבעטס־טאָג אין אַ יום־טוב. גאַסטפריינדלאַכקייט, וואָס איז דער פיינסטער צייכן פון וואַנדער־לעבן, האָט ניט פאַרלאָרן זיין ווערט ביי די אַמאָליקע אידן, אפילו נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך באַזעצט אין כנען. אַ פרומער האָט זיך וואויל געקענט באַרימען, אַז זיין טיר איז קיינ־מאָל ניט געווען פאַרמאַכט פאַר דעם רייזנדן, אַז ער האָט קיינ־מאָל ניט געלאָזט אַ פרעמדן איבערנעכטיקן אויף דער גאַס.

ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן האָבן די אַמאָליקע בני־ישראל פאַרקערפּערט זייער אידעאַל אין דער געשטאַלט פון אברהמען „דעם ערשטן אידן".

נאָך היינט ווערן מיר גערירט, לייענענדיק די געשיכטע, ווי אַזוי דער אַלטער פאַטריאַרך, ווי נאָר ער דערזעט די דריי פּ ר ע מ־ד ע גייענדיק אויסגעמאַטערטע פון וועג, דערנענטערט ער זיך צו זיי און פאַרבעט זיי צו זיך אין געצעלט. מען ברענגט די וואַנ־דערער וואַסער ארומצוואַשן זייערע פיס. לאַנג אין וועג, זיינען די פיס פונם וואַנדערער די ערשטע צו ליידן און בעת (בעאייס) אברהם גייט אין שטאַל אויסצוקלייבן אַ יונג קעלבל צו שעכטן פאַר די געסט, ברענגען מילך דאָס האַרץ אָפּצוכאַפּן ביז דער גע־שמאַקער געקעכץ וועט פאַרטיק ווערן, באַקט שרה אויף גיך קוכנס פון „סאָמע בעסטן" מעל; זי זשאַלעוועט ניט, פאַרן גאַסט איז קיין זאַך ניט צו גוט...

דער אַלטער אברהם באַדינט אַליין די געסט. טוענדיק אַזוי, באַמערקט דער דערציילער, גיט ער אָפּ כבוד זיך אַליין. ווער עס זיינען די געסט, ווייס ער נאָך ניט, אָבער אַ גאַסט איז אַ גאַסט, ווער ער זאָל ניט זיין, און אפילו אַן אומבאַקאַנטער גאַסט איז אויך שטאַרק אָנגעלייגט.

אַן אַנדער ביישפּיל: דער כהן (קויהען) פון מדין מוסרט (מוסערט) זיין טאָכטער, פאַרוואָס זי האָט ניט געבראַכט מיט זיך דעם אַנטלאָפענעם מצרי (מ ש ה ן), ווען זי האָט באַגעגנט אין

פעלד. אַפילו אַ וואַנדערנדיקער שקלאַף, וואָס האָט זיך געלאָזן אין וועג אין שליחות פון זיין האַר, איז זיכער געווען מיט אַ פיינעם אויפנעם.

א נביא, אַ זעער, אַ הייליקן, פלעגט מען באַגעגענען מיט גאָר אַ סך פריינדלאַכקייט... מען האָט פון אים געקענט דערוואַרטן מזל ברכה און גליק... פון זיינעטוועגן פלעגט מען אַפילו צוגרייטן אַ באַזונדער חדר „מיט אַ בעט, אַ טישל און אַ לייכטער", פאַר־לייגן אַ ווינקל אין דער אייגענער היים אויף אַלעמאָל.

צווישן די פעלקער אין צפון־אַפריקע איז נאָך עד־היום (אַד־האַיעם) פאַראַן אַ מנהג (מינהעג), אַז ווען אַ פרעמדער קומט אין אַ שטאָט און ער האָט ניט קיין קרוב (קאָרעוו) אָדער אַ באַשיצער, זעצט ער זיך אַנידער אויפן מאַרק אָדער אויפן הויפּט־סקווער. עס געפינט זיך שוין באַלד עמיצער, וואָס לאַדט אים איין צו זיך אַהיים און גיט אים שוץ און ווייזט אים אַרויס יעדע פריינדלאַכ־קייט.

אַן ענלאַכער מנהג איז אויך געווען אין אַמאָליקן ארץ־ישראל. דער פרעמדער לוי (לייווי), וואָס קומט אַריין אין דער שטאָט גלבוע (גילוואַויאַ), זעצט זיך אַנידער אויפן מאַרק און וואַרט עמיצער זאָל אים אויפנעמען און איינלאַדן צו זיך אַהיים. קיינער קומט אָבער ניט אָן און דאָס איז דער בעסטער סימן, ווי ווייט די שטאָט־איינוואוינער זיינען פאַרדאָרבן, זיי ווילן ניט וויסן פון קיין פרעמדן... נאָר איין פיינער מענטש געפינט זיך אין דער גאַנצער שטאָט — אַן אַלטער מאַן, אַ גר. ער קערט זיך אום פון דער אַר־בעט אויפן פעלד, און ווי נאָר ער באַמערקט דעם פרעמדן, פאַרבעט ער אים צו זיך. ביינאַכט דערוויסן זיך אָבער די באַוואוינער פון שטאָט וועגן דעם גרויסן „אומרעכט", וואָס דער גר איז באַגאַנגען. זיי רינגלען ארום דאָס הויז, מאַכן געוואַלדן און פאָדערן, אַז דער פרעמדער זאָל אַרויסגעגעבן ווערן צו זיי. דער באַלעבאָס גיט ניט נאָך... ענלאַכע געשיכטעס פלעגט מען זיך דערציילן אָן א שיר אין אַמאָליקן ארץ ישראל... (די שטאָט סדום (סדוים) איז אויף איי־ביק פאַרשאָלטן געוואָרן פאַר איר בייזקייט; די ערד האָט זי איינ־געשלונגען...).

דער מנהג פון גאַסטפריינדלאַכקייט איז אין די אַלטע צייטן בויטיק געווען, כדי צו מאַכן דאָס לעבן פונם רייזנדן כאָטש ווי

ניט איז דערטרעגלאַך. קרעטשמעס, האָטעלן, ווי אין אונזערע טעג, זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען. די קאַראַוואַן־סטאַנציעס זיי־ נען געווען ניט מער ווי ערטער, וואו היימלאָזע מענטשן האָבן געקענט געפינען אַן אָפדאַך.

פונקט ווי דאָס אָנקומען פון אַ גאַסט פלעגט אַריינברענגען פריידיקע איפּרעגונג צווישן די היימישע מענטשן, אַזוי פלעגט אויך דאָס געזעגענען זיך באַגלייט ווערן מיט אַלערליי פּאַסיקע צערעמאָניעס, דערעיקרשט ווען מען האָט זיך געדאַרפט געזעגענען מיט אַ מענטשן, וואָס מען האָט באמת ליב געהאַט.

לבן (לאָוואָן) מוסרט יעקבן למאַי (לעמאַי) ער איז אַוועק אין געהיים, האָט זיך מיט קיינעם גאָרניט געזעגנט. ווען ער זאָל וויסן זאָגט לבן, וואָלט ער אים אַרויסבאַגלייט מיט געזאַנג, מיט פּויקן און האַרפן־שפּיל...

פ יי ע ר ל א כ ק יי ט ן פלעגן אויך דורכגעפירט ווערן ביים בויען אַ ניי הויז, לייגן דעם פונדאַמענט, און אויך ביי דער חנוכּת הבית (כאַנוקאַס־האַבאַיעס).

גרויס פרייד איז געווען אין הויז, ווען מען פלעגט אָנזאָגן די פריילאַכע נייעס דעם פאָטער: „אַ אינגל איז דיר געבוירן געוואָרן".

22. די קונסט פון שרייבן

שרייבן האָט ניט יעדער איינציקער באַדאַרפט און האָט אויך ניט געקענט. אַמאָליקע צייטן איז שרייבן געווען אַ גרויסע קונסט, עס האָט גענומען יאָרן-לאַנג זיך אויסצולערנען, וואָרום די שריפט איז געווען אַ סך שווערער און אומגעלומפּערטער ווי היינט.

אין אַמאָליקן ישראל זיינען געווען שולן. די קינדער פון די פּויערים און באַלמעלאָכעס האָבן די שולן ניט באַזוכט, נאָר גע-הויבענע מענטשן האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט די חכמות (כאָכמעס) פון דער וועלט. די דאָליע פון דעם פּשוטן מענטשן איז געווען ביטערע פּראַצע.

שרייבן אין אַמאָליקן ארץ-ישראל, ווי אויך אין עגיפּטן און אין בבל, איז געווען אַ פּראָפעסיע; האָט אַ געוויינלאַכער מענטש געדאַרפט עפּעס אָנשרייבן אַ בריוו צו אַ פריינד, אַ בקשה (באַקאָ-שע) צום קעניג, האָבן צוויי הענדלער געמאַכט אַ מסחר (מיסכער) און עס איז נויטיק געווען צו פאַרצייכענען די תנאים (טנאָ:ים) פון זייער אָפּמאַך, — די אַלע פלעגן זיך באַדינען מיט פּראָפעסיאָנעלע שרייבער.

אויך דאָס געריכט און דעם קעניגס הויף האָבן באַדאַרפט האָבן שרייבער. דער מלוכה-שרייבער האָט, קען זיין, געהאַט אַ דעה (דייע) אויך אין דער מלוכה-פירונג.

אַ ביישפּיל פון אַ טרייען איבערגעגעבענעם פריינד און סעק-רעטאַר איז ברוך, דער מענטש, וואָס האָט באַגלייט דעם נביא ירמיהו אין די שווערסטע צייטן פון זיין לעבן. ער איז געווען אַ שרייבער, אַ תלמיד און אַן איבערגעגעבענער פריינד צוזאַמען...

אויסער די פּראָפעסיאָנעלע שרייבער האָבן אויך די כהנים (קויהאַנים) און די לוויים (לעוויאים) געקענט שרייבן.

שרייב־געצייג

שרייב־געצייג האָבן די אידן אין ארץ ישראל באַנוצט אַלער־ליי: טאָוולען פון שטיין, פון ליים און פון מעטאַל.

עפנטלאַכע געזעצן פלעגן אויסגעהאַקט ווערן אין שטיין און דעם שטיין פלעגט מען אָפּקאַלכן.

פאַר דעם געוויינלאַכן געברויך האָט מען גענוצט טאָוולען פון ליים, אָדער פון אַרץ און בליי (די ליימענע טאָוולען האָבן ניט געקענט לאַנג האַלטן און פלעגן זיך אָפט צעברעכן).

אויף די טאָוולען פלעגט מען שרייבן מיט אייזערנע גריפ־לען, וואָס האָבן געהאַט אין שפּיץ אַריינגעטאָן אַ דימענט.

צוזאַמען מיטן שווערן מאַטעריאַל האָט מען שוין, אפילו אין די אַלטע צייטן, באַנוצט אויך אַ לייכטערן שטאָף. אין ארץ ישראל דער עיקר אָבער אין עגיפּטן, זיינען געוואַקסן די פּאַפּירוס־געַ־וויקסן; פון זיי פלעגט אויסגעאַרבעט ווערן אַ באַקוועמער שרייב־מאַטעריאַל—פּ אַ פּ י ר ו ס. (פון דעם נעמט זיך אונזער וואָרט פּאַפּיר, כאָטש ער ווערט געמאַכט גאָר אויף אַן אַנדער אופן און לגמרי (לעגאַמרי) ניט פון פּאַפּירוס, נאָר פון האָלץ, שמאַטעס און דאָס גלייכן).

אויפן פּאַפּירוס האָט מען שוין געקענט שרייבן מ'ט טינט. שוין אין דעם עלפטן יאָרהונדערט פ. ק. הערן מיר פון אַ לעבהאַפטן האַנדל מיט פּאַפּירוס. ער ווערט עקספּאָרטירט פון עגיפּטן קיין ביבלאָס (אַ פעניקישע שטאָט. ביבלאָס הייסט אין גרי־כיש דער פּאַפּירוס־געוויקס, פון דעם שטאַמט דאָס וואָרט ב י ב ל, אַ שריפט געשריבן אויף פּאַפּירוס).

אויך ארץ ישראל האָט פאַרמאָגט אַ שריפט־שטאָט – ק ר י ת ס פ ר (קיריאַס סייפער) – אהין פלעגט אָנקומען, אָדער דירעקט פון עגיפּטן, אָדער דורך פעניציע, דער פּאַפּירוס־געוויקס און דאָ פלעגט מען אים באַאַרבעטן און צוגרייטן צום געברויך. פון דאָרטן פלעגט דער פּראָפעסיאָנעלער שרייבער באַציען זיין פּאַפּירוס; צו־שניידן פלעגט ער שוין אַליין, ווערליק נאָך זיין באַדערפעניש.

אויפן פאַפּירוס פלעגט מען שרייבען מיט אַ ראָר און מיט טינט. דעם ראָר פלעגט מען צושניצן מיט אַ שרייב־מעסער. די טינט איז געווען אַ שוואַרצער דיקער פאַרב־שטאָף, וואָס איז הויפּ־זאַכלאַך באַשטאַנען פון סאַזשע. כּדי צו מאַכן דעם טינט פליסיק פלעגט מען צוגיסן וואַסער. דאָס אָנגעשריבענע אויפן פאַפּירוס פלעגט זיך דעריבער לייכט לאָזן אָפּוואַשן...

דאָס שרייב־געצייג פלעגט דער שרייבער אַלעמאָל טראָגן מיט זיך אויפן גאַרטל, ערשטנס, האָט ער עס אַלעמאָל געדאַרפט האָבן אונטערן האַנט, צווייטנס, איז עס געווען אַ סימן פון יחוס. אויפן באַזאַר, וואו דער אָרימערער שרייבער פלעגט זיצן, איז די שרייב־געצייג געווען זיין שילד...

דעם קאָסטבאַרן פאַרמעט (פיין אויסגעאַרבעטער לעדער פון גאַזעלן שאָף אָדער ציגן) האָבן די אידן געברויכט בלויז אין זעל־טענע פאַלן און דאָס אויך פיל שפּעטער. געוויינלאַך האָט מען זיך באַנוגנט מיטן פאַפּירוס, וואָס איז אויך געווען געווען געגנוג טייער.

ביכער זיינען געווען ווייניק. גרויסע ביכער אַוודאי... האָט מען געדאַרפט אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך, פלעגט מען נעמען אַ גרויסן פאַפּירוס אָדער מען פלעגט צוזאַמענקלעפּן קלענערע פאַפּירוסן אין אַ גאַנץ בוך. אַזוי הערן מיר פון אַ ספר תּורה אָדער פון אַ נביאיש בוך.

געשריבן האָט מען אין קאָלומס פון רעכטס אויף לינקס, ס'רוב אויף איין זייט פון פאַפּיר, זעלטענער אויף ביידע זייטן.

פלעגט מען דאָס בוך ענדיקן לייענען, האָט מען עס צוזאַמענגעוויקלט און געמאַכט אַ מגילה (מגילת ספר); ביי גרע־סערע ווערק פלעגט מען פון ביידע זייטן פון דער מגילה אַרויפּ־טאָן שטעקעלאַך און מען פלעגט די מגילה צונויפוויקלען פון ביידע זייטן.

די געשיכטע פון די אידן אין מלכות ישראל

23. נאָך דער צעטיילונג פון דער מלוכה (מעלוכע)

נאָך דער צעטיילונג פון דער מלוכה זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אינם לעבן פון די אידן. אָנשטאָט צו זיין איין פאָלק פאַראייניקט קעגן זייערע שונאים (סאָנים), זיינען זיי איצט געווען צעטיילט און דורכדעם שטאַרק אָפּגעשוואַכט.

די ביידע מלוכות (מעלוכעס), מלכות ישראל און מלכות יהודה, האָבן געפירט ביטערע מלחמות צווישן אַנאַנד. די אַרומיקע פעלקער האָבן אויסגענוצט די קריגערייען צווישן די אידן און זיינען באַפאַלן סיי יהודה, סיי ישראל.

די ערשטע זיינען אָנגעפאַלן די עגיפּטער. דער פרעה שישאַק איז געקומען צוהילף ירבעמען (יעראָוואָמען), דעם קעניג פון ישראל. די עגיפּטישע אַרמיי האָט זיך באַוויזן ביי די טויערן פון ירושלים און רחבעם (רעכאָוועם) האָט זיך קוים אויסגעקויפט איבערגעבנדיק דעם פרעה די אוצרות (אויצרעס) פון בית־המקדש (בייס־האַמיקדעש), אויך די גאָלדענע פאַנצערס, וואָס דעם קעניגס לייב־וועכטער פלעגן טראָגן. דער אָנפאַל פון עגיפּטן איז פאַר יהודה געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ. יהודה האָט פאַרלאָרן אַ סך שטעט, וואָס זי האָט אין די ערשטע מלחמות אויף ישראל פאַרכאַפּט. די מאַכט פון יהודה איז פיל אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

ווער האָט מער געליטן?

די צעטיילונג איז אין אָנפאַנג פאַר יהודה געווען אַ גרע־סער אומגליק ווי פאַר ישראל. ישראל האָט זיך געפילט גאַנץ גוט אויך אָן יהודה. פאַר די אידן פון דרום (דאָרעם) איז אָבער די צעטיילונג געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ און גאָר אַ גרוי־סער פאַרלוסט.

אין יהודה איז צוליב דעם אַלעמאָל פאַרבליבן די בענקשאַפט

נאָך אייניקייט און שלום. דער קלענערער און שוואַכערער טייל פון פאָלק האָט קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסן די צייט פון גלאַנץ און פראַכט (די אידן פון יהודה האָבן פון שלמהס הערשאַפט אַגב (אַגעוו) ווייניקער געליטן...). אין די ווייטערדיקע יאָרן איז די אייניקייט פון אידישן פאָלק געוואָרן אַ צוקונפט-טרוים און אַ ווייטאָגדיקע האָפנונג פון דער קליינער יהודה.

אין דער געגנוואַרט האָט קיין אייניקייט מער ניט געקענט זיין.

דער קריג צווישן ישראל און יהודה

דער שאַרפער בראָך צווישן ישראל און יהודה האָט געמוזט פירן צו אַ מלחמה, רחבעם האָט די אידן פון ישראל באַטראַכט פאַר רעבעלן און ער האָט קעגן זיי פאַרפירט אַ קריג. זעכציק יאָר האָט דער מלחמה-צושטאַנד געדויערט; אפילו נאָכדעם ווי רחבעם איז געשטאָרבן האָט דער קריג ניט אויפגעהערט.

די ערשטע צייט האָט געזיגט יהודה; רחבעם האָט פאַרמאָגט די אוצרות (אויצרעס) און דאָס געווער, אַ ירושה (יערושע) פון שלמהן; אין יהודה איז אויך געווען אַן אַרמיי פון געניטע קריגסלייט. שפּעטער האָט זיך ישראל אַרויסגעוויזן מעכטיקער... ישראל האָט פּשוט פאַרמאָגט מער מענטשן, איז געווען גרעסער, דריי מאָל אַזוי די גרויס ווי יהודה; לעבנדיק אויף די וועגן פון האַנדל האָט די צפון-מלוכה גענומען גיך רייך ווערן. איר נייע עשירות (אַשירעס) האָט זי געברויכט אין קאַמף מיט יהודה.

אומרוען אין ישראל

אין ישראל איז ניט געווען קיין שלום: אויפשטאַנדן, מלחמות, קריגערייען האָבן צערודערט און ביסלאַכווייז חרוב (כאָרעוו) געמאַכט דאָס לאַנד. די מלוכה פון ישראל האָט תמיד (טאָמיד) געמוזט זיין גרייט צו פאַרטיידיקן זיך קעגן אירע שונאים (סאָנים).

צו באַשיצן דאָס לאַנד איז נייטיק געווען אַ גרויסע אַרמיי. די אַרמיי האָט זיך מיט דער צייט גענומען מישן אין דער

פירונג פון דער מלוכה, איבערנעמען די רעגירונג, באַשטימען דעם קעניג

די אַראַמייער — שונאים פון ישראל

שטאַרק געליטן האָט מלכות ישראל פון די אַראַמייער, וואָס זייער הויפּטשטאָט איז געווען דמשק (דאַמעסעק). ניט איינמאָל האָבן די אַראַמייער באַלאַגערט די שטאָט שומרון (שוימרוין), אוועקגעפירט געפאַנגענע אין דער פרעמד. ישראל האָט זיך אונ־טערגעגעבן, געבויט מערק אין אירע שטעט פאַר די הענדלער פון דמשק, ווידער רעוואָלטירט; ווייניק יאָרן זיינען אַוועק, אַז עס זאָל הערשן שלום צווישן די אידן פון שומרון און די הענדלער פון דמשק (דאַמעסעק).

די אידן און די פעניציער

גאָר אַנדערע שכנים (שכיינים) זיינען געווען די פעניציער: הענדלער, ים־פאָרער, גאָרניט קריגעריש געשטימט. מיט פעני־ציע האָבן די אידן געשלאָסן אַ בונד. די פעניציער זיינען געווען הענדלער און די אַראַמייער זיינען געווען הענדלער, קיין שלום צווישן זיי ביידע איז דעריבער ניט מעגלאַך געווען.

ישראל האָט געפונען אין פעניציע אַ פריינד, וואָרום ביידע האָבן אין דמשק (דאַמעסעק) געזען אַ שונא. פאַר די אידן איז דמשק געווען אַ שטענדיקער אַנגרייפער און פאַר פעניציע איז דמשק געווען אַ האַנדלס־קאָנקורענט.

אַ פאַרגלייך צווישן די אידן פון יהודה און די אידן פון ישראל

עס איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן ביידע מלוכות.

א) דאָס לאַנד ישראל איז ניט געווען איינ־הייטלאַך: טאָלן, בערג, גראָזיקער לאַנד, וויסטעניש. די ברייטע טאָלן זיינען געווען רייך אין תבואה (טוואוּע), די באַוואוינער פון די טאָלן — ערד־אַרבעטער, פרייע פויערים; פאַרקערט, נאָענט לעבן די וואַסערן, זיינען די אידישע דערפער געווען פול מיט פּי־

שערלייט; אַביסל ווייטער, אַריבערן ירדן, האָבן נאָך געלעבט פּאַסטוכער און געפירט אַ פּאַרצייטיקן שטייגער לעבן, געפּי־טערט שעפּסן און געוואַנדערט זוכנדיק גראָז.

ב) ישראל איז געווען אָפּן פאַר אַלע געפאַרן. די פעטע פליינען און פּרוכטבאַרע טאָלן האָבן צו זיך צוגעצויגן פעלקער פון דער פרעמד. די נאָענטקייט פון פעניציע האָט אויפ־געלעבט דעם האַנדל אין לאַנד, אָבער פאַר די אָרימערע פּויערים איז דאָס גאָר קיין טובה (טויווע) ניט געווען.

ג) דאָס לאַנד יהודה איז געווען קלענער, אָבער בעסער באַשיצט, אָרימער, אָבער מער איינ־הייטלאַך.

די ערד אין יהודה איז געווען שטיינערדיק, ליימיק, ניט פרוכטבאַר; אַקערן, זייען, איז געווען שווער; די מענטשן האָבן דעריבער געלעבט פון פלאַנצן וויין־גערטנער און פּיטערן שאָף.

דערפאַר איז אָבער די באַפעלקערונג געווען איינהייטלאַך, געפירט דעם אַלטן פאַרצייטיקן שטייגער לעבן. ס'איז ניט געווען קיין גרויסער אונטערשייד צווישן די אידן פון איין דערפל און דעם אַנדערן, דאָס לעבן איז געווען ווי פאַרצייטן און איז אויף לאַנגע יאָרן פאַרבליבן פשוט (פּאָשעט).

ד) פאַר קיין אָנפאַלן פון פרעמדע פעלקער האָבן די אידן פון יהודה אויך ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבן.

דער טויטער ים איז געווען אַ נאַטירלאַכע גרעניץ, וואָס האָט ניט צוגעלאָזט קיין אָנפאַלער. דער מדבר איז תמיד געווען אַ געפאַר, אָבער די מדבר־פעלקער האָבן ניט געקענט טאָן קיין סך בייז. זיי פלעגן אָנפאַלן, מען פלעגט זיי אָפּשלאָגן, און אַזוי האָט עס זיך געצויגן יאָרן לאַנג; די פּויערים זיינען שוין געווען צו דעם געוואוינט. דאָס איז דער מזל פון יעדן ישוב, ביים ראַנד פון מדבר.

די פלשתים ביים ברעג ים זיינען געזעסן אין די דערפער און אין די שטעט און האָבן מער קיין מלחמות קעגן די אידן ניט גע־פירט. נאָר פון איין לאַנד איז געקומען פּאַרוויסטונג, דאָס איז גע־ווען מצרים (מיצרייאים). אַ נאָמאַדן־הערשער פון ווייטן ליביע האָט פאַרכאַפּט עגיפּטן און אַוועגעלאָזט זיך אין אַ רויב־צוג קעגן יהודה.

דער פרעה איז צוגעקומען צו די טויערן פון ירושלים, אויס־געראַבעוועט דעם מלוכה־אוצר פון בית־המקדש, פאַרנומען אַ סך שטעט און צוריקגעקערט זיך קיין מצרים. (ס'איז אין יהודה קיין גאָלד ניט פאַרבליבן, בראָנז איז אַריין אין געברויך.)

האַנדל אין מלכות יהודה

ה) פאַר האַנדל איז יהודה ניט געווען צוגע־פאַסט, ס'איז פשוט ניט געווען מיט וואָס צו האַנדלען. די ערד — מאָגער און שטיינערדיק — האָט קוים געשפּייזט אירע באַוואוינער. (האַנדלען קען מען נאָר, ווען עס איז פאַראַן מער וויפיל די באַפעלקערונג אַליין קען פאַרברויכן). דאָס איינציקע, וואָס דער איד פון יהודה האָט געקענט אויסבייטן אין דער פרעמד, איז אפשר געווען וואָל פון די שעפסן; אָבער מסתמא האָבן די אָפטע מלחמות אויך דאָס געשטערט. ווען דער וועג איז אָפּן געוואָרן פאַר האַנדל, איז אויך אין יהודה געוואָרן באַלד אַזוי שלעכט ווי אין ישראל.

ו) דאָס לאַנד ישראל איז געווען אַ דאַמבע פאַר דער מלוכה פון יהודה.

די פעלקער פון דעם צוויי־טייכן־לאַנד האָבן זיך פריער אָנגע־שטויסן אָן ישראל איידער זיי פלעגן צוקומען צום באַרגיקן לאַנד. פאַר יהודה איז דאָס געווען אַ גליק און אַ רעטונג.

די צעטיילונג פון דער מלוכה — אירע רעזולטאַטן

די צעטיילונג פון דער מלוכה האָט אינגאַנצן געענדערט דעם לויף פון אידישן לעבן אויף הונדערטער יאָרן. די אידן האָבן פאַר־לאָרן די מעגלאַכקייט ווען עס איז צו ווערן אַ שטאַרק פאָלק מיט די גרויסע פעלקער צוגלייך, אויסבויען אַ גרויסע מלוכה (אונטערדריקן אַנדערע פעלקער...). די אידן האָבן מער קיינמאָל שוין ניט געקענט ווערן קיין וועלט־מאַכט. די גאַנצע ווייטערדי־קע געשיכטע פון די אידן איז פול מיט פאָליטישע דורכפאַלן. פון דער אַנדערער זייט איז די אידישע אייגנאַרטיקייט אַלס פאָלק אָפּגעהיט געוואָרן. דער האַנדל, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין ישראל, האָט אין יהודה הונדערטער יאָרן לאַנג קיין תקומה (טקו־מע) ניט געהאַט.

אין יהודה איז אויפגעוואַקסן אַ פאָלק, וואָס איז געווען געוואוינט צו שווערער אַרבעט, מוטיק, ערנסט, איינפאַך און פאַרעקשנט (פאַראַקשנט). רייכקייט איז זיי יאָרן און יאָרן לאַנג געווען פרעמד און דערווידער, אָבער מיט זייער מי האָבן זיי געקענט שפייזן זייער הויזגעזינט און פירן אַ שטיל לעבן. אָפּגעגרעניצט פון דער וועלט איז דאָס דאָרף און די היימישע ערד פאַרבליבן ביי זיי טייער און ליב, און זיי האָבן זיך גאָרניט געריסן אין דער פרעמד.

געאַרבעט און געטאָן!

פאַרשטייסטו די אויסדרוקן:

בעלי־מלאכות (באַלמעלאָכעס) . . . קיין תקומה ניט געהאַט . . .

פטור (פּטער) געוואָרן . . . . פאָליטישע דורכפאַלן . . . .

דערקלער זייער באַדייט.

אַ פאַרגלייך צווישן מלכות ישראל און מלכות יהודה

(שטעל צו דאָס וואָרט ישראל אָדער יהודה דאָרט, וואו עס איז נויטיק)

ישראל	יהודה

דיביידע מלוכות, ישראל און יהודה, זיינען ניט געווען גלייך איינע צו די אַנדערע.

.... איז באַלד געווען דריי מאָל אַזוי די גרויס ווי ....

די אידן אין .... זיינען מערסטנס געווען ערד־אַרבעטער, באַל־מעלאָכעס און הענדלער.

די אידן פון .... זיינען מערסטנס געווען פאַסטוכער און האָבן געלעבט כמעט (קימאַט) אַזוי ווי די ערשטע אידן אין מדבר.

די אידן פון .... זיינען געווען מער אָפּגעזונדערט פון די פעלקער אַרום, זיי האָבן געלעבט אין די בערג.

די אידן פון .... האָבן געלעבט אין פרוכטבאַרע טאָלן, נאָענט פון די האַנדלס־וועגן, און אין שכנות (שכיינעס) מיט די פעניציער, דעם האַנדלס־פאָלק פון דער אַלטער וועלט.

ווי האָט זיך די אידן געלעבט אין מלכות ישראל?

(שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן יענע ענטפערס, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק)

דאָס לעבן אין מלכות ישראל איז געווען

– זייער רואיק און שטיל.

– פול מיט רעוואָלוציעס און אויפשטאַנדן.

– פול מיט גליק פאַרן פאָלק, ווייל עס איז פטור (פּאָטער) געוואָרן פון שלמהן און זיינע זין.

– פול מיט נויט און אָרימקייט.

– פול מיט נויט און אָרימקייט פאַר די פויערים און באַלמעלאָכעס.

– פול מיט פאַרגעניגן און גליק פאַר די רייכע הענדלער, גרויסע ערד-אייגנטימער און דעם קעניגס הארן.

די באַציאונגען צווישן ביידע מלוכות (מעלוכעס)

(שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן די ענטפערס וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק).

נאָך דער צעטיילונג פון דער מלוכה זיינען די באַציאונגען צווישן די אידן פון יהודה און די אידן פון ישראל געווען אַזעלכע:

– עס פלעגן פאָרקומען מלחמות צווישן די אידן פון ישראל און די אידן פון יהודה.

– די יידישע פאַסטוכער פון יהודה זיינען געווען צופרידן, וואָס זיי זיינען פטור (פּאָטער) געוואָרן פון די צען שבטים און די קעניגן פון יהודה האָבן אינגאַנצן צורוּ געלאָזט מלכות ישראל.

– נאָך לאַנגע און בלוטיקע מלחמות האָבן די אידן פון ישראל און יהודה אויף אַ קורצער צייט שלום געמאַכט און מער נישט געקעמפט.

24. די מאַכט פון פויסט

אין ישראל איז ניט געווען גוט. אומרוען, מלחמות, איבער־קערענישן. לאַנג האָט די הערשאַפט געשטיצט אויף גוואַלד ניט געקענט דויערן. אַלע ווײַלע פלעגט די אומצופרידנקייט פון איין קלאַס אין דער באַפעלקערונג אַרויספּלאַצן אין אַן אויפשטאַנד. די אַרמיי, וואָס איז אויפגעקומען ווי אַ געווער קעגן פרעמדן שונא ארם (אַראַם), איז געוואָרן דער כח אין לאַנד, וואָס האָט די מאַכט און די הערשאַפט צוגענומען פאַר זיך. יאָרן לאַנג האָט אין ישראל געהערשט די מאַכט פון פויסט...

דער מענטש פון מלחמה איז געוואָרן דער דעה־זאָגער (דייע־זאָגער) אין פאָלקס־לעבן. זיין מאַכט האָט ער געקענט אָנהאַלטן בלויז מיטן כח (קויאַך) פון שווערד. אַ בלוטיקע צייט איז אָנגעקו־מען אויף ישראל — מאַכט דערוואָרבן דורך בלוט־פאַרגיסונג, מאַכט געשטיצט אויף אונטערדריקונג.

ס'איז ניט געווען קיין רחמנות, קיין פאַרשטענדעניש און קיין מענטשלאַכקייט אין דעם אַלעמען. ווען איינער פלעגט אַרויסרייסן די מאַכט פון צווייטן פלעגט ער ניט בלויז דעם מלך אַליין דער־שלאָגן, נאָר אויך אַלע זיינע נאָענטסטע פריינד און אָנהענגער.

לאַנג האָבן די מלכים (מעלאָכים) ניט געקיניגט און זייער טויט איז געווען אַ מיאוסער, אַ וויסטער. קורצע יאָרן האָט יעדער איינער פון זיי געהאַט, אָבער מיט זייער אומגליקלאַכער הערשאַפט האָבן זיי פאַרשניטן אויך דאָס לעבן פון פאָלק.

דער מלך (מיילאַך) וואָס האָט געהערשט זיבן טעג

הערשן אין ישראל איז געוואָרן אַזוי אומזיכער, אַז איין מלחמה־מענטש, וואָס האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, האָט מער ווי זיבן טעג ניט געהערשט. זימרי איז דאָס געווזן, דער אָנפי־רער פון אַ העלפט רייטוועגענער, וואָס דער מלך האָט פאַרמאָגט.

זימרי האָט געמאַכט אַ בונט קעגן מלך, און ווען דער קעניג האָט זיך געוואַלגערט אַ שיכורער אין דעם הויז פון זיינעם

אַ פרײַנד, איז זימרי געקומען און אים דערשלאָגן. נאָכדעם האָט זימרי אומגעבראַכט אַלע קרובים פון קעניג און זיך אַליין דערקלערט פאַרן מלך פון ישראל.

די אידישע אַרמײ איז דעמאָלט געווען פאַרנומען אין קריג קעגן די פלשתים. ווען די נײַעס איז דערגאַנגען אין לאַגער, איז די אויפרעגונג געוואָרן גרויס. בײַ דער אַרמײ, וואָס האָט איצט מלחמה געהאַלטן אין דער פרעמד, איז עמרי (אָמרי) און ניט זימרי געווען דער ליבלינג. עמרי איז אויסגערופן געוואָרן פאַרן מלך.

אין געאײל האָט דער חיל (כאַײל) מאַרשירט קיין תרצה (טיר־צאָ), וואו דער רעבעל האָט זיך באַפעסטיקט. מיט געוואַלד האָבן זײ זיך אַרײַנגעריסן אין שטאָט. ווען זימרי האָט דאָס דערזען, איז ער אַרײַן אין מלכס פּאַלאַץ, האָט אונטערגעצונדן דאָס הויז און איז אין פלאַמען פײַער אומגעקומען.

ווידער איז אין פאָלק געוואָרן אַ צעטײלונג אויף צדדים (צדאָדים) און יעדער צד (צאַד) האָט געוואָלט עמיצן אַן אנדערן מאַכן פאַרן מלך, אָבער די זאַך איז אַנטשידן געוואָרן זײער פשוט: עמרי האָט דערהרגעט זײַן קעגנער און איז געוואָרן דער געזעצלאַכער הערשער אין לאַנד.

די נײַע בעפאַר

עמרי (אָמרי) האָט געקיניגט צוועלף יאָר, ער איז גראָד ניט געווען קײן שלעכטער מלך, אָבער אין די צוועלף יאָר האָט זיך גענומען באַווײַזן אַ נײַע געפאַר פאַר דער זיכערקייט פון פאָלק, אַ געפאַר, וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן נאָך גרעסער אַפילו, ווי די הערשאַפט פון די מלחמה־מענטשן.

מענטשן פון שווערד האָבן אויך אויף ווײַטער געהערשט אין לאַנד, אָבער ס'איז צוגעקומען די שאַרפערע צעטײלונג אויף קלאַסן אין ישראל און די באַדריקונג פון פאָלק דורך די גרויסע לאַנד־באַזיצער און די גרויסע הענדלער.

דאָס אומגליק וואָס האָט געשטאַמט פון פעניציע

דעם שטויס צו דעם אַלעמען האָט געגעבן די נעענטערע פאַרבינדונג מיט פעניציע. די פעניציער זײַנען געווען אַ פאָלק פון ים־

פאַרער, וואָס האָבן מיט אַלעמען געהאַנדלט און מיט אַלעמען געשפירט געשעפטן. פעניצישע שיפן זיינען אומגעפאָרן אויפן מיטלענדישן ים און פאַרבונדן לענדער און פעלקער; פעניצישע קאַראַוואַנען האָבן פאַרשפּרייט סחורות (סכוירעס) אין אַלע עקן וועלט.

ישראל האָט זיך געגייטיקט אין פעניציע, ווי אין אַ פריינד אַנטקעגן די הענדלער פון דמשק (דאַמעסעק). שוין פון לאַנג איז דער איינפלוס פון פעניציע געווען גרויס אויף ישראל, אָבער איצט איז ער באַזונדערס פאַרשטאַרקט געוואָרן, איבערהויפּט אונטער דער הערשאַפט פון עמריס זון, אחאָב (אַכאָוו). דאָס לאַנד איז געווען מער באַרואיקט, קאַראַוואַנען האָבן זיך געקענט ציען אָן געפאַר באַפאַלן צו ווערן. די מאַכט פון ישראל איז געווען גרויס אומעטום. אויסערלאַך, קען זיין, האָט זיך געקענט אויסדוכטן אַז גוטע צייטן זיינען אָנגעקומען פאַר ישראל.

דאָס דאָרפישע ישראל ווערט שטאָטיש

געשען איז אָט וואָס: דאָס דאָרפישע ישראל האָט גענומען ווערן מער שטאָטיש און במילא פאַרלאַנגען מער סחורה פון דער פרעמד. די הערשנדיקע קלאַסן האָבן זיך גענומען איינשאַפן לוקסוס-אַרטיקלען, צירונג, געוואַנטן, מעבל און אַנדערע סחורות (סכוירעס) ביי די פעניצישע הענדלער. אין ישראל איז דורך די מלחמות אויף פרעמדע פעלקער און דורך באַדריקונג פון דער פויערישער באַפעלקערונג אין לאַנד גופא, אויפגעקומען רייכקייט. געוויס, ניט קיין רייכקייט ביי די פאָלקס-מאַסן, אָבער אַ רייכקייט איז דאָס געווען, אַפילו ווען דאָס איז געלעגן אין די הענט פון די גרויסע ערד-באַזיצער און אין די הענט פון די גרויסע שטאָט-הענדלער.

די הענדלער און די ערד-באַזיצער האָבן געפירט זייערע געשעפטן סיי מיט פעניציע און סיי מיט דמשק, נאָר בעת (בעאייס) דמשק איז כּסדר געווען אַ שונא (סוינע), וואָס האָט מיטן שווערד געריסן זיך פאַרטיליקן ישראל, איז פעניציע אין קריג ניט געווען פאַרקאָכט. אויף אַן אינזל איז געשטאַנען די וויכטיקסטע פעניצישע שטאָט און איז במילא ניט געווען צוטריטלאַך פאַר קיין שונא. און צו וואָס האָט זיך פעניציע געדאַרפט באַרייכערן אויפן חשבון

פון די פעלקער אין סיריע? דער האַנדל מיט דער גרויסער וועלט האָט זי סיי ווי באַגליקט.

וואָס האָט אַמאָל געהייסן האַנדל?

האַנדל אין דער אַלטער צייט האָט געמיינט אַן ערך (עראַך) אַזוי: מען פאָרט־צו צום ברעג און מען זעט: זיינען די באַוואוי־נער שטאַרק באַפעסטיקט און גוט באַוואָפנט, האַנדלט מען מיט זיי, אַניט, מיינט האַנדל, אַ פשוטער אָנפאַל: מען באַרויבט די באַפעלקערונג פון איר רייכקייט און מען נעמט געפאַנגענע, וואָס אין פעניציע זעצט מען זיי געוויינלאַך אין די וואַרשטאַטן און מען צווינגט זיי אַרבעטן פאַרן וואויל פון זייערע נייע באַלעבאַטים.

די גרויסע ענדערונגען אין לעבן פון ישראל

פון פעניציע, ווייל דאָס לאַנד איז געווען אַזוי נאָענט, האָט אויך אין ישראל גענומען אַריינדרינגען האַנדל און דער „יושר" (יוישער) פון פאַרצייטיקן האַנדל. די אַנטוויקלונג פון די שטעט איז פאַרגיכערט געוואָרן און צוזאַמען דערמיט די באַדריקונג פון פאָלק.

די שטאַרקסטע שטאָט איז איצט געווען שומרון (שוימרוין), אַחאָב האָט זי געירשנט פון זיין פאָטער, עמרי, איצט איז זי גע־וואָרן די הויפּט־שטאָט פון לאַנד. פונקט ווי מיט דודס אויפריכטן די שטאָט ירושלים, האָבן נייע ווינטן גענומען בלאָזן אין יהודה, אַזוי האָבן גרויסע ענדערונגען גענומען פאָרקומען אויך אין ישראל מיטן אויפבוי פון שומרון. איןביידע פאַלן איז געווען אַ סך ענלאַכקייט: דודס זון האָט געהייראַט אַן עגיפּטישע פרינ־צעסין און עמרים זון, אַחאָב, האָט געהייראַט אַ פעניצישע פרינצעסין. די הייראַט האָט, סיי דאָ און סיי דאָרטן, באַדייט אַ בונד צווישן די ביידע מלוכות און אין ביידע פאַלן איז די אידישע מלוכה אַוועק אויף נייע וועגן. זי האָט גענומען ווערן אויס פויערים־מלוכה און מער פאַרטאָן אין האַנדל און אין דעם אויפ־בוי פון שטעט. אַ ביטערער קאַמף צווישן די קלאַסן האָט זיך אָנ־געהייבן, אַ שווערע פאָלקס־באַדריקונג, ליידן, נויט, אָרימקייט.

25. די נביאים - קעמפער פאַר אמת און גערעכטיקייט

דער וואָלקן פון אונטערגאַנג

אַמאָל, מיט פופציק, זעכציק יאָר פריער, איז די מלוכה צו־ליב אַ שווערער פאָלקס־באַדריקונג צעטיילט געוואָרן און איצטער האָט דער נייער וועג, אויף וועלכן דאָס לאַנד האָט זיך פאַרקירעוועט, געפירט צו עפּעס ערגערס: דער וואָלקן פון אונטערגאַנג האָט זיך פאַרצויגן איבער ישראל. פיל האָבן דעם וואָלקן ניט געזען. די איינציקע, וואָס האָבן די געפאַר יאָ באַגריפן, זיינען געווען די נביאים (נעוויאים), — די ערשטע קעמפער פאַר אמת און גערעכטיקייט אין ישראל, מענטשן פון מוט און פאַרשטאַנד.

די נביאים האָבן אויסגעשריען דעם פאָלקס־ווייטיק און זיינען געוואָרן זיין פלאַמענדיקע צונג קעגן באַדריקונג און נויט. צו־ערשט מוטיקע אַרויסטרעטער קעגן איינציקע גוואַלד־מעשים, וואָס האָבן אויפגערודערט דאָס פאָלק, זיינען די נביאים ביסלאַכווייז געוואָרן קעמפער קעגן אומרעכט און נויט בכלל (ביכלאַל), ווייל אומרעכט און גוואַלד זיינען געוואָרן דאָס טעגלאַכע ברויט אין די שטעט פון ישראל.

דער ערשטער פייערדיקער נביא איז געווען אליהו (עלי־יאָהו) און נאָך אים איז געקומען אלישע (עלישע), און מיט זיי ביידן זייערע איבערגעגעבענע אָנהענגער און תלמידים, די בני הנביאים (בניי־הנוויאים). ישראל האָט באַלד דערהערט זייער מעכטיקע שטים, אַ נייער כח (קויאַך) איז אויפגעקומען אין ישראל.

ווער זיינען געווען די נביאים און די בני הנביאים?

די בני הנביאים זיינען אין פאָלקס־לעבן שוין פון לאַנג געווען אַ באַשטענדיקע אָפּאָזיציע. דאָס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין געמיינשאַפטן, אויסגעמיטן שטעט און אַלעמאָל געווען די מוטיקע אַרויסרופער צום קאַמף.

ווען די אידן זיינען געלעגן אונטערן יאָך פון די פלשתים, זיינען עס געווען די בני הנביאים, וואָס האָבן גערופן, געוועקט, געמונטערט די פויערים אויפצוהייבן אַן אויפשטאַנד קעגן דעם שונא. די אידן אין די דערפער זיינען געלעגן געליימט, דערשראָקן אויף טויט, ניט געפילט מער אפילו די חרפה (כאַרפע) פון שווערן יאָך. די אומרואיקע, שטענדיק וואַנדערנדיקע חברות (כעוורעס) פון די בני הנביאים, האָבן געוועקט דעם חשק (כיישעק) צום ווידערשטאַנד און האָבן באמת דעם ווידערשטאַנד מיט דער צייט געבראַכט.

קעגן פרעמדן שטייגער

מיט דער אַנטשטייאונג פון די שטעט, מיט דער אַנטוויקלונג פון האַנדל איז אַ ניי אומגליק באַפאַלן דאָס לאַנד. שווערער און פיל ערגער ווי דאָס אומגליק מיט די פלשתים: רייך און אָרים, אומרעכט און כאַבאַר, פרעמדער שטייגער און אכזריות (אַכזאַריעס). ווער זאָל זיך שטעלן אַנטקעגן? די בני הנביאים זיינען געווען די ערשטע אויפצוהייבן דעם קול קעגן די השפעות (האַשפאָעס) פון דער פרעמד.

פון פעניציע האָבן געשטראָמט אַלע שלעכטע ווירקונגען: דער באַגער ביי די רייכע נאָך פאַרמעגן, דער גייסט פון הפקרות (העפקיירעס) און רשעות (רישעס), וואָס איז אַריינגעקומען אין לאַנד מיט דער עשירות פון פירן גרויסע מסחרים (מיסכאָרים). אויך אין קעניגלאַכן הויף האָט מען זיך פאַרקוקט אויף פעניציע, אויף מצרים, אויף אַנדערע מלוכות, וואו דאָס פאָלק איז געווען אונטערדריקט און די האַרן האָבן געלעבט אַ טאָג און געהאַט פון אַלדאָס גוטס.

דאָס קעניגטום איז מער ניט געווען קיין פאָלקס-קעניגטום, נאָר דער שטאַרקער אָרעם פונם קלאַס רייכע פויערים און הענדלער.

אַ לעבן פול מיט אומרו

ווייל די בני הנביאים זיינען געווען אומעטום, אויף די מערק פון שומרון, אויף די גאַסן פון דמשק, אין די דערפער פון יהודה, אין די שטעט פון ישראל, האָבן זיי מער, ווי ווער עס איז אַנדערש, געוואוסט פון אַלע פאַסירונגען, פון אַלע וועלט-געשעענישן.

וואו די בני הנביאים זיינען נאָר געקומען האָבן זיי געפונען אָנהענגער. פאַר געפאַרן האָבן זיי זיך ניט געשראָקן. די נביאים זיינען געווען געוואוינט צו אַ לעבן פול מיט אומרו, אַריבערטראָגן פאַרפאָלגונגען האָבן זיי געקענט גיכער ווי יעדע אַנדער גרופּע אין אידישן לעבן. דער מדבר איז געווען די היים פון אַלע פאַר־ביטערטע פון יעדן איינציקן, וואָס האָט געמוזט אַנטרינען פון אונ־טערדריקונג.

די רינגען וואָס זיינען ניט געוואָרן קיין קייט

די בני הנביאים זיינען געווען רינגען פון אַ וועלט־באַוועגונג, כאָטש פון די רינגען איז קיינמאָל, קען זיין, ניט געוואָרן קיין קייט. ניט נאָר אין ישראל, אָדער אין יהודה, האָבן די אונטערדריקטע מאַסן פּראָטעסטירט קעגן זייערע הערשער. אויך אין עגיפּטן, אין ארם, אין פעניציע האָבן זיך געפונען מוטיקע קעמפער, וואָס זיינען אַרויס אין פּראָטעסט קעגן קעניג און זיינע הארן. (דאָס גרוי־אַל־טע עגיפּטן האָט אפילו געוואוסט פון אַרבעטער־סטרייקס, ווייל די אַרבעטער האָבן ניט געקראָגן גענוג ברויט און ציבעלע...)

אין די רייזיקע שטעט, ביי די בוי־אַרבעטען, ביי די שיפן, וואו אַרבעטער האָבן שווער געהאָרעוועט אָנצולאָדן און אויסצו־לאָדן די שיפן, האָבן די געקריוודעטע אַרבעטער ניט אַלעמאָל גע־שוויגן... צווישן פאָלק פלעגן אויך אומגיין די הייליקע מענער... אַ סך פון זיי האָבן אַליין אפשר געשטאַמט פון געמיינעם פאָלק, אַנדערע זיינען געקומען פון מיוחסדיקע משפחות, אָבער אומרועז, מלחמות, האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין טאָל פון געוויין, צווישן די פּראָסטע לייט פון פאָלק און צווישן די קנעכט, וואָס אַרבעט און פּראַצע איז זייער ביטערע דאָליע.

די נביאישע פּראָטעסט־באַוועגונג איז געווען צעשפּרייט אין אַלע לענדער פון דער אַלטער וועלט, וואו נאָר באַדריקונג און רויב האָט גענומען ברענגען צו אומגלייכקייט און נויט. וואו די נביאים זיינען נאָר געקומען האָבן זיי געפונען ברידער אין שטרייט, זיי האָבן געזען, אַז אומעטום ליידט דער גערעכטיקער

און דער שוואַכער ווערט באַעוולט. צווישן די נביאים איז שפּעטער אויפגעקומען די אידייע פון מענטש־לאַכער גלײַכקײַט און מענטשלאַכער ברידער־לאַכקײַט.

דער גאָט פון די נביאים און דער גאָט פונם האַנדלס־קלאַס

ווי אין דער גאַנצער אַלטער וועלט, איז אויך בײַ אידן די פרייהייט־באַוועגונג געווען פאַרבונדן מיטן גלויבן. אַרויסרייסן זיך פון די פּענטעס פון גלויבן איז מענטשן אָנגעקומען זייער שווער. ערשט מיט עטלאַכע הונדערט יאָר צוריק האָבן מענטשן גענומען קוקן אויף זיך אַליין, ווי אויף די, וואָס מיט זייער כּח וועלן זיי קענען פאַר־וואַנדלען די וועלט פון ליידן אין אַ וועלט פון אַרבעט און פרייד.

דער מענטש האָט געדאַרפט אָנהייבן גלויבן אין זײַנע אייגענע כּחות, ער האָט געדאַרפט געניג פאַרשטיין די וועלט, אויסגעפינען גענוג מיטלען, ווי איינצושפּאַנען די האַרטנעקיקע נאַ־טור, ער זאָל האָבן מוט גענוג און פאַרשטענדעניש, אַז ער אַליין קען עפּעס אויפטאָן.

בײַ מענטשן האָט אויך געדאַרפט אויפקומען די פאַרשטענ־דעניש, ווי אַזוי זיך צו פאַרייניקן, ניט בלויז פאַר קאַמף און מלחמה, נאָר אויך פאַר פרידלאַכער אַרבעט, פאַר דעם אויפבוי פון אַ נייער געזעלשאַפט. עס האָט גענומען הונדערטער יאָרן, ביז די מאַסן פון פאָלק האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז זיי זענען אימ־שטאַנד פאַרייניקטערהייט וואונדער אויפצוטאָן.

ביז דעמאָלט האָבן מענטשן געגלויבט דערעיקרשט אין אַ וואונדערלאַכן באַפרייער, וואָס וועט זיי העלפן אין זייער נויט — אַ העלד, אַ דערלייזער פונם פאָלק; מער אָבער האָט דאָס פאָלק גע־גלויבט אין גאָט, וואָס ער וועט ניט לאָזן פאַלן זײַן פאָלק. דעם באַפרייער אַליין וועט גאָט שיקן!

שפּעטער, ווען די פאָלקס־מאַסן האָבן אָנגעהייבן זייער קאַמף קעגן באַדריקונג און די איינציקע אמתע פאָלקס־פירער, די נביאים, האָבן אויפגעהויבן דעם קול פון פּראָטעסט קעגן קעניג און זײַנע האַרן, קעגן דעם שטאָטישן הענדלער־קלאַס, וואָס האָט פאַר־

אָרימט און פאַריאָכט די פויערים-מאַסע, זיינען אויך די נביאים אַרויסגעטרעטן ווי די שליחים (שאָליכים) פון אַ העכערן ווילן.

ניט די פאָלקס-באַדריקונג, ניט דאָס אומרעכט און די גוואַלד-מעשים אַליין האָבן זיי אַרויסגעריסן פון רו און געטריבן צו אַ לעבן פון שטרייט און סכּנה (סאַקאָנע), — יהוה, גאָט, האָט זיי געשיקט, ער האָט זיי אויסדערווײלט און קעגן זיין ווילן קען זיך קיינער ניט אַנטקעגנשטעלן.

נאָר דער יהוה פון די נביאים איז געווען גאָר אַן אַנדערער ווי דער יהוה פון די רייכע הענדלער. יהוה איז ביים הענדלער-קלאַס געווען אַ גאָט, וואָס באַגליקט די, וואָס זיינען אים געטריי און ברענגען אים שיינע מתּנות (מאַטאָנעס); אָבער ביי די נביאים איז יהוה דערהייבן געוואָרן צו אַ גאָט פון גערעכטיקייט, אַ גאָט ניט נאָר פון די אידן, נאָר פון דער גאַנצער וועלט, אַ גאָט פון אמת, וואָס משפּט (מישפּעט) אַלעמען, אפילו זיין אייגן פאָלק, לויט ווי עס פאַרדינט.

פאַר דעם האַנדלס-קלאַס איז די נייע געשטאַלט פון יהוהן געווען אינגאַנצן פרעמד. אין ישראל איז יהוה אַלץ מער אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון בעל, דעם אַלט-כּנענישן און פעניצישן גאָט.

ווייל פעניצישער שטייגער האָט אַלץ מער אַרויסגעשטויסן דעם אַלט-אידישן פויערישן שטייגער, האָט אויך בעל, די פאַרקער-פערונג פון נייעם לעבנשטייגער, אַרויסגעשטויסן יהוה. אין ארץ ישראל האָבן זיך באַוויזן פעניצישע טעמפּלען... ביים פאָלק איז בכלל געווען אַ מישמאַש, אפילו די וואָס האָבן געדינט יהוהן האָבן אין אים געזען ניט מער ווי אַ אידישלאַכן בעל.

די נביאים הייבן דעריבער אָן אַ קאַמף פאַר יהוהן און קעגן בעל, ווייל זיי זיינען די ביטערסטע באַקעמפער פון נייעם שטיי-גער לעבן און פון דער שווערער באַדריקונג, וואָס דער נייער שטאָטישער לעבנשטייגער האָט אַריינגעבראַכט.

26. איזבל ברענגט אַריין דעם נייעם לעבנשטייגער אין ישראל

דער פּויער, זיין ווייַנגאָרטן און דער מלך (מייל̄אַך)

די מעשה, וואָס האָט אַלעמען אויפגעריסן די אויגן און אַרויס-געגרופן אַ מהומה (מעהומע) אין פֿאָלק, איז געווען די געשיכטע מיט אַ ווייַנגאָרטן, וואָס דער פּויער נבות (נאָוואויס) האָט פאַר-מאָגט.

נבותעס ווייַנגאָרטן איז געווען לעבן דעם קעניגס פּאַלאַץ, האָט זיך דעם קעניג שטאַרק פֿאַרגלוסט קריגן דעם פּויערס נחלה (נאַכלע) און מאַכן פֿון איר אַ גרינס-גאָרטן (אין דעם איז ניט גע-ווען קיין שום בייז). „איך וועל דיר געבן אָנשטאָט אים אַ בעסערן ווייַן-גאָרטן", האָט דער מלך געזאָגט נבותן, „אָניט וועל איך דיר באַצאָלן וויפֿל ער איז ווערט."

נאָר דער פּויער נבות האָט ליב געהאַט זיין ווייַן-גאָרטן, ער האָט אים געירשנט פֿון זיין פֿאָטער. „איך קען דיר ניט אָפּגעבן די נחלה (נאַכלע) פֿון מיינע עלטערן," האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט, און וואָס איז דאָ געווען פֿיל מער צו ריידן! די אַלטע צוגעבונדנקייט פֿון פּויער צו זיין שטיקל ערד האָט אין אים דערוואַכט. אויך דאָס איז געווען געוויינלאַך, קיינער האָט ניט געקענט אַוועקנעמען ביים פּויער זיין ערד, אַפֿילו ניט דער קעניג. נאָר אחאבן (אַכאָוון) האָט עס פֿונדעסטוועגן געקרענקט און ווייגעטאָן. ער איז געקומען אַהיים צעטראָגן און צעקלעמט, האָט זיך אַנידערגעלייגט אויפֿן בעט, אומ-געדרייט זיין פּנים און ניט גענומען קיין שפּייז.

האָט איזבל געטרעגט אחאָבן: „וואָס עסטו ניט, וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן?". „ווייל איך האָב גערעדט צו נבותן, דעם יזרעאלי", איז אַחאָב געווען פֿאַרביטערט, „און איך האָב צו אים געזאָגט: גיב מיר דיין ווייַן-גאָרטן פֿאַר געלט, אָדער אויב דו ווילסט, וועל איך דיר געבן אַן אַ דער ווייַן-גאָרטן אָנשטאָט אים. האָט נבות געענט-פֿערט: „איך וועל דיר ניט אָפּגעבן דעם ווייַ-גאָרט." פֿאַר אַ פּע-

ניצישער טאָכטער האָט דאָס אויסגעקוקט ווילד. איזבל איז געוואָרן בייז. „פירסט דו אַצינד די מלוכה איבער ישראל?" האָט זי שפּאָטיש געשמייכלט, און אין איר שמייכל איז געווען דער שפּאָט פון אַ פעניצישער פּרינצעסין אויפן מלך פון אַ פּויערים־לאַנד.

אין איר געבוירן־אָרט איז אַ קעניג געווען מער, ווי דאָס, וואָס אַ אידישער פּויער האָט געזען אין זיין מלך. זי איז געקומען פון פעניציע און דאָרט האָט דאָס פאָלק ניט געהאַט קיין רעכט אַנט־קעגנצושטעלן זיך זיין הערשער. אַנטקעגן פעניציע איז ישראל גע־ווען אַן אמת פרייע מלוכה.

„שטיי אויף, עס שפּייז און זאָל דיין האַרץ זיין פריילאַך, איך וועל דיר שוין געבן דעם וויין־גאָרטן פון נבות דעם יזרעאלי!" אחאָב האָט געשוויגן.

איזבל האָט געשריבן בריוו אין אחאָבס נאָמען, פאַרזיגלט מיט זיין זיגל, און די בריוו געשיקט צו די עלטסטע און די אַדל־לייט פון דער שטאָט, וואו נבות האָט געוואוינט. אין די בריוו האָט זי אַזוי געשריבן: רופט אויס א תענית (טאָנעס), און זעצט אַוועק נבותן אויבן־אָן פון פאָלק, זעצט אַוועק צוויי מענטשן, נידערטרעכ־טיקע יונגען, אַקעגן אים און זאָלן זיי עדות (איידעס) זאָגן: האָסט געלעסטערט גאָט און דעם מלך (מיילאך), נאָכדעם פירט אים אַרויס און פאַרשטיינערט אים, אַז ער זאָל שטאַרבן.

די שטאָט־עלטסטע און די אַדל־לייט האָבן געטאָן, ווי איזבל האָט זיי געשריבן. זיי האָבן אויסגערופן אַ תענית (טאָנעס) און אַוועקגעזעצט נבותן אויבן־אָן פון פאָלק. די צוויי מענטשן, די ני־דערטרעכטיקע יונגען, זיינען געקומען און האָבן זיך געזעצט אַנט־קעגן אים, און די נידערטרעכטיקע יונגען האָבן עדות געזאָגט אויף אים, אויף נבותן, פאַרן פאָלק: ער האָט געלעסטערט גאָט און דעם מלך (געזאָגט ווי מען האָט זיי געהייסן).

דעמאָלט האָט מען נבותן אַרויסגעפירט אויסערן שטאָט, און מען האָט אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער, ביז ער איז געשטאָרבן.

איזבלען האָבן די שטאָט־עלטסטע געשיקט אָנזאָגן: נבות איז פאַרשטיינערט געוואָרן און ער איז טויט. (די שטאָט־עלטסטע און די האַרן האָבן געוואוסט, ווער עס שטייט הינטער דעם אַלעמען, אויז זיי האָבן געוואוסט, וועמען די גוטע בשורה (בסורע) אָנצו־זאָגן.)

ווי איזבל האָט דערהערט, אַז נבות איז פאַרשטיינערט גע־וואָרן און אַז ער איז טויט, איז זי אַוועק צו אחאָבן: „שטיי אויף און ירשע (יאַרשע) דעם ווייַן־גאָרטן פון נבות דעם יזרעאלי", האָט זי אויסגערופן, „נבות לעבט ניט מער, ער איז טויט." אחאָב האָט געשוויגן, נאָר ער איז אויפגעשטאַנען אַראָפּצוגײדערן צו דעם וויין־גאָרטן פונם פויער נבות, כּדי אים צו ירשענען.

דער מלך און דער נביא (כּאָורי)

די געשעעניש האָט אויפגעטרייסלט ישראל. אַ שרעק איז באַפאַלן דאָס לאַנד. דאָס רעכט אויף דער ערד, וואָס דער פויער האָט געירשנט פון זיינע עלטערן, איז געווען דאָס הייליקסטע רעכט אין אַלטן ישראל; ווען אויך דאָס רעכט זאָל בטל (באָטל) ווערן, איז שוין מער קיין זיכערקייט ניט געבליבן פאַרן פויער. דער צאָרן פון פאָלק האָט געברענט, אָבער קיינער האָט ניט גע־וואַגט אויפצוהויבן דעם קול. נאָר פון צווישן די בני הנביאים איז געקומען ווידערשטאַנד און פּראָטעסט. צווישן די בני הנביאים איז שוין פון לאַנג געווען אַ פאַרביטערטקייט אַקעגן קעניג. ניט ווייניק זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן דורך איזבלס האַנט. דער איינציקער מענטש, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַרן קעניג און האָט אים איבערגעגעבן די אמתדיקע שטימונג אין לאַנד, איז גע־ווען אליהו.

אליהוס היים איז געווען תשבי אין גלעד (גילאָד), ביי די גרעניצן פון מדבר, און ער אַליין איז אויך געווען מער מדבר־מענטש ווי שטאָט־מענטש. די שטעט זיינען געווען פול מיט אומ־רעכט און פאַרראַט און ער האָט זיי פיינט געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן.

אפילו אליהו האָט זיך געמוזט אַ שטיק צייט אויפהאַלטן אין מדבר, ראַטעווען זיך פון איזבלס מערדער, וואָס האָבן פאַרשניטן די לעבנס פון די בני הנביאים אין די הונדערטער. אָבער די גע־שיכטע מיט נבותן און זיין וויין־גאָרטן, האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון דער באַהעלטעניש און ווען אחאָב איז געגאַנגען באַקוקן דעם שיינעם וויין־גאָרטן, וואָס איז איצט זיינער, איז אים אליהו אַנגע־קומען אַנטקעגן.

דער מלך איז פאַרציטערט געוואָרן. „האָסט מיך שוין אָנגע־קריגן, שונא מיינער", האָט זיך אַחאָב בייז אָפּגערופן. „ווייל דו האָסט זיך אָפּגעגעבן צו טאָן שלעכטס", האָט אליהו צוריקגעענטפערט. „אַזוי זאָגט יהוה, גאָט: זע, איך ברענג אַן אומגליק אויף דיר און איך וועל דיך אויסראַמען... דעם, וואָס שטאַרבט פון אַחאָבן אין שטאָט, וועלן די הינט אויפעסן און דעם, וואָס שטאַרבט אין פעלד וועלן די פייגלען פון הימל אויפעסן... אויף דעם אָרט, וואו די הינט האָבן געלעקט דאָס בלוט פון נבותן, וועלן די הינט לעקן אויך דיין בלוט".

דער מלך איז פאַרציטערט געוואָרן. ער האָט צעריסן זיינע קליידער, אָנגעטאָן זאַק־קליידער אויף זיין לייב, געפאַסט און לאַנג נאָכדעם אַרומגעגאַנגען שטיל און דערשלאָגן.

27. אָרים און רײַך זײַנען קײנמאָל ניט גלײַך

די אַלטע וועלט אַמאָל איז ווי אונ־זערע הײַנטיקע געווען אײַנגעטײלט אין קלאַסן. פּויערים פֿון דאָרף און בעלמעלאָכעס אין די שטעט, בײדע האָבן געליטן פֿון די האָרן, די גרויסע לאַנד־אײגנטימער, מענטשן וואָס האָבן פֿאַרמאָגט אַסך ערד, אַסך שאָף און רינדער. די הענדלער אין די שטעט האָבן בּיסלאַכווײז געהאַלטן אין אַרי־בערשטײגן מיט זײער רײַכקײט און אויסבּרענגעריש לעבן די דאָרפּישע גבֿירים (גווירים), וואָס פֿיל פֿון זײ האָבן גאָרניט גע־וואוסט, וואָס צו טאָן מיט זײער געלט. פֿאַראָרימטע פּויערים האָבן זיך געמוזט פֿאַרדינגען אויף אַרבעט צו די מער פֿאַרמעגלאַכע לאַנד־אײגנטימער, אָדער אַוועק אין די שטעט און ווערן טאָג־אַר־בעטער.

איז ווער אַוועק אין דער פֿרעמד, איז ער שוין דערמיט גע־וואָרן אַ גר (גער), דאָס מײנט מען אַ פֿרעמדער. ס׳מאַכט ניט וואָס ער איז געווען געבוירן אין ארץ ישׂראל, אַוועק פֿון דער הײם איז ער געוואָרן אַ גר. די דאָליע פֿון אַ גר איז ניט געווען קײן גליקלאַכע: ווער זאָל זיך פֿאַר אים אָננעמען? ער האָט ניט קײן באַשיצער, קײן קרובֿים (קרויבים), קײן פֿרײַנד, וואָס זאָלן קומען בײַם טויער פֿון שטאָט און זען, אַז זײַן קריוודע זאָל אויסגעהערט ווערן... (ניט אַלעמאָל זײַנען די ריכטער ערלאַך. וויפֿיל קענען בײַשטײן דעם קלאַנג פֿון זילבער און גיבן באמת גערעכט דעם, ווער עס איז גערעכט און ניט ווער עס האָט געגעבן כּאַבּאַר?)

קײן ברירה (ברײרע) האָט אָבער ניט דער פֿאַראָרימטער פּויער. עס איז נאָך גוט, וואָס ער איז פֿרײַ, וואָס ער האָט זיך ניט פֿאַרשולדיקט אַזוי ווײַט, אַז דער רײַכער הענדלער, בײַ וועמען ער האָט געליען תּבֿואה, האָט צוגענומען בלויז זײַן פֿעלד און ניט אים אַלײן אין שקלאַפֿערײַ... די רײַכע תּבֿואה־הענדלער זײַנען געווען זײער להוט (גערן) אָפּצונעמען שטיקער לאַנד פֿאַר אַ חובֿ.

די גבירים פון די שטעט, וואָס האָבן זייער פאַרמעגן געשאַפן דורך מסחר (מיסכער), דורך האַנדל, האָבן אָבער קיין דעה (דייע) ניט געהאַט אין דער פירונג פון דער מלוכה, אין די פאַראָנדקעס פון שטאָט, אויב זיי וואָלטן צו גלייכער צייט ניט פאַרמאָגט קיין לענדערייען.

א דעה (דייע) אין דער פירונג פון שטאָט און פון לאַנד האָט געקענט פאַרמאָגן בלויז דער, וואָס האָט פאַרמאָגט ערד. ערד איז געווען דאָס פאַרמעגן, וואָס האָט געגעבן רעכט. די מאַכט פון הענדלער־קלאַס איז געווען אָפּהענגיק אָן דער פאַראָרימונג פון די קליינע פויערים, וואָס האָבן אין צייט פון ניט־געדעטעניש, אין צייט פון מלחמה זיך שטאַרק פאַרשולדיקט און דעריבער געמוזט זייער ערד־פאַרמעגן פריער אָדער שפּעטער אינגאַנצן פאַרלירן.

כמעט ווי אויף הפקר זיינען אויך געווען די אלמנה און די יתומים. צוליב דעם טויט פון פאָטער פלעגט די באַלעבאַטישקייט אָפּטמאָל גיין צוגרונד און עס פלעגט קומען דער מלוה (מאַלווע) און אוועקנעמען דעם אָרימען האָב און גאָב...

דאָס לאַנד איז געווען פול מיט אומצופרידענע מיט ליידנדיקע, מיט געקריוודעטע. פיל האָבן שטומערהייט געטראָגן דילאַסט, געליטן און געשוויגן, א סך האָבן זיך געשטעלט קעגן, אָפּגערעכנט זיך פאַר בלוט און ליידן... די שטרייטנדיקע פלעגן אָפּט מוזן אַנטלויפן פון דער היים, אַנהייבן לעבן אויסער די גרעניצן פון לאַנד, וואו עס האָט ניט געגרייכט דאָס געזעץ (אָדער די געזעצלאָזיקייט), זיי האָבן געמוזט געפינען רו און זיכערקייט אין די וויסטענישן, אין די היילן.

ישראל איז שוין מער ניט געווען ווי פון איין שטיק אויסגעקנאָטן, ישראל איז, ווי אַלע פעלקער, שוין אין דער אַלטער צייט געווען צעטיילט אין קלאַסן און די קלאַסן האָבן ביטער געקעמפט צווישן זיך.

אין אומרואיקע צייטן פלעגט דער קאַמף פאַרענדיקן זיך מיט פאָלקס־אויפשטאַנדן, הריגות (האַריגעס). דער אויפשטאַנד פון אבשלומען (אַוושאָלוימען), אין דודס צייטן, איז געווען דער אויס־

דרוק פון אַ גרויסער אומצופרידנקייט. די שפּאַלטונג פון דער מלוכה איז געווען דער אויסגאַנג פון אַ גרויסער פאָלקס-באַדריקונג, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פאָלקס-אויפשטאַנד. אין שטילע־רע צייטן האָט זיך אין פאָלק שטענדיק ארומגעטראָגן אַ געמורמל.

פון די בני־הנביאים איז אַרויס דער גוואַלדיקער קעמפער פאַרן רעכט פון פאָלק, דער שטורמדיקער אליהו: ער האָט ניט גערוט און ניט פאַרשוויגן קיין עולה (אוולע). פון די קרייזן פון די נביאים זיינען שפּעטער אַרויס די וואונדערלאַכע דערציילער, וואָס האָבן פּראָפּאַגאַנדירט זייערע אידייען דורך שיינע געשיכטעס און מעשיות.

ווי פלעגט מען פאַרשפּרייטן נייע אידייען אין דער אַלטער צייט

פּראָפּאַגאַנדירן אָפן איז ניט אַלעמאָל און ניט אומעטום מעג־לאַך געווען.

די קעניגן און די האַרן ווייסן ווי אויסצוראָטן די אומצופרי־דענע, וואָס וואָגן אויפצוהייבן דעם קול קעגן אומרעכט. מעשיות גיבן איבער פאַרשטעלט און גרייכן אָפּטמאָל נאָך טיפער אין מענטשלאַכן האַרצן, ווי צאָרנדיקע רייד. אַלע מענטשן האָבן ליב מעשיות. מעשיות קענען אויך לייכט איבערדערציילט ווערן זייער שיינקייט איז אויך די בעסטע פאַרזיכערונג פאַר זייער פאַרשפּרייטונג.

אַ סך וואונדערלאַכע דערציילונגען זיינען אויפגעקומען אין די נביאישע קרייזן: די געשיכטע האָט אָפּגעשפּיגלט דעם נייעם קוק אויפן לעבן, וואָס די דערציילער האָבן ווילנדיק, און ס'רוב ניט ווילנדיק, אַריינגעהויכט אין דעם אַלטן האַב און גוטס פון פאָלק.

דאָס איז געווען אַ נייער מין „פּראָפּאַגאַנדע", וואָס האָט גע־שטראָמט אין פאָלק און געלערנט אַ נייעם קוק אויפן מענטשלאַכן לעבן, אויפן היינט און אויפן מאָרגן.

פריער זיינען נאָר די כּהנים אין די טעמפּלען געווען די, וואָס האָבן געוואוסט צו דערציילן דעם פאָלק געשיכטן, אָבער זיי

האָבן ניט געוועקט, נאָר פאַרשלעפערט יעדן אומרו, יעדן סימן פון אומצופרידנקייט און קאַמף.

אָט ווי די וועלט איז, אַזוי איז גוט און בעסער דאַרף גאָר ניט זיין. פון צווישן די בני־הנביאים איז אויסגעוואַקסן אַן אַנדער קוק אויפן אַמאָל און אויפן היינט. דער נייער קוק האָט געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין די געשיכטעס וועגן דער מענטשלאַכער אורצייט, אין די געשיכטעס וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט און פון די ערשטע מענטשן. די רייד פון די נביאים און די וואונדערלאַכע דערציילונגען האָבן געוועקט דעם אומרו אין פאָלק און געגעבן אויסדרוק זיין אומרואיק געמיט און זיין ליידן.

אָרים און רייך אין מלכות ישראל

(אַנשטאָט די שטריכן שטעל אַריין די פּאַסיקע ווערטער)

פּויערים	פאַראָרימט	רייך
בעלי־מלאכות	גוואַלד	פרויען
אַרבעט	רייכע לייט	הענדלער
שווינדל	אָרימע לייט	

אין די פּאַלאַצן האָבן די ——— .... געלעבט אין וואוילטאָג און פאַרגעניגן, געגעסן די טייערסטע מאכלים און געטרונקען די בעסטע ויינען.

די .... זיינען געגאַנגען אויסגעפּוצט און באַהאָנגען מיט די טייערסטע צירונג.

וואָס רייכער עס זיינען געוואָרן די ...., אַלץ אָרימער זיינען געוואָרן די ——— און ....

די .... זיינען ניט רייך געוואָרן דורך ערלאַכער מי און ....

אַ סך האָבן אָנגעקליבן זייער רייכקייט דורך .... און .... דורך אָפּנאַרן און באַשווינדלען די .... און ....

ווי אַזוי זײַנען די הענדלער און ישׂראל רײַך געוואָרן?

(שטעל אַוועק אַ + לעבן די ענטפֿערס, וואָס דו האַלטסט פֿאַר ריכטיק)

— אין יאָרן פֿון ניט־גערעטעניש און הונגער פֿלעגן די רײַכע הענדלער פֿאַרקויפֿן צו די אָרימע תּבֿואה (טוואוע) און ברויט צו זייער הויכע פּרײַזן. זיי פֿלעגן באַרײַסן דאָס פֿאָלק.

— די הענדלער פֿון ישׂראל פֿלעגן מיט שיפֿן אומפֿאָרן איבער דער וועלט און האַנדלען. דער פֿרעמדער האַנדל האָט זיי רײַך געמאַכט.

— די הענדלער פֿלעגן אָפּנאַרן די קויפֿער, באַנוצנדיק אַ פֿאַלשע וואָג און מאָס.

— די הענדלער פֿלעגן אַרבעטן זייער שווער זײַנען זיי רײַך געוואָרן.

— די רײַכע לײַט פֿלעגן אַנטלײַען צו אָרימע געלט צו אַ הויכן פּראָצענט. ווען די שולדיקע פֿלעגן אָבער ניט קענען צו דער צײַט באַצאָלן זייער חוב (כויוו), דעמאָלט פֿלעגן די רײַכע לײַט צונעמען ביים אָרימאַן זײַן גאַנצן פֿאַרמעגן: זײַן פֿעלד, זײַן הויז א. ד. גל. ס׳פֿלעגט אויך טרעפֿן, אַז זיי פֿלעגן דעם אָרימאַן מאַכן פֿאַר אַ קנעכט.

ווי האָבן זיך די ריכטער באַצויגן צו די אָרימע און ווי פֿלעגן זיך די ריכטער באַציען צו די רײַכע?

(לעבן די ענטפֿערס, וואָס דו האַלטסט פֿאַר ריכטיק, שטעל אַוועק אַ +, לעבן די ענטפֿערס, וואָס דו האַלטסט, אַז זיי זײַנען פֿאַלש, שטעל אַוועק אַ ס).

די ריכטער

— פֿלעגן משפּטן (מישפּעטן) דאָס פֿאָלק ערלאַך.

— פֿלעגן אַלעמאָל באַשיצן די רײַכע און אונטערדריקן די אָרימע.

— פֿלעגן נעמען שוחד (גרעפּט) פֿון די רײַכע.

— פֿלעגן זיך אײַנשטעלן פֿאַר די אונטערדריקטע, פֿאַרן יתום (יאָסעם) און פֿאַר דער אַלמנה (אַלמאָנע).

28. אַחאָבס טויט

דער קעניג אַחאָב איז געשטאָרבן אין קאַמף מיט די אַרמייען. פּאָליטיש האָט ער אָן ספק (סאָפעק) אויפגעבויט אַ שטאַרקע אי־דישע מלוכה, באַרייכערט דאָס לאַנד, אָבער דוקא די באַרייכערונג האָט פאַראָרימט] און דערשלאָגן די פויערים פון די דערפער און זיי געמאַכט אָפּהענגיק פון די שטעט.

נאָך אַחאָבס טויט האָט זיך פיל ניט געביטן, זיין יורש (יוי־רעש) איז געגאַנגען אין זיינע פוס־טריט, איזבל האָט נאָך געלעבט און האָט געהאַט די גאַנצע דעה (דייע) אין דער מלוכה־פירונג.

אַחאָב איז געשטאָרבן אַ העלדישן טויט, שטייענדיק אין זיין רייטוואָגן און אָנטיילנעמענדיק אין דער שלאַכט.

מען האָט אים געבראַכט אַ שווער־פאַרוואונדעטן און אַ באַ־גאָסענעם מיט בלוט קיין שומרון. ער איז אויסגעגאַנגען.

אין פאָלק האָט מען שפּעטער דערציילט, אַז ווען מען האָט דעם מלכס רייטוואָגן געשווענקט אין ירדן, זיינען הינט אָנגעלאָפן און געלעקט דאָס בלוט פון וואָגן. אין דעם האָט דאָס פאָלק געזען אַ צייכן, אַז אליהוס נבואה איז מקוים (מעקויעם) געוואָרן.

דער פויערים־זון אלישע (עלישע)

די פאַרפאָלגונגען פון די נביאים האָבן ניט דערגרייכט זייער ציל — אָפּצושרעקן דאָס פאָלק. די פויערים פון ישראל האָבן גוט געדענקט דעם טויט פון נבותן. דאָס איז געווען אַ געשעעניש, וואָס האָט אַלעמען אויפגעריסן די אויגן. די בני־הנביאים, מיט זייער מאָדנעם שטייגער לעבן, וואָס האָט פון אָנהייב אויסגעקוקט ווילד אין די אויגן פון די פויערים, האָבן וואָס אַמאָל אַלץ מער גענומען קריגן אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון פאָלק. זייער באַגייסטערונג, זייער איינשטעלן דאָס לעבן אין גע־פאַר, האָט אַרויסגערופן באַוואונדערונג און ליבע.

דער אַלטער אליהו איז שוין געווען טויט. די פויערים אין

די דערפֿער האָבן זיך אָבער גאָרניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז ער איז שוין טאַקע ניטאָ, געשטאָרבן ווי אַלע שטערבלאַכע. ניין! אליהו איז ניט געשטאָרבן, האָט מען זיך דערציילט, ער איז אין אַ פֿייערדיקן רייטוואָגן אַרויף אין הימל.

אמת, דער הימל איז אַ ביסל צו ווייט, אָבער אויב אליהו קומט ניט צווישן אָרימען פֿויערים־פֿאָלק און וואַרפֿט ניט אָן מיט זיין צאָרן קיין שרעק אויף די הערשער, וואָס באַדריקן דאָס פֿאָלק, איז אָבער פֿאַראַן אלישע, דער פֿויערים־זון, וואָס אויף אים רוט דער גייסט פֿון נביא. אליהו האָט אים פֿון אַקער אַוועקגענומען, און לאַנג נאָכדעם איז אים דער יונג נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן.

אין פֿאָלק האָט מען זיך וועגן דעם דערציילט אַזוי: אלישע איז געגאַנגען ביי איינעם פֿון די צוועלף געשפּאַן אָקסן, ערשט אליהו איז אָנגעקומען און אַרויפֿגעוואָרפֿן זיין האָריקן מאַנטל אויף אים. דער יונג האָט גענומען און געקוילעט די אָקסן, געמאַכט אַ פֿייער און פֿאַרברענט דעם יאָך מיטן געשפּאַן.

די אַרבעטער אין פֿעלד האָבן געגעסן פֿון פֿלייש, געזעגנט זיך מיט אלישען, וואָרום דער יונג איז אויף אַלעמאָל אַוועק פֿון דער היים, פֿונם רואיקן לעבן; אים זיינען איצט באַשערט געווען שווערע טעג, טעג פֿון אומרו און שטרייט. אלישע איז געוואָרן איינער פֿון די, וואָס האָבן געוואַגט רעבעלירן, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן.

נאָך אליהוס טויט איז אלישע געוואָרן דער פֿירער פֿון די בני הנביאים. ער איז געווען אַ סך אַנדערש פֿון זיין רבין. אליהו איז געווען אַ באַגייסטערטער נביא. ער האָט געגלויבט, אַז מען קען נאָך מיט ר ײ ד באַוועגן די הערשער, זיי זאָלן ווערן בע־סער צום פֿאָלק; אליהו האָט נאָך געהאָפֿט, אַז מען קען דעם קע־ניג און די עלטסטע פֿון פֿאָלק איבערצייגן און באַווירקן, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן פֿון זייערע שלעכטע וועגן, איבעררייסן דעם בונד מיט פֿעניציע און אויסמיידן די אַלע צרות און שלעכטי־קייטן, וואָס דער בונד האָט מיט זיך געבראַכט; א ל י ש ע ה אָ ט ש ו י ן מ ע ר נ י ט ג ע ג ל ו י ב ט, אַ ז ד אָ ס ק ע נ י ג ל אַ כ ע ה ו י ז ע מ ר י (אָ מ ר י) ק ע ן פֿ אַ ר ב ע ס ע ר ט ו ו ע ר ן. נ י ט

שטראָף־רייד, נאָר אַן איבערקערעניש, אַ רעוואָלוציע איז איצט נייטיק.

די מלחמות פון ישראל און דמשק (דאַמעסעק)

ישראל האָט געליטן פון כסדרדיקע (קעסיידערדיקע) מלחמות. די יאָרן־לאַנגע מלחמות האָבן פאַראָרימט דאָס לאַנד. אין דעם קאַמף פון ארם מיט ישראל איז ארם געווען דער שטאַרקערער צד (צאַד). דמשק (דאַמעסעק) האָט פאַרמאָגט מער רייטוועגענער און מער מענטשן. די אידן האָט ניט געגליקט.

פעניציע און ישראל האָבן געשלאָסן אַ בונד, אָבער די פעני־ציער זיינען געווען אַ הענדלער־פאָלק, אויפן שלאַכט־פעלד איז פעניציע גאָר קיין כח ניט געווען. וואָס אומרואיקער עס איז גע־וואָרן אין ישראל, אַלץ גרעסערע שטיקער לאַנד האָט דמשק (דאַ־מעסעק) אָפּגעריסן; די אינווייניקסטע קריגערייען האָבן געשטאַרקט דעם דרויסנדיקן שונא.

באַזונדערס שלעכט איז געווען אין די אידישע שטעט און דערפער, וואָס זיינען געלעגן אויף די קאַראַוואַנען־וועגן צווישן דמשק און שומרון (שוימרוין). שומרון אַליין האָט זיך נאָך גע־קענט ווערן (אַ שטאָט אויף אַ באַרג, גוט באַפעסטיקט), די שטעט אויף די קאַראַוואַנען־וועגן זיינען גאָר געווען הפקר (העפקער).

ישראל איז געווען פול מיט אומרו. דאָס פאַראָרימטע דאָרף איז געווען פאַרביטערט קעגן שטאָט. פויערים קעגן די עלטסטע און האַרן, ס'פאָלק קעגן קעניג, — אַ וויסטער געראַנגל, וואָס האָט געפירט צו איינס — רעוואָלט.

29. אַ פּאַרלוירענע מלחמה און אַ... רעוואָלוציע

די שלעכטע לאַגע אין דער היים, די אומצופרי־דנקייט צווישן פאָלק, האָבן געטריבן דעם קעניג פון ישראל צו פאַרפירן אַ מלחמה אין דער פרעמד.

דורך דער מלחמה מיט ארם (אַראַם) האָט ער אָפּנים גע־גלויבט צו פאַרגעבן די אומצופרידנקייט צווישן די פויערים און אויך באַרייכערן דאָס לאַנד מיט נייעם האָב און גוטס. אין די ערשטע צוזאַמענשטויסן מיטן שונא, איז די אידן געלונגען אָפּצו־נעמען די שטאָט רמת גלעד, באמת אַ אידישע שטאָט, כאָטש זי איז יאָרן־לאַנג געווען אונטער אַראַמייאישער הערשאַפט. פאַרנו־מען אין קריג מיט אשור, איז ארם (אַראַם) געווען אַביסל אָפּגע־שוואַכט.

דער שונא האָט אָבער ניט געוואָלט שלום מאַכן מיטן אי־דישן נצחון (ניצאָכן) און ער איז צוריק באַפאַלן רמת גלעד. דער אידישער חייל האָט שטאַרק געליטן. אָפּנעמען די שטאָט צוריק איז די אַראַמייער ניט געלונגען, אָבער אין דער פאַרטיידיקונג זיי־נען פיל אידן געפאַלן און דער קעניג פון ישראל איז פאַרוואונדעט געוואָרן פון שונאס פיילן.

דער קעניג האָט פאַרלאָזן די שטאָט און איז זיך אַוועק היילן אין זיין זומער־היים יזרעאל. די אָנפירונג איבער דער אַר־מיי האָט ער איבערגעלאָזט איינעם פון זיינע מלחמה־עלטסטע — יהוא.

די אומרוען אין לאַנד, די מפּלה (מאַפּאָלע) פון אידישן חיל (כאַיעל), האָבן אַריינגעבראַכט אַ צעטומלונג אומעטום... ארם (אַראַם) האָט זיך פאַר דער צייט געשטאַרקט... קיין צוטרוי צו עמרים (אָמ־ריס) הויז האָט קיינער שוין מער ניט געהאַט. די בני הנביאים (בניי־האַנאַוויאים) האָבן איצט געקראָגן די געלעגנהייט צו דערלאַנגען דעם לעצטן קלאַפּ, וואָס זאָל

מאַכן אַ סוף צו דער הערשאַפט פון בית עמרי (בייס אָמרי), איין מאָל פאַר אַלעמאָל פטור ווערן פון די פעניציִשע הענדלער און פון פעניציִשן איינפלוס אין ישראל.

אלישע איז געווען אַ פּראַקטישער פּאָליטיקער, פאַר אים איז ניט געווען קיין סוד, אַז קיינער קען ניט איבערנעמען די מאַכט, אויב ער האָט ניט הינטער זיך די אַרמיי. יעדער פאָלקס־אויפשטאַנד וועט אַנדערש דערשטיקט ווערן אין בלוט.

געווינען די אַרמיי איז איצט ניט געווען שווער, די דורכפאַלן אין מלחמה האָבן אין דער אַרמיי אַריינגעבראַכט אומצופרידנקייט. אויך די קריגער אין פעלד האָבן פאַרשטאַנען, אַז ישראלס מלחמה קעגן ארם מיינט אונטערגאַנג, אומזיסטע בלוטפאַרגיסונג אָן קיין שום האָפנונג אויף דערפאָלג, אויף זיג.

אלישען האָט זיך איינגעגעבן אַריינציִען אין זיין פאַרשווערונג די אַרמיי און איר הויפט־אָנפירער יהוא. עס האָבן זיך פאַראייניקט: א) די בני הנביאים, וואָס האָבן שוין פון יאָרןלאַנג געשטורעמט קעגן די אומגערעכטיקייטן אין די שטעט, קעגן דער אונטערדריקונג פון פאַראָרימטן פויער, ב) די פויערים פון לאַנד אין די דערפער און ג) די פויערים, וואָס זיינען געווען אויפן שלאַכטפעלד, שיסערס אין חיל. די פאַרשווערונג איז געווען גוט צוגעגרייט... די שעה פונם הויז עמרי (אָמרי) האָט געשלאָגן!

די פאַרשווערונג ווערט דורכגעפירט

איין מאָל פאַרנאַכט זיינען די מלחמה־פירער געזעסן אין לאַגער און געשמועסט. פלוצלונג איז אָנגעקומען איינער פון די בני הנביאים און האָט זיך אָפּגערופן צו יהואן: „איך האָב דיר עפּעס וואָס צו זאָגן.‟ ווען זיי זיינען ביידע אַריין אין געצעלט, האָט דער שליח (שאָליאַך) אַרויסגענומען אַ קריגל אייל און האָט יהואן געזאַלבט פאַרן מלך פון ישראל. דער פרעמדער איז גלייך פאַרשוואונדן.

יהוא איז אַרויס פון געצעלט און די אַנדערע מלחמה־פירער האָבן גלייך באַמערקט, אַז דאָ איז עפּעס געשען אויסערגעוויינלאַכס. זיי האָבן זיך גענומען נאָכפרעגן, צי האָט ער ניט געקראָגן

קיין שלעכטע בשורה (בסורע), אָן אומגליק האָט געטראָפֿן, צי וואָס? „ניין", האָט יהוא געענטפֿערט, „דעם חייל איז קיין שלעכטס ניט געשען". ווען זיי זיינען אַלע שטאַרק צוגעשטאַנען, האָט ער זיי אַלץ דיפּלאָמאַטיש געענטפֿערט: „איר קענט דעם מאַן און זיין בשורה (בסורע)". זיי האָבן אים אָבער ניט אָפּגעלאָזט, דעמאָלט האָט זיך יהוא מודה (מוידע) געווען, אַז דער פּרעמדער האָט אים געזאַלבט פֿאַרן מלך פֿון ישראל.

ווי די מלחמה־פֿירער האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אויף גיך אַראָפּגעוואָרפֿן איטלאַכער זיין אייבער־בגד (בעגעד) און אונ־טערגעלייגט אונטער יהואן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער איי־בערשטער טרעפּ, און זיי האָבן געבלאָזן אין אַ שופר (שויפער) און אויסגערופֿן: „יהוא איז דער מלך!"

דאָס אַלצדינג איז אָפּגעלאָפֿן זייער שנעל. יהוא אַליין האָט זיך די גאַנצע צייט געמאַכט תמעוואַטע (טאַמעוואַטע); ער האָט געהאַנדלט פֿאָרזיכטיק, וויסנדיק, וואָס עס דערוואַרט איינעם, וואָס איז מורד (מוירעד) אין קעניג. נאָר ווען ער האָט דערזען דעם אויפֿרודער און די פֿולע גרייטקייט פֿון די אַנדערע אַרמיי־פֿירער אים צו אָנערקענען פֿאַרן מלך פֿון ישראל, האָט ער זיך אָפּגערופֿן צו זיי: „אויב דאָס איז אייער ווילן, טאָ זאָל קיינער ניט אַרויסגיין פֿון לאַגער און אָנזאָגן אין יזרעאל, וואָס דאָ איז געשען!"

יהוא אַליין האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ רייטוואָגן און איז אַוועקגעריטן מיט אַ מחנה (מאַכנע) קריגער קיין יזרעאל, וווּ דער קעניג איז געלעגן קראַנק פֿון זיינע וואונדן.

די בלוטיקע נקמה (נעקאָמע)

אויפֿן שפּיץ טורעם אין יזרעאל, פֿון וואַנען מען האָט גע־קענט זען די גאַנצע געגנט אַרום, איז געשטאַנען דער שטאָט־וועכ־טער. פֿלוצלונג האָט ער פֿון גאָר ווייט באַמערקט אַ מחנה (מאַכ־נע) מענטשן יאָגנדיק זיך אויף זייערע פֿערד. האָט ער צוזויסן גע־געבן דעם קעניג, וואָרום די גאַנצע זאַך איז אים געווען זייער קשה (קאָשע).

דער קעניג האָט באַפֿוילן גלייך אַרויסשיקן אַ שליח (שאָלי־אַך) אויף אַ פֿערד. איז אַ שליח אַרויסגעשיקט געוואָרן און ווי ער האָט באַגעגנט יהואן אין זיין רייטוואָגן, האָט ער גלייך אויסגע־

שריַען: „דער מלך האָט געזאָגט: איז פריד?" יהוא האָט שפּאָטיש געענטפערט: „וואָס קערסטו זיך אָן מיט פריד? דריי זיך אום און רייט הינטער מיר!"...

דער וועכטער אויפן טורעם האָט עס אַלץ געזען און ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט צווויסן געגעבן דעם קעניג: „דער שליח (שאַליאַך) איז אָנגעקומען ביז זיי, אָבער ער קערט זיך ניט אום צוריק."

דער קעניג האָט באַפוילן אַרויסשיקן אַ צווייטן שליח, אָבער אויך ער האָט זיך ניט אומגעקערט. דער וועכטער האָט אין גרויס אויפרעגונג צווויסן געגעבן דעם מלך: „דער אַנדערער רייטער איז אויך אָנגעקומען ביז צו זיי, אָבער ער קערט זיך ניט אום צוריק. דאָס טרייבן איז אָבער ווי דאָס טרייבן פון יהואן, וואָרום ער יאָגט זיך משוגענערווייז."

די גאַנצע זאַך האָט יהורמען אויסגעקוקט זייער פאַרדעכטיק ער האָט געמיינט, ווער ווייס, צי איז ניט דער שונא באַפאַלן נאָך אַמאָל רמת גלעד, און צי איז ניט קיין אומגליק געשען מיטן חיל. מיטן מלך פון ישראל איז אויך געווען דער מלך פון יהודה, וואָס איז אים געקומען צוגאַסט, האָבן זיי באַפוילן אויף גיך איינצושפּאַנען די רייטוועגענער.

אין שרעק האָבן זיך ביידע מלכים אָנגעהייבן יאָגן אין דער ריכטונג פון דער אָנקומענדיקער מחנה (מאַכנע).

ביי דעם אַמאָליקן וויין־גאָרטן פון נבותן האָבן זיך די רייטוועגענער באַגעגנט. „איז אַלץ בשלום, יהוא?" האָט דער מלך אויסגערופן צו זיין אַרמיי־פירער. אָבער יהוא האָט אים גראָב אָפּגעענטפערט: „וואָס פאַר אַ שלום קען זיין ביי די שלעכטיקייטן פון דיין מוטער איזבלען און אירע פיל כשופן (קישעפן)?"

אין איין רגע האָט דער מלך פאַרשטאַנען, אַז ניט מיט קיין גוטע כונות (קאַוואָנעס) איז יהוא אָנגעקומען אַהער און ער האָט אומגעקערט זיין רייטוואָגן אויף צוריק. „פאַרראַט!" האָט ער אויסגעשריען צום דעם מלך פון יהודה און ביידע האָבן גענומען טרייבן די רייטוועגענער אויף צוריק; נאָר יהוא האָט אָנגעצויגן מיט זיין האַנט דעם בויגן און האָט געטראָפן יהורמען צווישן זיינע אָרימס. די פייל איז אַרויסגעגאַנגען דורכן האַרצן און דער מלך פון ישראל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין זייז רייטוואָגן, פאַרוואונדעט אויף טויט.

ווען אחזיהו, דער מלך פון יהודה האָט דערזען, וואָס דאָ קומט פאָר, איז ער אַנטלאָפן דורכן גאָרטן־הויז, אָבער יהוא האָט אים נאָכגעיאָגט. „שלאָגט אים אויך!" האָט יהוא געשריען צו זײַנע מענטשן. און זיי האָבן דעם מלך געשלאָגן אויף זיין אייגענעם רייטוואָגן. אַ שווער־פאַרוואונדערטער האָט ער זיך קוים אַרויסגעריסן פון זייערע הענט. אויפן וועג איז ער געשטאָרבן. זיינע קנעכט האָבן אים געבראַכט צו פירן קיין ירושלים און האָבן אים באַגראָבן אין זיין קבר (קייווער) לעבן זיינע עלטערן.

די פאַרשווערונג האָט זיך איינגעגעבן. יהוא האָט איצט רואיק געריטן קיין יזרעאל, ער איז געפאָרן ירשענען אַ ירושה. זיין האַנט האָט געשלאָגן מיטן צאָרן פון פאָלק...

אויסגעשניטן מיטן וואָרצל

איזבל (איזעוועל), די אַלטע מוטער פונם קעניג, האָט געהערט פונם בראָך, זי איז אָבער ביי זיך ניט געווען געפאַלן. זי האָט זיך אויסגעפוצט אין אירע שענסטע קליידער, אַרויפגעטאָן פאַרב אויף אירע אויגן, פאַרפוצט איר קאָפּ און אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער.

ווי יהוא איז אַריינגעקומען אויף זיין רייטוואָגן דורכן טויער פון שטאָט, זיינע הענט פאַרבלוטיקט פונם שטרייט, האָט זיך איזבל אַריבערגעבויגן איבערן פענסטער און שפּאָטיש אויסגעשריען: „וואָס מאַכט „זימרי", דער מערדער פון זיין האַר?"

יהוא האָט אויפגעהויבן זיין פּנים צום פענסטער און האָט מיט רציחה (רעציכע) אַרויסגעברומט: „ווער איז מיט מיר, ווער?" פון הויז האָבן אַרויסגעקוקט צוויי צעשראָקענע הויף־דינער. „שלייַדערט זי אַראָפּ!" האָט זיך יהוא פונאַנדערגעשריען. די דינער האָבן זי אַראָפּגעשליידערט, די אַלטע קעניגין האָט גלייך אויסגעהויכט דעם אָטעם. פון איר בלוט האָט אַרויפגעשפּריצט אויף דער וואַנט און אויף די פערד. יהוא איז זי מיט כּעס אַריבערגעפאָרן מיט זיין רייטוואָגן.

נאָכדעם איז ער אַריין אין פּאַלאַץ און ער האָט געגעסן און געטרונקען, וואָרום ער איז געווען שטאַרק הונגעריק...

אינמיטן עסן האָט זיך יהוא עפּעס דערמאָנט, און ער האָט זיך אָפּגערופן צו זיינע דינער: „באַשטאָט, איך בעט אייַך, די דאָ־

זיקע פאַרשאָלטענע און באַגראָבט זי, וואָרום אַ מלכס אַ טאָכטער איז זי..." זיינען זיי אַוועק זי באַגראָבן, אָבער זיי האָבן מער פון איר ניט געפונען, ווי בלויז דעם שאַרבן און די פיס און רעשטן פון די הענט. זיינען זיי געקומען און דערציילט יהואן; האָט יהוא געזאָגט: „אַזוי איז געווען דאָס וואָרט פון אליהון: — — „אין דעם שטיק לאַנד פון יזרעאל וועלן די הינט עסן דאָס פלייש פון איזבל (איזעוועל)... און איר טויט לייב וועט זיך וואַלגערן, ווי מיסט אויפן פרייען פעלד"... די נבואה איז מקוים (מעקויעם) געוואָרן..."

אידן ברענגען טריבוט



אידן ברענגען טריבוט צום אַסירישן קעניג ער זאָל זיי צורו לאָזן און ניט אומברענגען זייער לאַנד. דאָס בילד איז געווען אויפגעמאָלן אויף אַן אַסירישן דענקמאָל.

30. די גרויזאַמקייט פון אַמאַל

דער קעניג איז געווען טויט, דעם קעניגס מוטער אויך, יהוא האָט געהאַט איין זיינע הענט די זומער-היים פון קעניג. די הויפּט-שטאָט פון לאַנד ש ו מ ר ו ן איז נאָך אָבער אַלץ געווען אין די הענט פון די שטאָט-עלטסטע און די רייכע הענדלער. אין שומרון זיינען אויך געווען דעם קעניגס „זיבעציק" זין. יהורמס טויט האָט נאָך ניט באַטייט, אַז יהוא איז מלך.

יהוא האָט אויך איצטער געהאַנדלט אי כיטרע, אי מיט בלוטיקע הענט, ער האָט געשלאָגן עמריס הויז מיט זייער אייגן געווער.

יהוא האָט געשיקט אַ בריוו צו די האַרן און צו די עלטסטע פון שטאָט און צו די, וואָס זיינען געווען דערציער ביי אחאָבן, און ער האָט אין בריוו אַזוי געשריבן: „...ביי אייך זיינען די זין פון אייער האַר און ביי אייך זיינען דאָ רייטוועגענער און פעסטונג-שטעט און וואָפן... פאַרוואָס זאָלט איר ניט נעמען דעם בעסטן און דעם גלייכסטן פון אייער האַרס זון און אַרויפזעצן אויף זיין פאָטערס טראָן און האַלטן מלחמה פאַר אייער האַרס הויז?..."

ווען די עלטסטע און די האַרן האָבן געלייענט דעם בריוו האָבן זיי שטאַרק מורא געהאַט און געציטערט און זיי האָבן גע-רעדט צווישן זיך: „צוויי קעניגן זיינען ניט באַשטאַנען פאַר אים, ווי וועלן מיר באַשטיין?"

אַלע זיינען זיי געווען: דער עלטסטער איבער דעם קעניג-לאַכן פּאַלאַץ, די עלטסטע פון שטאָט און די דערציער פונם קע-ניגס זין. זייער בריוו האָט זיך אַזוי געלייענט: „דיינע קנעכט זיינען מיר און אַלץ, וואָס דו וועסט אונז זאָגן, וועלן מיר טאָן. מיר וועלן קיינעם ניט מאַכן פאַר אַ מלך... וואָס איז גוט אין דיינע אויגן, טו..."

האָט יהוא אַוועקגעשיקט אַ צווייטן בריוו: „אויב איר זייט

מיט מיר און איר ווילט צוהערן מיין קול, נעמט אַראָפּ די קעפּ פון אייער האַרס זין און קומט צו מיר מאָרגן, אַרום דער צייט, קיין יזרעאל".

די זין פון קעניג, זיבעציק אין צאָל, זיינען געווען ביי די גרויסע לייט פון דער שטאָט, וואָס האָבן זיי אויפגעצויגן. ווען דער בריוו איז אָנגעקומען, האָבן זיי גענומען די זין פון קעניג און זיי געשאָכטן און זיי האָבן אריינגעטאָן זייערע קעפּ אין קערב און אַוועקגעשיקט צו יהואן, קיין יזרעאל.

אַ שליח איז געקומען צו יהואן און אים אָנגעזאָגט: "מען האָט געבראַכט די קעפּ פון דעם מלכס זין." האָט ער געענטפערט: "מאַכט זיי אין צוויי הויפנס ביים אריינגאַנג פון טויער, ביז אין דער פרי".

ווען עס איז געוואָרן טאָג, איז יהוא אַרויסגעגאַנגען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים טויער פון שטאָט און געזאָגט צום גאַנצן פאָלק, וואָס האָט זיך אויפגעקליבן און מיט שרעק און גרויל גע־קוקט אויף די בלוטיקע קעפּ:

"איר זייט אומשולדיק. איך האָב געמאַכט אַ בונט קעגן מיין האַר און האָב אים דערהרגעט... אָבער ווער האָט דערשלאָגן אַלע די דאָזיקע? זייט וויסן, אַז די קללה (קלאָלע) אויף אחאָבס הויז וועט ניט פאַרמינערט ווערן..."

נאָכדעם האָט ער זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין רייטוואָגן און איז אַוועק קיין שומרון.

אויפן וועג האָט יהוא אָנגעטראָפן י ה ו נ ד ב ן (יעהוינאָדאָוון), דעם זון פון רכב. ער איז געווען דער פירער פון אַ סעקטע נזירים, אָפּגעזונדערטע פון די שטעט, וואָס האָבן ניט געטרונקען קיין וויין, ניט געאַקערט די ערד, ווייל ערד־אַרבעט און שטאָט־קולטור האָבן זיי באַטראַכט ווי אַן אומגליק, וואָס ברענגט עלנט און נויט די מענטשן.

יהוא האָט אים פריינדלאַך געגריסט און האָט זיך צו אים אָפּגערופן: "איז דיין האַרץ אַזוי אויפריכטיק, אַזוי ווי מיין האַרץ איז צו דיין האַרצן?" האָט יהונדב (יעהוינאָדאָוו) געזאָגט: "יאָ!" האָט יהוא געענטפערט: "אויב יאָ, גיב מיר דיין האַנט", און ער האָט אים אַרויפגענומען אויפן רייטוואָגן און ער האָט צו אים גע־רעדט: "קום מיט מיר און זע, ווי איך נעם זיך אָן פון יהוהס וועגן." און זיי זיינען ביידע געפאָרן אינעם רייטוואָגן.

דער סוף פון בעל (באַאַל)

שומרון איז געווען אַ נעסט פון בעל. דאָ זיינען געשטאַנען די פּרעכטיקע טעמפּלען מיט די וואונדערלאַכע שניצערייען. טאָג ווי נאַכט איז געווען פריילאַך אין די טעמפּלען, וויין האָט זיך געגאָסן איבער די ברעגן און געשמאַק פליש האָט זיך גע־רויכערט אין פייער. טאַנץ און געזאַנג און האַרפן־שפּיל... די הענדלער פון פעניציע האָבן אַריינגעבראַכט אין ישראל פעניצישן גוסט און נייעם שטייגער. די טעמפּלען זיינען געווען ניט בלויז געבעט־הייזער פאַרן גאָט בעל, נאָר אויך איינפאָר־הייזער, פאַר־ווײלונג־פּלעצער און אַפילו ב אַ נ ק ע ן.

אין בעל־טעמפּל האָט דער הענדלער געשלאָסן אַ מסחר (מיסכער), אין טעמפּל האָט ער לוסטיק פאַרבראַכט זיינע טעג. יעדער בעל־טעמפּל איז געווען אַ שטיק קליינע פעניציע אַרויס־געריסן פון דער ערד און פאַרטראָגן אין דער פרעמד.

די „קליינע פעניציע" אין ישראל איז שטאַרק געפעלן גע־וואָרן די אידישע הענדלער, מיט וועמען די פעניציער האָבן געהאַט צו טאָן. אויך די אידישע הענדלער האָבן גענומען הנאה (האַנאָע) האָבן פון לעבן אויפן פעניצישן שטייגער. דער בעל־טעמפּל איז אינגיכן געוואָרן אַ טעמפּל פאַרן אידישן סוחר (סויכער), ווי ער איז געווען פאַר דעם פעניציער.

יהוא האָט זיך פאַרלייגט אויסצוראָטן דעם איינפלוס פון פע־ניציע. אָן דעם איז די גאַנצע איבערקערעניש געווען אומזיסט. אויך אין דעם פאַל האָט ער באַנוצט אי פאַלשקייט, אי אַכזריות (אַכזאָריעס).

יהוא איז אָנגעקומען קיין שומרון. ער האָט גלייך געלאָזט צונויפרופן דאָס גאַנצע פאָלק און ער האָט צו זיי אַזוי גערעדט: „אחאָב (אַכאָוו) האָט געדינט דעם בעל צאָביסל, איך וועל אים די־נען פיל. רופט צו מיר אַלע נביאים פון בעל, אַלע זיינע דינער און אַלע זיינע כהנים (קויהאַנים), קיינער זאָל ניט פעלן, וואָרום איך וועל ברענגען אַ גרויסן קרבן צום בעל. געדענקט, קיינער זאָל ניט פעלן... ווער עס וועט פעלן, יענער וועט ניט בלייבן לעבן."

זיינען געקומען אַלע דינער פון בעל, און עס איז ניט גע־ווען קיין מענטש, וואָס איז ניט געקומען. זיי זענען אַלע אַריינ־

געקומען אין הויז פון בעל. דער בעל-טעמפל איז געוואָרן אָנגע-פּילט פון עק ביז עק.

אין דרויסן האָט אָבער יהוא אַוועקגעשטעלט אַכציק מאַן, אָנגעגורט מיט שווערדן. אַליין איז ער אַריין אינווייניק און גע-בראַכט אַ גרויסן בראַנד-אָפּפער פאַרן בעל. אָבער אַזוי שנעל, ווי ער האָט געענדיקט, אַזוי האָבן זיך די הויפּט-לייט און די לויפערס אַריינגעריסן אינווייניק און גענומען שלאָגן יונג און אַלט, קיין איין לעבעדיקער נפש (נעפעש) האָט זיך ניט געראַטעוועט.

נאָכדעם זיינען זיי אַלע אַוועק צו דער שטאָט פון בעלס הויז, האָבן אַרויסגענומען די זייל-שטיינער פון בעלס הויז און זיי פאַרברענט; די גאַנצע געביידע איז איינגעפאַלן. פון בעלס טעמפל איז געבליבן אַ קופּע שטיינער.

די גילדערנע קעלבער

יהוא האָט אומגעבראַכט דעם טעמפל פון בעל, אָבער די גילדערנע קעלבער, אין די צוויי שטעט דן (דאָן) און בית-אל (בייס אייל), האָט ער ניט געטשעפּעט, וואָרום דאָס פאָלק איז געווען צו זיי געוואוינט און האָט אין זיי קיין שום שלעכטס ניט געזען. זיי זיינען געווען די הייליקטימער פונם פויערים-פאָלק. די קעלבער זיינען געווען אַן אויסדרוק פון זייער דאַנק-באַרקייט צו די רינדער.

דער פעניצישער בעל איז געווען באַליבט נאָר ביים רייכן הענדלער, ביי די האַרן, דעם פּשוטן מענטשן זיינען זיי געווען פרעמד, די קעלבער זיינען אָבער געווען יעדן פויער צום האַרצן און ער האָט אין זיי קיין שום בייז ניט געזען; אים איז גאָר ניט איינגע-פאַלן, אַז יהוה קען וואָס ניט איז האָבן קעגן זיי; בלויז די שטרענ-גע רכבים און אַזעלכע מענטשן ווי זיי, זיינען אויך די קעלבער אויסגעקומען קרום. זיי האָבן אין די קעלבער, ווי בכלל אין דעם לעבן פון דאָרף און שטאָט, געזען אונטערגאַנג און פאַרדאַרבונג; די קעלבער, צו וועלכע די פויערים האָבן געדינט, האָבן פאַר זיי באַטייט דאָס גאַנצע לעבן פון שקלאַפעריי, פון צוגעבונדנקייט צו ערד, צום באַלעבאָס פון ערד, — חרפה (כאַרפע) און מיאוסקייט. ניט אַזוי האָט דער פויער געקוקט אויף דעם. ישראל איז נאָך אַלעמען געווען אַ פויערים-לאַנד.

31. די נייע מערכה (מאַראַכע)

די בלוטיקע איבערקערעניש איז ניט געווען אַנדערש פון אַזעלכע איבערקערענישן פריער און שפּעטער: בלוט, הריגות (האַריגעס), מאָרד און פאַרראַט. ישראל איז שפּעטער דערטרונקען געוואָרן אין אייגענעם בלוט. יהוא האָט פאַרמאָגט אַלע חסרונות (כעסרוינעס) פון אַ מלחמה־מאַן. ער איז געווען אכזריותדיק (אַכזאָריעסדיק), כיטרע און אָן רחמים. אָן די אַלע שלעכטע מדות איז, קען זיין, קיין רעוואָלוציע ניט מעגלאַך געווען דורכצופירן; (עס איז נייטיק אַ האַק צו מאַכן אַ האַק). יהוא האָט אונטערגע־האַקט דעם בוים ביז צום וואָרצל.

דער בלוטיקער אויפזעער איבער די רייטוועגענער, וואָס האָט אַלע מערדערייען געלערנט פון די אַרמייער און געמאַכט די אי־בערקערעניש אויפן בעסטן שטייגער, ווי מען האָט זיי געמאַכט אין דמשק, יהוא, האָט געהאַט זיינע כריינד און פאַרבינדעטע; ער האָט ניט געשלאָגן אומזיסט, ער איז ניט געווען אַליין.

ווען עס איז רואיקער געוואָרן אין לאַנד, האָבן די אָנהענגער פון די נביאים גענומען טאָן די אַרבעט פון בויען, וואָרום דער בלוטיקער יהוא האָט בלויז אָפּגעראַמט דעם מיסט, וואָס האָט באַ־דאַרפט אָפּגעראַמט ווערן. עס האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן אַ נייע דאָליע פאַרן פויער און אַ נייע דאָליע פאַרן אָרימען קנעכט. פוי־ערים און קנעכט האָבן די איבערקערעניש געמאַכט. עס האָט זיך געמוזט אָנהייבן אַ נייע מערכה (מאַראַכע).

עס בלייבט ביים אַלטן — דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע

דאָס געזונט־מאַכן פון דעם אידישן לעבן האָט אפילו רעכט ניט געקענט אָנגעהויבן ווערן. ישראל איז גלייך נאָך דער רעוואָלוציע פאַרוויקלט גע־וואָרן אין ביטערע מלחמות מיט אַרם (אַראַם); שטיקער אידיש לאַנד האָט דער שונא אָפּגעריסן. דער פויערים־קלאַס, וואָס האָט די רעוואָלוציע געמאַכט, איז אין די מלחמות געוואָרן פאַראָרימט. אידן האָבן געמוזט שיקן אַ גרויסן טריבוט צו פרעמדע פעלקער

און פון דעם גוטן אָנהייב איז גאָרניט געבליבן. נייע אומגליקן זיינען דאָס לאַנד באַפאַלן, פון וועלכע ישראל האָט זיך גאָרניט געקענט אַרויסראַטעווען.

בכלל האָט די פויערישע רעוואָלוציע ווייניק קלאָרקייט פאַרמאָגט. איר פירער איז געווען אַ בלוטיקער מענטש, אַ מלחמה־מענטש; די גייסטיקע פריידיקער, די נביאים, האָבן אויסגעדריקט דעם צאָרן און דעם פּראָטעסט פון דער פויערישער מאַסע, אָבער וואָס צו טאָן, דערויף האָבן זיי קיין קלאָרן ענטפער ניט געהאַט.

עס האָט געהייסן: צוריק צום אַלטן פויערשן שטייגער, די שטעט זיינען אַן אומגליק, אַ פויערים־פאָלק זאָל ישראל זיין, אַ סוף צו דער באַדריקונג און דעם רויב, אַ גערעכטע מלוכה־אָרדנונג!

האַלטן זיך ביים גוטן אַלטן סדר איז געווען דער טרוים פון פויערים־קלאַס; אָבער דאָס לעבן האָט ניט געקענט איינגעצאַמט ווערן אין אַלטן גוטן שטייגער. ישראל איז ניט געווען אַליין. ישראל האָט געמוזט געשטויסן ווערן צום זעלבן נייעם שטייגער, וואָס איז אויפגעקומען אומעטום: שטעט, מלאכה (מעלאָכע), האַנדל, קלאַסן־איינטיילונג און, במילא, באַדריקונג, רויב, געוואַלט.

קיין שטאַרק פאַרייניקטן כח האָט די פויערים־מאַסע ניט פאַרגעשטעלט: יעדער פויער האָט געוואוינט אין זיין דאָרף, ביי זיין שטיקל ערד; דאָס לאַנד איז געווען צעשניטן: בערג, טאָלן, שלעכטע וועגן. מער פאַרייניקט איז שוין געווען די גבירישע (גווירישע) באַפעלקערונג פון די שטעט. אין שטאָט האָט מען זיך גיכער אויפגעטראָפן, גיכער צונויפגערעדט. דער האַנדל־קלאַס איז געווען מער באַוועגלאַך, האָט געהאַט בעסערע פאַרבינדונגען.

די נייע מלחמות, וואָס האָבן רואינירט די פויערים, האָבן פיל ווייניקער אָנגערירט דעם הענדלער־קלאַס און די גרויסע ערד־באַזיצער. כאָטש די לאַסט פון טריבוט איז אויף זיי געפאַלן שווער, האָבן זיי דערמיט אַליין אָבער געקראָגן גרויס אָנזען אין דער מלוכה. מען האָט זיך אין זיי גענייטיקט.

אין ישראל איז דעריבער ווידער אַמאָל פאַרבליבן ביים אַלטן, אַפילו אויב דער איינפלוס פון פעניציע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און דעם בעל האָט מען פאַריאָגט. יהוה (יאַהאַווע) האָט ביסלאַכווייז באַקומען די געשטאַלט פון בעל. ישראל איז אַלץ געגאַנגען ווייטער אויפן וועג פון שטאָט־אַנטוויקלונג, קלאַסן־צע־טיילונג און קאַמף צווישן קלאַסן.

32. אַשור, דער רויב־פויגל פון דער אַל־טער וועלט, שפּרייט־אויס זיינע פליגל

אין דער גרויסער וועלט זיינען פאָרגעקומען גוואַלדיקע ענ־דערונגען. עגיפּטן איז געווען געשלאָגן, אַלט־בבל איז געווען צע־שמעטערט, די הערשער ביי דעם צווייטייכן־לאַנד זיינען איצט געווען די אַסירער. אַ ש ו ר, אָדער אַסיריע, האָט, ווי אַ רויב־פויגל, צעשפּרייט ז יי נ ע פליגלען און חרוב (כאָרעוו) געמאַכט ניט איין נעסט.

ווי אַ פאָלק וואָס איז געקומען פון די בערג, זיינען די אַסירער געווען גוטע יעגער; זייער געראַנגל מיט די ווילדע חיות (כאַיעס) האָט זיי פאַרהאַרטעוועט און צוגעוואוינט צו קריג. ווען זיי זיינען פון יעגער געוואָרן אַ פאָלק פון שטאָט־מענטשן, האָבן זיי אָנגעהויבן אַ געיעג אויף די פעלקער פון דער אַלטער וועלט, און פאַרפירט מלחמות אָן אַן עק און אָן אַ ברעג.

די אַסירער זיינען געווען גרויזאַמע מלחמה־מענטשן; אין קריג האָבן זיי ניט געהאַט קיין רחמנות און קיין שום איינזע־ניש מיטן שונא; די געפאַנגענע פלעגט מען קעפּן, די פּרוכט־ביי־מער פון די באַזיגטע דערפער און שטעט פלעגן די אַסירער אויס־שניידן, די פרידלאַכע באַפעלקערונג פאַרטרייבן פון זייער אייגן לאַנד און פאַרשיקן ערגעץ אין דער פרעמד.

ביטער איז געווען דער גורל פון די פאַרטריבענע. אין דער פרעמד האָבן די אַסירער די געפאַנגענע געשטעלט צו צוואַנג־אַר־בעט, בויען פּאַלאַצן, וועגן, שטעט.

אין דער גאַנצער אַלטער וועלט איז אַסיריע געווען פאַר־האַסט, אָבער פאַר אַסיריע האָט מען זיך געשראָקן. שטענדיק איז דאָס פאָלק געווען מיט עמיצן אין קריג. עס איז גאָר קיין שלום אין לאַנד ניט געווען.

די אַסירישע אדל־לייט האָבן פון די מלחמות ניט געליטן. די אַסירישע פאָלקס־מאַסן — זיי זיינען דורך די

מלחמות פאַראָרימט און פאַראומגליקלאַכט געוואָרן. דער הער־שער־קלאַס איז געווען כסדר (קעסיידער) פאַרטאָן אין קריג און האָט זיך אַלץ מער באַרייכערט.

די ערשטע באַגעגעניש מיט אשור

די ערשטע באַגעגעניש צווישן ישראל און אשור איז פאַר־געקומען נאָך אין די צייטן פונם קעניג אַחאָב. דאָס איז געשען אינם יאָר 854 פ. ק., ווען אשור האָט זיך גענומען רייסן קיין מערב (מײַרעוו). ישראל און דמשק (דאַמעסעק) זיינען דעמאָלט געווען פאַרטאָן אין זייערע אייגענע מלחמות, וואָס האָבן קיינמאָל ניט אויפגעהערט.

מיט פינף און צוואַנציק יאָר פריער איז דמשק (דאַמעסעק) באַפאַלן ישראל און האָט געזיגט, עמרי (אָמרי) האָט געמוזט אין שומרון אָפּגעבן גאַסן פאַר די אַרמייאישע הענדלער, ישראל האָט זיך בכלל (ביכלאַל) געפילט אונטערטעניק צו ארם.

דאָס מזל האָט זיך אָבער געביטן אונטער עמריס זון, אַחאָב. ישראל האָט געהאַט געשלאָסן אַ בונד מיט פעניציע. אויך יהודה איז צוגעשטאַנען צום בונד. די מאַכט פון ישראל איז דורכדעם גוואַלדיק אויסגעוואַקסן און איצט האָט דמשק געליטן אַ מפּלה (מאַפּאָלע) און איז געווען אונטערטעניק ישראל. אידישע הענדלער האָבן איצט געהאַט די זעלבע פּריווילעגיעס אין דמשק, וואָס פריער האָבן די הענדלער פון דמשק פאַרמאָגט אין שומרון.

באַלד האָבן זיך אָבער גענומען דערטראָגן קלאַנגען, אַז דער גרויסער מלך פון מזרח (מיזראַך) קלייבט זיך אויף אַ מאַרש קעגן די פעלקער פון סיריע און פון ברעג ים.

דער וויסטער כח פון אשור האָט שוין דעמאָלט געקלונגען איבער דער וועלט. די פעלקער פון סיריע און פון ברעג ים זיינען פאַרציטערט געוואָרן. מען האָט פאַרגעסן אַלטע פיינטשאַפטן און קריגערייען. די פריערדיקע שונאים זיינען געוואָרן גוטע פריינד און געשלאָסן אַ בונד צווישן זיך. ארם און ישראל האָבן זיך פאַראייניקט מיט ניין אַנדערע קליינע פעלקערלאַך. אין יאָר 854

פ. ק. איז פֿאָרגעקומען די גרויסע
שלאַכט צווישן אַשור און די
פֿאַראייניקטע פֿעלקער פֿון סיריע.

קיינער געווינט ניט

ווער עס האָט געוואונען די שלאַכט ווייס מען ניט. דער קעניג פֿון אשור האָט זיך שפּעטער גערימט, אַז ע ר איז געווען דער געווינער. אויף דעם קען מען זיך אָבער ווייניק וואָס פֿאַרלאָזן. אשורישע קעניגן האָבן קיינמאָל ניט צוגעגעבן קיין מפּלות (מאַפּאָלעס). גיכער ווי אַלץ האָט זיך די שלאַכט געענדיקט אָן קיין אמתער אַנטשיידונג, אָדער די פֿאַרלוסטן אין דער אשורישער אַרמיי זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז דער שונא האָט זיך געשראָקן אַריינצודרינגען ווייטער אין לאַנד.

אַן אַסירישער כּהן (קויהען)

פֿונדעסטוועגן האָבן זיך די אַסיריער אומגעקערט אין די יאָרן 849 און 846 פ. ק. ווידער אַמאָל האָט ישראל אין בונד מיט די אַנדערע קליינע פֿעלקער פֿאַרצאַמט אשור דעם וועג. ס׳איז אָבער געווען אומזיסט. דאָס אַמאָליקע יעגער־פֿאָלק האָט זיך איצט געריסן צום ים און ס׳איז געווען ניט פֿאַר די קליינע פֿעלקער פֿון כּנען (קנאַאַן) צו באַזיגן דאָס ווילדסטע פֿאָלק פֿון די בערג.

33. וואָס זאָל ישראל ווײַטער טאָן?

אחאָבס פּאָליטיק, זײַן בונד מיט ארם און די אַנדערע קלײנע פעלקער, כּדי צו קענען אָפּשלאָגן דעם פרעמדן שונא, איז געווען אַ נײַעס אין ישראל. דער צוריקטריט פון אַשור איז אָבער געווען אַ צײַטווײַליקער. קײנער האָט ניט געגלויבט, אַז אַשור האָט זיך באמת דערשראָקן פאַרן ווידערשטאַנד אין סיריע. פונדעסטוועגן איז דער בונד צווישן די פעלקער פונאַנדערגעפאַלן. פאַר ישראל איז אויפגעקומען די שווערע פּראָבלעם: וואָס טוט מען, ווען אַשור קערט זיך אום צוריק? קען זי בכלל עפּעס טאָן אויסצומײַדן אַ נײַעם אָנפאַל? ישראל האָט זיך געקענט פאַרײניקן מיט איר שונא דמשק (און דמשק איז ניט געווען עפּעס אַנדערש ווי אַ שונא), אָדער אפשר זאָל זיך ישראל בעסער פאַרײניקן מיט אַשור קעגן דמשק?

אין פאָלק איז ניט געווען קײן אחדות. דער קעניג און זײַן משפחה (מישפּאָכע) האָט ליבערשט געוואָלט אַ בונד מיט דמשק קעגן אַשור. די אַרמײ איז געווען שטאַרק פאַרביטערט קעגן דמשק (דאַמעסעק) און ליבערשט געוואָלט אַ בונד מיט אַשור קעגן ארם (דמשק)...

געוואונען האָט די אַרמײ. ניט בײַ אחאָבס לעבן, נאָר אין דער רעגירונג־צײַט פון זײַן זון. דאָס פאָלק איז געווען פאַרבי־טערט קעגן קעניג, די פויערים זײַנען שוין לאַנג געווען קעגן די נײַע פּירונגען און קעגן דעם פעניצישן שטײגער, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין לאַנד. די אַרמײ איז צוגעשטאַנען צו די אומצו־פרידענע. יהוא, דער קריגס־מאַן, האָט די איבערקערעניש געמאַכט, און יהוא איז געווען דער ערשטער מלך פון ישראל, וואָס האָט זיך צו אַשור אונטערגעגעבן און געשיקט אַשור צינז.

זײַן האַנדלונג האָט אים אָפּגעפרעמדט פון פעניציע און אויך פון יהודה. אַ ווײַלע האָט ארם קעגן ישראל פיל ניט געקענט טאָן, זי איז געווען פאַרנומען אין ביטערע מלחמות קעגן אַשור און אַשור האָט געזיגט. אין לאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן רעפאָרמען, דאָס

פאָלק האָט זיך געריכט אויף אַ נייער מערכה (מאַראָכע), די רע־בעלן איז אָבער ניט באַשערט געווען ווייט אוועק מיט זייער פּרואוו געזונט צו מאַכן דאָס אידישע לעבן. אַ ר ע וו אָ ל ו צ י ע אין אשור האָט געצוואונגען די אַסיריער אָפּ־צושטעלן זייער אָנפאַל אויף ארם (דמשק). קוים האָט זיך דמשק באַפרייט פון פרעמדן יאָך, אַזוי האָט זי ווידער גענומען באַפאַלן ישראל, נקמה (נעקאָמע) נעמען פאַר זיין פריערדיקן בונד מיט אשור.

דער אויפשטאַנד און נאָכדעם דער בירגער־קריג האָבן ישראל קיין געזונט ניט צוגעגעבן. שוין ביים סוף פון יהואס הערשאַפט און דער עיקר שפּעטער, אין דער צייט פון זיין זונס ממשלה (מעמשאָלע), האָבן די אַרמייער פאַרכאַפּט גאַנץ ישראל, בלויז שומרון, די הויפּט־שטאָט, און אַ שטיקל לאַנד דערביי איז געבליבן זעלבסטשטענדיק.

די אַרמייער האָבן גענומען פיל אידישע געפאַנגענע, אויס־געהרגעט זייער פיל אידישע קריגער און אַרויפגעלייגט אַ שווערן טריבוט אויפן פאָלק.

מיט פופציק יאָר פריער האָט ישראל געשיקט אין קאַמף מיט די אשורים צען טויזנט פוס־גייער און צוויי טויזנט רייטוועגענער, בעת (בעאיים) דמשק האָט געשיקט צוואַנציק טויזנט פוס־גייער און בלויז צוועלף הונדערט רייטוועגענער; איצט זיינען פון דער גאַנצער ישראלישער אַרמיי געבליבן צען טויזנט פוס־גייער, פינף הונדערט רייטער און בלויז צען רייטוועגענער. אַזוי האָט דמשק נקמה (נעקאָמע) גענומען פון ישראל אין משך פון די פופציק יאָר, וואָס אשור איז געווען פאַרנומען אין כסדרדיקע מלחמות מיט בבל (באָוועל), מעדיע און אַרמעניע, און האָט אָן ברעג ים אינגאַנצן פאַרגעסן.

ווען די פופציק יאָר זיינען אַריבער, האָט זיך אשור צוריק אומגעקערט אין סיריע. דאָס מאָל זיינען די פעלקער ניט געווען גרייט אַפילו צו באַגעגענען דעם שונא. דמשק איז געווען פאַרטאָן אין מלחמות מיט אירע שכנים און ישראל איז געווען אָפּגעשוואַכט פון די אָנפאַלן, וואָס ארם האָט אויף איר געמאַכט.

די אַסיריער האָבן כמעט גאָר קיין ווידערשטאַנד ניט באַ־

געגנט. ישראל איז צוליב זיין אַמאָליקער פריינטשאַפט מיט אשור אָפּגעקומען מיט אַ לייכטער שטראָף, אַנדערש איז געווען מיט ארם, דמשק איז שווער באַשטראָפט געוואָרן. דער מלחמה־טריבוט אויף ארם איז געווען אַזאַ גרויסער, אַז עס איז קיינמאָל מער ניט געקומען צו זיך.

לאַנג האָט זיך אָבער אַשור אויך דאָס מאָל אין סיריע ניט פאַרהאַלטן. שוועריקייטן אין דער היים זיינען ווידער אויפגעקומען. און אויף אַ שטיקל צייט האָט זיך אַשור ווייטער צוריקגעצויגן. דמשק איז איצט געווען געבראָכן און ישראל איז געוואָרן מעכטיק. דאָס איז געווען די צייט פון דעם מלך ירבעם דעם צווייטן, אַן אוראייניקל פון דעם רעבעל יהוא. פופציק יאָר האָט ער געהערשט אין ישראל.

גליק און אומגליק פאַר איין מאָל

אַ גרויסע ענדערונג קומט פאָר אין דער וועלט־פּאָליטיק און מיט דעם בייט זיך אויך די לאַגע אין ישראל. נאָך דעם יאָרהונדערט פון שווערע מלחמות מיט די אַראַמייער, ווען ישראל ווערט געשטויסן צום ראַנד פון אָפּגרונט, קומט אַ נייע ווענדונג: דאָס ווייטע אַשור וואַרפט זיך אויף ארם און באַפרייט ישראל פון זיין שרעקלאַכן שונא. אַלע שטעט און דערפער, וואָס ארם האָט פאַרכאַפּט, קריגט ישראל צוריק. עס הייבט זיך אָן אַ גליקלאַכע צייט, עס שיינט אויף די זון פון לעצטן האַרבסט.

די באַפרייאונג פון ארם איז בעת מעשה (בעאייס מייסע) געווען אַ דערלייזונג, אָבער באמת איז די ישועה (יעשוע) גיכער געווען אַ בייזער צייכן פון אַן אומגליקלאַכער צוקונפט, וואָרום ארם, וואָס האָט געהאַלטן ביסלאַכווייז אין אונטערגיין, איז געווען אַ דאַמבע, זי האָט אָפּגעצאַמט ישראל פון דעם גוואַלדיקן שטראָם — אַשור.

איז די דאַמבע געפאַלן, האָט זיך דער פאַרניכטנדיקער שטראָם אויך אַריינגעריסן און פאַרטרונקען ישראל...

קיינער האָט דעם אומגליק אָבער ניט געזען, ניט געטראַכט פון אים. רואיק און צופרידן האָבן זיך די רייכע לייט געלעבט

אין שומרון און ירושלים, געווען פאַרבלענדט און פאַרשיכּורט פון לייכטן זיג.

שלום און גליק און רו, אָבער רו און שטילקייט פאַר אַ שטורעם.

די באַדריקונג ווערט שווערער

אין פאָלקס־לעבן האָט זיך גאָרניט געביטן. עס האָט זיך אומגעקערט די אַלטע באַדריקונג, — זי איז איצט נאָך שווערער געוואָרן. ישראל איז איצט געווען אַ האַנדלס־פאָלק, ווי דמשק (דאַמעסעק), און דעם טעם (טאַם) פון פאַרצייטיקער שטאָט־קולטור האָט שוין ישראל פריער פאַרזוכט: פויערים פאַרלירן די ערד, בעלי חובות (באַלכויוועס) ווערן פאַרמשפט צו קנעכטשאַפט, ס'קומט־אויף באַדריקונג, פאַלשער משפט, אַלצדינג ווערט קאָרופּט, די גוטע מידות (מידעס) פון דאָרפישן שטייגער גייען אונטער... אין דעם ווירוואַר פון שטאָט איז אַלצדינג רעכט, ווייל אַלצדינג איז הפקר (העפקער).

די „גוטע" צייט איז מיט גאָרניט ניט גוט געווען פאַרן פויער און באַלמעלאָכע. דער קאַמף צווישן די קלאַסן איז ווידער געוואָרן שאַרפער. ניט דער קעניג, ניט די כּהנים זיינען מער געווען אַ שאַפנדיקער כּח אין פאָלקס־לעבן, דאָס זיינען איצט געווען בלויז די נביאים.

די פאָלקס־נביאים ווערן, וואָס ווייטער, אַלץ מער געלייטערט און פאַרטיפט. ניט בלויז טרעטן זיי איצט אויף מיט פלאַמענדיקע רעדעס קעגן די האַרן און קעגן קעניג, זיי באַנוגענען זיך מער ניט מיטן כּח פון גערעדטן וואָרט, זיי נעמען זיך אויך צום פאַרשרייבן זייערע שטראָף־רייד אין שריפט און פאַרשפּרייטן אַזוי זייערע נבואות צווישן פאָלק.

דער ערשטער פון די גרויסע שריפטלאַכע נביאים איז געווען עמוס (אָמוס), אַ פאַסטוך פון יהודה, וואָס איז אויפגעטראָטן מיט זיין נבואה אין ישראל.

34. דער פּאַסטוך עמוס (אָמוס) טרעט ארויס קעגן די רייכע און די הארן

דאָס איז געשען אינם יאָר 760 פ. ק. אויף אַ יום־טוב אין ישראל. ווייַן האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער און דער ריח פון גע־רויכערטן פלייש האָט זיך געטראָגן אין מקדש. פון אומעטום האָט ס'פאָלק זיך געצויגן, זאַט מיט פרייד, און פאַרבלענדט. ישראל איז נאָך יאָרן פון באַדריקונג איצט אַליין געווען די הערשערין איבער פרעמדע שטעט און דערפער. שומרון איז געוואָרן אַ קליי־נע דמשק (דאַמעסעק) מיט איר זינד און אומרעכט. נאָר דמשק האָט אַ מאָל באַדייט מאַכט, באַדריקונג, איצט איז דמשק געווען געשלאָגן און שומרון איז געוואָרן מעכטיק און גענומען פילן דעם טעם פון רייכן האַנדל און וואַנדל און פון דער גרויסער שפע (שעפע) וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף ישראל.

צום יום־טוב פון האַרבסט איז אויך געקומען דער פּאַסטוך עמוס (אָמוס), פון דעם קליינעם שטעטעלע תקוע (טיקויאַ), אין די בערג פון יהודה. אַן אָרימער פּאַסטוך פון שאָף און אַ פּוצער פון פייגן־ביימער איז עמוס געווען. נאָר דער אָרימער פּאַסטוך האָט בעסער פאַרשטאַנען דאָס לעבן און ווייטער געזען, ווי די הארן אין די שטעט און די הענדלער, וואָס האָבן געמיינט, אַז אייביק קען אַ לאַנד לעבן אויף גרויל און באַדריקונג.

עמוס איז געקומען צו דעם גרויסן יום־טוב, האָט זיך אַני־דערגעשטעלט צווישן דעם שיכּורנדיקן עולם און פּלוצלונג האָט זיך דערהערט צווישן דעם קלאַנג פון האַרפן און הילכיקן געלעכ־טער אַ האַרצרייסנדיק געוויין, אַ טרויער־ליד, וואָס מען באַ־וויינט מיט אים אַ געשטאָרבענעם. פאַרוואונדערט זיינען די מענטשן אַרום געוואָרן. וואָס איז דאָ געשען? ווי קומט דאָ אַן אבל (אָוול) צווישן דעם יובעלנדיקן עולם? נאָר באַלד האָבן אַלע אויסגעפונען

אַז דער אָרימער פּאַסטוך באַווייַנט ניט דעם אייגענעם בראָך זייַנעם, דעם טויט פון אַ ליבסטן, וואָס ער האָט פאַרלאָרן, נאָר ער באַ־ווייַנט דאָס פאָלק פון ישראל, וואָס וועט אונטערגיין, וואָס וועט פאַרטריבן ווערן אין דער פרעמד אויף אומגליק און שאַנד.

די פנימער פון די שיכּורנדיקע (שיקערנדיקע) האַרן און הענדלער זייַנען געוואָרן בייז. ווי קומט דער פרעמדער פאַרשטערן זייער יום־טוב און ווי קומט ער לעסטערן דאָס הייליקטום און פאָראויסזאָגן אונטערגאַנג? פאַרוואָס זאָל ישראל אונטערגיין? טוען זיי דען ניט רעכט? וואָס וויל דען יהוה? ער וויל ישראל זאָל אים דינען מיט פעטע קעלבער און מיט רייכע קרבנות. טוען זיי דען ניט פאַר יהוהן דאָס, וואָס דאַרף זייַן גוט אין זייַנע אויגן? זיי ברענגען קרבנות, יהוה שמעקט דעם ריח (רייאַך) פון פעטס און ער וועט זיי מוחל זייַן. און אויב אַפילו זיי באַגייען אַמאָל שלעכטס, ברענגען זיי אַלעמאָל אַ פעטן קרבן (קאָרבן) צו בעטן פאַרגעבונג. דער כּהן אַליין זאָגט, אַז יהוה פאַרגיט די זינד פון די, וואָס זייַנען אים געטריי און ברענגען אים מתּנות אין טעמפּל.

נאָר עמוס האָט ניט אויפגעהערט זייַן קלאָג־ליד. פון קלאָג איז ער אַריבער צו ביטערע רייד מיט שטראָף און מוסר. ער האָט קיינעם ניט געשאַנעוועט און ער האָט זיך פאַר גאָרניט געשראָקן.

ער איז געווען אַן אָרימער פּאַסטוך פון די בערג אין יהודה, אָבער דורך זייַן מויל האָט גערעדט גאָט, אַזוי האָט עמוס טיף געגלויבט. ניט קיין גאָט, וואָס באַדאַרף קעלבער און דעם ריח פון פעטס, נאָר דער גאָט פון גערעכטיקייט, וואָס וועט באַשטראָפן די זינדיקע האַרן און די זינדיקע פעלקער, ער וועט אויך ניט שאַנע־ווען ישראל. „איך וועל ניט פאַרגעבן ישראל, פאַרוואָס זיי פאַר־קויפן פאַר געלט דעם גערעכטן, און דעם אָרימען מענטשן פאַר אַ פּאָר שיך. זיי דאָרשטן, אַז דער שטויב פון דער ערד זאָל זייַן אויפן קאָפּ פון די אָרימע און די מילדע שלאָגן זיי אַראָפּ פון וועג... אין קליידער גענומענע פאַר אַ משכּון (מאַשקן) ביי די פאַראויסטיילטע, טרינקען זיי אין זייער הייליקטום"...

דער פּאַסטוך עמוס לייגט דאָ אַרויף זייַן פינגער אויף די אמתע צרות פון די פאָלקס־מאַסן, וואָס ווערן באַרויבט דורך די האַרן און די הערשער. עס האָט געקענט וואָריל פאַסירן, אַז אַ פויער זאָל קומען אַ נישטיקן חוב, וואָס זאָל באַטרעפן ניט מער

ווי דער פרייז פון אַ פּאָר שיך און דאָס זאָל זיין געגנוג, אַז אַן אונטערגעקויפטער ריכטער זאָל דעם פויער צוליב דעם פאַרוואָג־דלען אין אַ שקלאַף אויף אייביקע יאָרן.

עמוס שפּאָט פון די רייכע און פון זייער גלויבן אין אַ טאָג פון יהוה, אויף וועלכן זיי האָפן אַלע. זיי מיינען, אַז אין דעם טאָג וועט זיך יהוה אָפּרעכענען מיט די פעלקער, וואָס האָבן שלעכטס געטאָן די אידן. די דערוואַרטונג אויף אַזאַ יהוה־טאָג איז אַן אומ־זיסטע, צאָרנט עמוס, ס'וועט קומען אַ טאָג פון רעכענונג, אָבער דאָס איז אַ שרעקלאַכער טאָג, פאַר וועלכן די מעכטיקע דאַרפן זיך שרעקן נאָך מער ווי די זינדיקע פעלקער.

„אָ, איר רואיקע, וואָס אין ציון", ווענדט זיך עמוס צו דעם פאַרזאַמלטן עולם, „און פאַרטרויטע, וואָס אויפן שומרון־באַרג".

„גייט קיין כלנה און זעט, גייט פון דאָרטן אין דער הויפּט־שטאָט פון חמת, לאָזט זיך אַרונטער קיין גת צו די פלשתים, זייט איר דען בעסער פון די דאָזיקע לענדער? אָדער איז אייער לאַנד גרעסער פאַר זייער לאַנד? איר, וואָס פאַרבלענדט זיך פון אַ שלעכטן טאָג און האַלט זיך פעסט אויף די שטולן פון אומגע־רעכטיקייט, איר, וואָס ליגט אויף סאָפעס פון העלפאַנד־ביין, אויס געצויגענע אויף אייערע בעטן, וואָס שפּייזט זיך מיט אָקסן און געשטאָפּטע קעלבער, וואָס שפּילט אויף האַרפן, וואָס האָט זיך ווי דוד צוגעקליבן קלעזמער. איר, וואָס טרינקט וויין פון די בעקנס, וואָס שמירט זיך מיט די בעסטע בוימלען און קרענקט גאָרניט אויף יוספס בראָך."

„דערפאַר וועלן זיי פאַרטריבן ווערן די ערשטע, און עס וועט זיך ענדיקן די זויפעריי פון די אויסגעלייגטע... איך פאַרהאַס יעקבס אדל־לייט און זיינע פּאַלאַצן האָב איך פיינט. און איך וועל אַרויסגעבן (אַשור) די שטאָט מיט איר שפע... און עס וועלן פאַר־וויסט ווערן די בערגלעך יצחקס, און ישראלס טעמפּלען וועלן חרוב ווערן און אַנטקעגן ירבעמס הויז וועל איך אַרויסטרעטן מיטן שווערד."

דער נביא און דער כהן

צווישן עולם איז אויך געווען אמציה (אַמאַציע), דער כהן פון בית־אל (בייס איל).

[illegible] האַרבע ווערטער האָבן דעם כהן אַרויסגעבראַכט פֿון געדולד. אמציה האָט געשיקט זאָגן דעם קעניג ירבעם: „עמוס האָט קעגן דיר מורד (מוירעד) געווען אָפֿן פֿאַר ישראל, דאָס לאַנד קען ניט אויסהאַלטן אַלע זיינע רייד. וואָרום אַזוי האָט עמוס געזאָגט: „ירבעם וועט שטאַרבן פֿון שווערד און ישראל וועט פֿאַרטריבן ווערן פֿון זיין ערד". און צו עמוסן האָט זיך אמציה דער כהן געווענדעט: „זעער, גיי אַנטלויף קיין יהודה־לאַנד, דאָרטן עס דיין ברויט און זאָג דיינע נבואות (נעוואוּעס). אין בית־אל זאָלסטו ניט פּרוּווון מער נבואות זאָגן, ווייל דאָס איז אַ קעניגס טעמפּל און אַ מלוכה־הויז".

אָבער עמוס האָט געענטפֿערט אמציהן: „איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין זון פֿון אַ נביא, איך בין אַ פּאַסטוך און אַ פּוּצער פֿון פֿייגן־ביימער. האָט יהוה מיך אַוועקגענומען פֿון הינטער די שאָף און געזאָגט: גיי זאָג נבואות איבער מיין פֿאָלק ישראל. און איצט הער יהוהס רייד: דיינע זין און טעכטער וועלן פֿאַלן פֿון שווערד, דיין ערד וועט מיט אַ שטריק צעטיילט ווערן, אויף אַן אומריינער ערד וועסטו שטאַרבן, און ישראל וועט פֿאַרטריבן ווערן פֿון זיין לאַנד."

דאָס זיינען געווען עמוסעס לעצטע ווערטער צום כהן. אמציה האָט זיך אין עמוסן טועה (טויע) געווען. ער האָט געמיינט, אַז עמוס איז פֿון די נביאים, וואָס האַלטן זיך אויף ביי די הייליקטיימער און זאָגן פֿאָראויס גוטס די אַלע, וואָס באַלוינען זיי. עמוס איז ניט געווען פֿון די פֿאַלשע נביאים, וואָס די כהנים און די קעניגן האָבן געשיקט אין פֿאָלק צו באַרואיקן עס, אָפּהאַלטן דעם רעוואָלט, וואָס האָט זיך געקליבן ביי די אונטערדריקטע מאַסן.

עמוס איז ניט געווען פֿון יענע נביאים; ער איז געווען איינער פֿון אונטערדריקטן און פֿאַרפּייניקטן פֿאָלק, וואָס האָט גערעדט מיט די ליפּן פֿון נביא. ער איז געווען דאָס מויל פֿאַר די, וואָס די ביטערקייט און דאָס עלנט פֿון לעבן האָט זיי שטום געמאַכט.

דאָס געשריבענע וואָרט אין קאַמף קעגן באַדריקונג

עמוס האָט פֿון ישראל געמוזט אַנטלויפֿן, אויב מען האָט אים מיט געוואַלד ניט אַרויסגעטריבן; אומקערן זיך און ווידער ריידן צום פֿאָלק האָט עמוס ניט געקענט, האָט ער צוליב דעם

אליין פאַרשריבן, אָדער געלאָזט עמיצן אַן אַנדערן פאַרשרייבן זיינע רייד און פאַרלייענען פאַר די אידן פון ישראל.

אַזוי איז ס'ערשטע מאָל אויפגעקומען די געשריבענע נבואה (נעוואוּע); זי איז אַנטשטאַנען צוליב די פאַרפאָלגונגען אויף די נביאים. פון עמוסן איז אונז דעריבער פאַרבליבן אַ בוך, בעת פון די פריערדיקע נביאים, פון אליהו און אלישע, האָבן מיר קיינע שום זאַמלונגען ניט. עמוסעס נבואה־בוך איז צו אונז דערגאַנגען נאָך מער ווי צוויי טויזנט יאָר.

פול מיט ווייטיק און פראָטעסט זיינען זיינע רייד, אָבער אַ שטראַל פון האָפנונג איז נאָך אין זיי פאַראַן. זיין נבואה־בוך ענדיקט זיך מיט אַ צוקונפט־בילד פון אַ נייער געזעלשאַפט, אַ פרייער פויערים־געזעלשאַפט, וואָס האָט ניט איבער זיך קיין אונטערדריקער, אַ פאָלק, וואָס לעבט רואיק און געניסט די פרוכט פון דער אַרבעט.

„עס קומען אָן טעג און עס וועט זיך אויפטרעפן
דער אַקערער מיטן שניטער,
און דער וויין־קעלטערער מיטן זייער,
און פון די בערג וועט טריפן זאַפט,
און אַלע הויכעניש̈ן וועלן זיך צעגיין;
איך וועל אומקערן מיין פאָלק ישראל,
און זיי וועלן בויען וויסטע שטעט און אין זיי וואוינען,
וועלן פלאַנצן וויין־גערטנער און טרינקען זייער וויין,
וועלן פלאַנצן סעדער און עסן זייער פרוכט;
און איך וועל זיי פאַרפלאַנצן אויף זייער ערד,
און זיי וועלן מער ניט אויסגעריסן ווערן פון
זייער לאַנד, וואָס איך האָב זיי געגעבן".

דאָס לעבן אין ישראל איז געוואָרן אַלץ שווערער און ביטערער, אומרו און כסדרדיקער (קעסיידערדיקער) געראַנגל האָט געהערשט אין לאַנד. דערפאַר אָבער איז די אומרואיקייט אויך געווען די סיבה (סיבע) פון אַ געשטייגערטן גייסטיקן לעבן, אייגנאַרטיקער, העכער, רייכער, ווי ביי די שכנישע פעלקער. גראָד אין דער צייט, ווען דער וואָלקן פון אשור האָט געגומען פאַרציען דעם גאַנצן הימל, איז אין ישראל אויפגעקומען דאָס גרעסטע, וואָס דאָס געפלאָגטע פויערים־פאָלק האָט אַרויסגעגעבן, — די נבואה פון אומקום.

35. דער אונטערגאַנג פון ישראל

די רייד און די וואָרנונגען פון די נביאים האָבן ניט געווירקט, זייער קול (קאָל) איז געווען ווי אַ קול, וואָס רופט אין מדבר. ישראל איז פאַרמשפּט געווען צום אונטערגאַנג. יעדן פאָלק וואָלט שווער געווען אַנטקעגנצושטעלן זיך דער נייער סכּנה (סאַקאָנע), וואָס האָט זיך אונטערגערוקט פון מזרח (מיזראַך). צעריסן און צעקריגט ווי ישראל איז געווען, האָט שוין אַוודאי קיין האָפנונג ניט געקענט זיין אויף דערליידזונג.

דאָס נייע אומגליק, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף די קליי־נע פעלקער פון סיריע און ארץ ישראל, האָט ווידער צונויפגע־בראַכט די אַמאָליקע שונאים. אַרם (דמשק), וואָס ישראל האָט מיט איר געקעמפט יאָרן־לאַנג, האָט זיך איצט מיט ישראל פאַרייניקט אין אַ בונד קעגן אַשור. עס זיינען צוגעשטאַנען נאָך אנדערע קליינע פעלקערלאַך. ס'איז שוין אָבער געווען צו־שפּעט.

אַשור איז געווען שטאַרקער פון די פאַרייניקטע קליינע פעלקער. די פריינדשאַפט, וואָס איז אויפגעקומען אין נויט, האָט ניט געקענטביישטיין די ווילדע מאַכט פון די אַשורישע קריגער, וואָס האָבן אויף זייערע רייטוועגענער ווי אַ ווירבל [illegible] געטראָגן איבערן לאַנד.

די שטאָט דמשק האָבן די אַסיריער אויסגערויבט און זי נאָכדעם פאַרניכטעט. דער שרעקלאַכער חיל האָט זיך דערנע־טערט צו ישראל.

דריי און אַ האַלב יאָר האָט געדויערט די באַלאַגערונג פון שומרון, אויסגעמאַטערט און אויסגעצערט, ווי אַ פאַרוואונדעטער פייגל אין אַ שטייג, האָט זיך ישראל געראַנגלט. ס'איז שוין אָבער צו־שפּעט געווען. לאַנגע יאָרן קריגערייען: דאָרף קעגן שטאָט, איין מלחמה־מאַן קעגן צווייטן, דערדריקטע טאָג־אַרבעטער, פאַר־אָרימטע פויערים, גרים (גיירים), פרעמדע, הונגעריקע, געקריוו־דעטע.

ישראל איז אונטערגעגאַנגען, בלוט האָט זיך ווי וואַסער גע־

גאָסן אויף די גאַסן פון שומרון... פאַרוואָס? ווייל מער ווי הונ־
דערט יאָר האָבן דער קעניג און די האַרן, די הענדלער און די
לאַנד־שררות (סראָרעס) אַליין בלוט פאַרגאָסן, — בלוט פון אייגע־
נע פאָלקס־ברידער אין ישראל.

אין דער פרעמד האָט אַשור געטריבן די אידן פון ישראל,
אין פרעמדע לענדער, אויף אויסראָטונג און נויט. די, וואָס די
שווערד פון שונא האָט ניט פאַרצערט, זיינען פון זייער לאַנד
פאַרטריבן געוואָרן.

זיבן און צוואַנציק טויזנט אידן פון ישראל האָט אשור גע־

אידישע געפאַנגענע שפּילן אויף האַרפעס. דער מענטש לינקס איז אַן
אַסירישער זעלנער.

יאָגט אין דער פרעמד, קיינמאָל האָבן זיי שוין דאָס לאַנד פון גע־
בוירן ניט אָנגעקוקט.

אויף זייער אָרט האָט אַשור געשיקט פרעמדע קאָלאָניסטן,
און די פרעמדע האָבן די אידישע פעלדער געירשנט (געיאַרשנט)
און מיט דעם רעשט פון פאָלק זיך אויסגעמישט.

ישראל איז געווען געבראָכן. נאָר יהודה איז געבליבן. טרוי־
עריק האט זיך געענדיקט די געשיכטע פון ישראל. 216 יאָר נאָכ־

דעם, ווי זי איז געבוירן געוואָרן אין קאַמף קעגן באַדריקונג, איז זי אַליין, צוליב דער באַדריקונג פון אירע פאָלקס־מאַסן, אונטער־געגאַנגען. אשור האָט ישראל פאַרשניטן פון דער וועלט.

מלכות ישראל	מלכות יהודה	אשור......
שומרון	ציון	

פאַרוואָס איז מלכות ישראל אונטערגעגאַנגען?

(אונטן געפינען זיך אַ סך ענטפערס. אַ טייל זיינען ריכטיקע ענטפערס, אַ טייל זיינען פאַלש. לעבן יעדן ענטפער, אויב ער איז ריכטיק, שטעל־אַוועק אַ +; לעבן יעדן פאַלשן ענטפער שטעל־אַוועק אַ ס).

— די מלחמות צווישן די אידן פון מלכות ישראל און די אידן פון מלכות יהודה האָבן אָפּגעשוואַכט ביידע מלוכות.

— די מלחמות האָבן די אידן געמאַכט פאַר בעסערע סאָלדאַטן, די אַרומיקע פעלקער פלעגן דעריבער מער ניט אָנפאַלן אויף די אידן.

— דעם קאַמף צווישן מלכות ישראל און יהודה האָבן אויסגענוצט די אַרומיקע פעלקער, זיי פלעגן אָנפאַלן סיי אויף ישראל, סיי אויף יהודה.

— די אַראַמייער זיינען אָנגעפאַלן אויף מלכות ישראל.

— די אַראַמייער האָבן פאַרלאָרן אַלע מלחמות, וואָס זיי האָבן געפירט מיט די אידן.

— די אַראַמייער האָבן צוגענומען אַ סך שטעט אין מלכות ישראל און האָבן איינמאָל אפילו באַלאַגערט די שטאָט שומרון.

— די אידן זיינען געראַטעוועט געוואָרן, ווייל די אַסיריער זיינען אָנגעפאַלן אויף ארם, און די אַראַמייער זיינען אַוועק פאַרטיידיקן זייער אייגן לאַנד.

— די אַראַמייער האָבן זיך צוריקגעצויגן פון מלכות ישראל, ווייל די אַסיריער זיינען געקומען העלפן די אידן קעגן די אַראַמייער. די אידן און די אַסיריער זיינען דאָך געווען גוטע פריינד.

— צוערשט האָבן די אידן פון מלכות ישראל געצאָלט די אַסיריער צינזן, אָבער די צינזן זיינען געווען זייער שווערע, האָבן די אידן געמאַכט אַ רעוואָלוציע קעגן אַסיריע און אויפגעהערט צו צאָלן די צינזן.

— די אידן, די אַראַמייער, די פעניציער האָבן זיך פאַראייניקט און געשלאָסן אַ בונד קעגן אַשור.

אַ האַרטע נוס צו צעקנאַקן. פּרובירט, קינדער, ווער קען זיך אַרויספּלאָנטערן?

שטעלט־אויס אין אַ ריכטיקער אָרדנונג פאָלגנדיקע פאַסירונגען:

— די אַראַמייער פאַלן אָן אויף מלכות ישראל.

— די מלוכה ווערט צעשפּאָלטן.

— די אידן פון מלכות יהודה און די אידן פון מלכות ישראל קעמפן צווישן זיך.

— די אַסיריער פאַלן אָן אויף די אידן פון ישראל.

— די אַראַמייער טרעטן אָפּ פון ישראל און שליסן אַ בונד מיט די אידן קעגן אַסיריע.

— די אַסיריער פאַלן אָן אויף די אַראַמייער.

אײדער דו לײענסט װײטער

ווייסטו וואָס די אַלע ווערטער באַדייטן? געפין־אויס און פאַרשרייב.

אומרו.	דמשק (דאַמעסעק). . . . .
אָן שום ספק (סאָפעק)	שפע (שעפע) . . . .
איבערקערעניש	בונד. . . . .
וועלט־מלוכות (מעלוכעס)	ציוויליזאַציע. . . . .
ירדן (יאַרדן).	דרום (דאָרעם) . . . .
יסוד (יעסאָד).	כּסדר (קעסיידער). . . . .
בעת (בעיס).	

זע צי דו קענסט ריכטיק אַרויסרעדן די ווערטער:

ירדן, יסוד, כּסדר, דרום, דמשק, שפע, בעת.

אָז וואָס דערמאָנט עס דיך?

1. דמשק
2. איבערקערעניש
3. וועלט-מלוכות
4. ירדן
5. בונד
6. שפע

א טייך אין ארץ-ישראל.
אַ שטאָט אין סיריע, די הויפּט-שטאָט פֿון די אַראַמייער.
רעוואָלוציע.
אַשור, בבל, עגיפּטן, פֿעלקער, וואָס האָבן געהערשט איבער אַ סך לענדער.
רייכקייט אין לאַנד, גרויסער האַנדל.
פֿאַראייניקונג.

באַנוץ די ווערטער:

ציוויליזאַציע, ציוויליזירט, ניט ציוויליזירט, ציוויליזירן, הויכע ציוויליזאַציע, נידעריקע ציוויליזאַציע.

אומרו, באַאומרואיקן, רו, אומרואיק.

בונד, שליסן אַ בונד, פֿאַרבינדעטע, אַריינטרעטן אין אַ בונד.

ווערטער, וואָס מען דאַרף קענען שרייבן ריכטיק

1. יהודה
2. ישראל
3. מלוכה
4. שונא
5. מלחמה
6. כסדר
7. אַשור
8. דמשק
9. ירדן
10. ירושלים
11. יסוד
12. פּלשתים
13. מדבר
14. נביא
15. מלך
16. תבואה
17. כהנים
18. נביאים
19. חרוב געוואָרן
20. אַשור

פֿאַרענדיק די זאַצן

1. יהודה איז געווען . . . .
2. אין ישראל זיינען . . . .
3. די אידישע מלוכה . . . .
4. אַ שטענדיקער שונא פֿון ישראל איז . . . .
5. ישראל איז אונטערגעגאַנגען אין מלחמה מיט . . . .
6. דאָס פֿאָלק, פֿון וועלכן די אידן אין ישראל האָבן געליטן . . . . .
7. אַשור האָט צעשלאָגן . . . .
8. דער ירדן . . . .
9. ירושלים איז געווען . . . .

טראַכט-צו אייגענע זאַצן, אַריינפֿלעכטנדיק די איבעריקע ווערטער (11—20)

די געשיכטע פון די אידן אין מלכות (מאלכוס) יהודה

36. יהודה איז געווען אנדערש פון ישראל

בעת דאָס לעבן אין ישראל איז געווען ראַשיק און פול מיט אומרו, איבערקערעניש, האָבן נאָכגעפאָלגט איבערקערענישן, איז אין מלכות יהודה דאָס לעבן געפלאָסן שטיל און פאַוואָליע; געווען אומרואיקע צייטן אויך. די קליינע יהודה האָט זיך נאָך אַלעמען ניט געקענט אויסהיטן פון די פלאָגן און אומגליקן, וואָס זיינען באַפאַלן די אַלטע וועלט, אָבער די באַרג-מלוכה פון פאַסטוכער און פויערים איז אָנגערירט געוואָרן פיל ווייניקער, ווי ישראל, אַ שטייגער, אָדער ווי דמשק (דאַמעסעק).

קיין פאָלק פון מלחמה און מאַכט איז יהודה שוין לאַנג מער ניט געווען. נאָכדעם ווי אידן האָבן פאַרלאָרן דעם צוטריט צום רויטן ים, האָבן זיי זיך אויך מער ניט געקענט באַטייליקן אינם וועלט-האַנדל; די קאַראַוואַנען-וועגן זיינען אָפּגעשטאָרבן און פון דער קורצער „שפע" (שעפע) אונטער שלמהן איז גאָרניט געוואָרן.

ס'איז אָבער גאָר קיין אומגליק ניט געווען, וואָס ערד-אַרבעט איז ווידער געוואָרן דער יסוד (יעסאָד) פון לאַנד. יעדער איבערגאַנג פון ערד-אַרבעט צו האַנדל און שטאָטישן שטייגער איז געווען פיינלאַך און פול מיט ליידן פאַרן פאָלק.

כאָטש די געזעלשאַפט, וואו דער האַנדלס-קלאַס האָט גענומען ווערן שטאַרקער, האָט מיט זיך געבראַכט צו אַ רייכער און מער פאַרשידנאַרטיק לעבן, איז דאָס אָבער געווען פאַרבונדן מיט אַזוי פיל אומגלייכקייט, נויט, ליידן און פיין פאַר די מאַסן פון פאָלק, אַז ניט זעלטן זיינען פעלקער און געזעלשאַפטן אונטערגעגאַנגען אין געראַנגל צו קענען אויספורימען זיך און אויספלאָנטערן זיך פון די אַלע פלאָנטערס און שרעקן, וואָס די נייע אַנטוויקלונג האָט אַריינגעבראַכט.

יהודה און די פעלקער אַרום

דורך דעם, וואָס יהודה איז געוואָרן אָרימער, איז אויך איר מאַכט, ווי אַ פאָלק צווישן פעלקער, שוואַכער געוואָרן. זי האָט זיך אָבער צוליב דעם אויסגעהיט ניט אַריינצומישן צו ווערן אין די גרויסע שטרייטן צווישן די וועלט־מלוכות; איר קליינקייט און שוואַכקייט האָבן זי אויסגעהיט פון אונטערגאַנג.

ווען עס האָט זיך פאָרמירט דער בונד פון די צפון־פעלקער (צווישן זיי איז אויך געווען ישראל), אַ בונד קעגן אַשור, איז יהודה צו אים ניט צוגעשטאַנען. פאַרקערט, יהודה האָט זיך דער־קלערט אונטערטעניק אַשור און צוגעזאָגט איז צאָלן יערלאַכן צינז, בעטנדיק די גרויסע וועלט־מאַכט זאָל זי באַשיצן פון איר שונאים.

יהודה ווערט שטאָטיש: קאַמף צווישן קלאַסן

אַרום 150 יאָר נאָכדעם ווי די מלוכה איז צעטיילט געוואָרן, האָבן נאָך די אידן פון יהודה אַלץ געפירט אַ שטיל און אָרים לעבן פון פאַסטוכער און וויין־פלאַנצער.

אין דער גרויסער וועלט האָט זיך אָבער פאַר די 150 יאָר פיל געענדערט און די ענדערונגען האָבן שטאַרק באַווירקט דאָס אידישע לעבן.

די פלשתים, וואָס זיינען אַמאָל געווען אַ רייך און שטאַרק פאָלק, זיינען אַצינד געווען געשלאָגן און פאַראָרימט (די אַראַ־מייער זיינען זיי עטלאַכע מאָל באַפאַלן און אויסגערויבט).

שולדיק אין דעם איז צום טייל געווען זייער לאַנד ביים ברעג ים. דורכן פלשתים־לאַנד פלעגן זיך כסדר ציען האַנדלס־קאַראַוואַנען, קעמלען אָנגעלאָדענע מיט האָב און גוטס. דער האַנדל האָט די פלשתים רייך געמאַכט, אָבער גלייכצייטיק האָבן די פרעמדע פעלקער אויסגענוצט די באַקוועמע וועגן ניט בלויז אויף צו האַנדלען, נאָר אויך אָנצופאַלן און אויסצורויבן דאָס פלשתים־לאַנד.

יהודה, וואָס איז געלעגן צווישן בערג, איז געווען מער באַ־שיצט. אַ טובה (טויווע) פאַר די אידן איז אויך געווען דער מאַנגל אין וואַסער, פון וועלכן יהודה האָט געליטן. אַ סך פרעמדע קריגס־

פירער האָבן זיך פשוט צוריקגעהאַלטן אַריינצופירן גרויסע אַר־מייען קיין יהודה. ניט אַלע האָבן זיך דערוועגט אַריינצודרינגען טיף אין לאַנד; אָן וואַסער קען מען ניט לעבן און פרעמדע, וואָס ווייסן ניט גוט דעם וועג, קענען ניט דאָס לאַנד, דאַרפן זיך אוודאי היטן.

פּלשתּישע שטעט און האַפנס ביים רויטן ים

די פּלשתּים זיינען געווען געשלאָגן און די פאַסטוכער און די וויין־פלאַנצער פון יהודה האָבן אויסגענוצט די גינסטיקע צייט אָנצופאַלן אויף די פּלשתּים און אָפּנעמען ביי זיי שטעט און דערפער.

די איינגענומענע געגנטן האָבן די אידן ניט צעשטערט, וויסט געמאַכט, נאָר פאַרקערט, באַפעלקערט מיט אידישע פּויערים.

פאַרפירט מלחמות און געזיגט

די אידישע אַרמיי האָט אויך געזיגט אין דרום (דאַרעם) ארץ ישראל, אין קריג מיט די מדבר־וואַנדערער. עס איז צוריק אויפגע־ריכט געוואָרן די האַפן־שטאָט ביים רויטן ים. פון זעלבן האַפן זיינען אַמאָל אידישע שיפן געגאַנגען אַזוי ווייט ווי אינדיע און געפירט אַ רייכן האַנדל מיט די ברעג־מלוכות פון אַראַביע. די אומצייללי־קע מלחמות מיט די מדבר־וואַנדערער זיינען געווען צו באַ־שיצן די הענדלער אויף די קאַראַוואַנען־וועגן, וואָס האָבן זיך איצט געצויגן פון ביידע זייטן ירדן און געפירט צום האַפן ביים רויטן ים.

יהודה ווערט אַ צווייט ישראל

אין דער צייט ווען די אידן פון ישראל זיינען געשלאָגן גע־וואָרן פון אַשור, ווען די מלוכה פון ישראל איז אונטערגעגאַנגען און טויזנטער אידן האָט מען פאַרטריבן אין דער פרעמד, איז שוין אויך דאָס לעבן אין יהודה געווען שווער און ביטער. אויך אין יהודה האָט זיך אַצינד אָפּגעשפּיגלט אַ קאַמף צווישן אָרים און

רייך ווי אין ישראל מיט יאָרן פריער איידער די מלוכה איז אונ־
טערגעגאַנגען.

ווידער אַמאָל, נאָך מער ווי הונדערט יאָר פון אָפּגעזונדערט לעבן, זיינען די אידן גע־
וואָרן די באַהערשער פון שטעט אויף קאַראַוואַ־
נען־וועגן. אין די שטעט האָט אויפגעלעבט
האַנדל. דער קאַמף צווישן רייך און אָרים, וואָס איז
אויף לאַנגע יאָרן געווען פאַרגעסן, וואָרום אַלע זיינען פאַראָרימט
געוואָרן, האָט איצט אויפגעלעבט.

אין יהודה איז איצט ניט געווען פריילאַך: אומרועץ, אָרימ־
קייט, באַדריקונג. יהודה האָט גענומען באַטרעטן דעם וועג, וואָס
ישראל איז אויף אים געגאַנגען יאָרן־לאַנג.

דעם סוף פון ישראל האָבן אַלע געוואוסט. פון די דעכער
אויף די הייזער האָבן די אידן מיט האַרצווייטיק צוגעקוקט, ווי
דער שונא (סוינע) האָט חרוב (כאָרעוו) געמאַכט די שטיבער, די
שטעט, אויסגעשניטן די פרוכטביימער, ווי ס׳פאָלק איז געטריבן
געוואָרן פון די היימען אין דער פרעמד.

דער רויך האָט זיך געהויבן אַריבער די דעכער, אַריבער
די טאָלן מיט תבואה... קינד און קייט פון דער באַרג־מלוכה האָט
טיף געפילט, אַז ניט היינט איז מאָרגן: יהודה וועט ניט אויסגע־
היט ווערן פון יענע אומגליקן, וואָס האָבן ווי אַ דונער געשלאָגן
ישראל.

37. ווער זיינען געווען די הערשער און די פאלקס־פירער אין מלכות יהודה

די רעגירונג, ווי א מאכט, האט אין יהודה געהאט א קליי־נע באדייטונג. די אמתע הערשער פון לאנד זיינען אפט געווען, ניט דער קעניג און זיינע משרתים (מעשארסים), נאר די גרויסע לאנד־אייגנטימער, פון וועלכע עס פלעגן ווערבירט ווערן סיי די הויף־לייט, דעם קעניגס עצה־געבער, סיי זיינע ריכטער און באאמטע, סיי די ארמיי־אנפירער.

עס האבן אויך געווירקט די רייכע כהנים (קויהאנים), וואס זייער שטעלונג איז געווען באגרינדעט, ניט בלויז אויף גלויבן און אנזען אין פאלק, נאר אויך אויף זייער ערד־פארמעגן און אויף די רייכע מתנות (מאטאנעס), וואס זיי פלעגן קריגן פון פאלק אין דער פארם פון צינז און קרבנות (קארבאנעס).

דער בית־המקדש איז געווען ניט בלויז אן ארט פון ברענגען קרבנות, ער האט אויך דערפילט די פונקציעס, וואס עס האט אין אונזער צייט א באנק; דערעיקרשט אבער זיינען די כהנים געווען לאנד־אייגנטימער, כאטש זייער רייכקייט איז געקומען אויך פון אנדערע קוואלן.

די כהנים האבן געשפילט א גרויסע ראלע אין לעבן. ווי יע־דע גרופע אין דער מלוכה, זיינען זיי דער עיקר אויסן געווען זייערע אייגענע אינטערעסן. די גרויסע לאנד־אייגנטימער האבן זיך וויניק גערעכנט מיטן קעניג; זייער הויפט־זארג איז געווען, ווי אזוי זיך נאך מער צו באַרייכערן. דעם קעניג האבן זיי אנערקענט בלויז אויף אזוי ווייט, אויף וויפיל ער האט זיי ניט געשטערט אין זייערע באגערן.

דער קעניג איז אויך געווען ניט מער ווי א גרויסער לאנד־אייגנטימער, דער גרעסטער לאנד־אייגנטימער אין דער מלוכה. אויף דעם, מערער ווי אויף אלע אנדערע זאכן, האט זיך באגרינדעט זיין מאכט; דאס וואס ער האט געהאט אן ארמיי, האט בלויז בא־טייט, אז ער האט א בעסער באוואפנטע ארמיי, אבער עס האט ניט

באַטייט, אַז ער איז דער איינציקער, וואָס האָט באַוואָפנטע מענטשן; באמת האָט יעדער לאַנד־אייגנטימער געקענט באַוואָפנען זיינע פויערים. דער קעניג האָט זיך אָבער געקענט פאַרגינען צו האָבן אַ באַשטענדיקע אַרמיי פון געדונגענע זעלנער (אָפטמאָל פרעמד־געבוירענע, ניט אידן), זי איז נייטיק געווען ניט אַזוי צו דער־האַלטן די מאַכט פון לאַנד, ווי צו דערהאַלטן דעם קעניגס מאַכט אין לאַנד גופא.

די כהנים האָבן פאַרנומען זייער אַ חשובן (כאַשעוון) אָרט אין דער געזעלשאַפט און זיי האָבן ניט זעלטן באַשרענקט די מאַכט פון קעניג; דער קעניג האָט זיך געמוזט בויגן פאַר זייער ווילן; נאָך אַלעמען האָבן די כהנים געצויגן זייער חשיבות (כשי־ווּעס) פון דריי קוואַלן: ערד־פאַרמעגן און שטייער פון פאָלק, גרעסערע קענטעניש און וויסן (די כהנים זיינען געווען דער גע־לערנטער קלאַס אין פאָלק), די מאַכט פון גלויבן, מיט וועלכן זיי האָבן רעגירט איבער די מוחות פון די פאָלקס־מאַסן. בדרך כלל זיינען זיי געווען אויף דער זייט פון „געזעץ און אָרדנונג", איין מאָל האָבן זיי אפילו געראַטעוועט די קעניגלאַכע פאַמיליע אוּן אויסגעהיט דאָס הויז פון דוד פון אייביקער אויסראָטונג.

די כהנים געווינען אין מאַכט

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען אין ישראל איז פאָרגע־קומען די גרויסע איבערקערעניש אונטער דער אָנפירונג פון יהוא; דער מלך פון ישראל איז דערהרגעט געוואָרן, עס איז אָבער אויך געפאַלן אין דער מהומה דער קעניג פון יהודה, אחזיהו (אַכאַזיאַהו). גע־בליבן אין ירושלים איז דעם קעניגס מוטער, אַ טאָכטער פון איזבל, וואָס יהוא האָט זי דערהרגעט אריבערפאָרנדיק מיט זיין רייטוואָגן. אין גרויס גרימצאָרן האָט די פאַרביטערטע פעניציערין נקמה גענו־מען פאַרן טויט פון איר מוטער אויסהרגנדיק אַלע משפחה־מיט־גלידער פון דודס הויז. בלויז איר אייניקל יהואש (יעהויעש) איז פון די כהנים געראַטעוועט געוואָרן אין בית־המקדש און מיט דעם כח פון דער אַרמיי איז ער באַשטיגן דעם טראָן. די הילף, וואָס די כהנים פון ירושלים האָבן געגעבן דער קעניגלאַכער משפחה, האָט זיי געמאַכט נאָך חשובער (כאַשעווער) אין דער מלוכה.

פאר דעם וואס ווייס, איז דאס גארניט שווער

געשעענישן אין דער וועלט, וואס האבן געהאָלפן, אַז אין יהודה זאָל זיך ווידער אַנטוויקלען האַנדל און שטאָט-קולטור

א. די אַראַמייער באַפאַלן דעם פלשתּישן ים-ברעג און ברעכן די מאַכט פון די פלשתּים.

ב. אידן נוצן-אויס די געלעגנהייט און באַפאַלן דאָס פלשתּים-לאַנד, נעמען-אַוועק שטעט און דערפער אויף די קאַראַוואַנען-וועגן.

ג. יהודה איז צוליב דעם באַזיץ פון די פלשתּישע שטעט אַריינגעצויגן געוואָרן אין וועלט-האַנדל.

ד. אידן פאַרפירן מלחמות אין דרום און קריגן ווידער אַ צוטריט צום רויטן ים.

ה. דער צוטריט צו די קאַראַוואַנען-וועגן און צום רויטן ים באַרייכערן די שטעט, פאַרשטאַרקן די אומגלייכקייט אין פאָלק און רופן אַרויס די אומצופרידנקייט פון די פאָלקס-מאַסן.

יהודה איז געווען אַנדערש פון ישראל

1. דאָס לעבן אין מלכות יהודה איז געווען (אומרואיקער, שטילער) ווי אין ישראל.

2. די אידן אין יהודה האָבן (ווייניק, פיל) מעגלאַכקייטן געהאַט צו באַטייליקן זיך אין האַנדל.

3. זיי זענען דערעיקר געווען אַ (פויערים- און הענדלער-פאָלק, פויערים-און פאַסטוכער-פאָלק).

4. די מאַכט פון יהודה ווי אַ פאָלק צווישן פעלקער איז נאָך דער צעטיילונג פון דער מלוכה (קלענער, גרעסער) געוואָרן.

5. איר (שטאַרקייט, שוואַכקייט) האָט זי פאַר אַ שטיק צייט אויסגעהיט פון אונטערגאַנג.

6. ווען ישראל האָט רעוואָלטירט, האָט יהודה (אויך רעוואָלטירט, זיך אונטערגעגעבן) און אַזוי אַרום אויסגעהיט געוואָרן פון אונטערגאַנג.

די ווירקונג פון נייעם שטייגער

1. אין יהודה האָט ווידער אויפגעלעבט דער קאַמף צווישן — — — — — — — — — — — — — —
2. דאָס לעבן פונם פויער און פון דעם באַלמעלאָכע ווערט — — — — — — — — — — — — — —
3. דאָס לאַנד ווערט פאַרוויקלט אין — — — — — —
4. יהודה ווערט אַ צווייט — — — — — — — — — —
5. די מאַכט פון קעניג און זיינע האַרן ווערט — — —

ישראל
שטאַרקער
אָרים און רייך
מלחמות
שווערער

ווער זיינען געווען די הערשער אין יהודה?

– דער קעניג
– דאָס פאָלק
– די כהנים
– די פויערים
– די גרויסע לאַנד-אייגנטימער
– די נביאים
– די שבטים
– די אַרמיי-פירער
– באַלמעלאָכעס
– גרויסע הענדלער

ווער ווייס?

א. אויף וואָס האָט זיך געשטיצט די מאַכט פון קעניג?
ב. אויף וואָס האָט זיך געשטיצט די מאַכט פון די כהנים?
ג. וואָס פאַר אַ געשעעניש אין לאַנד האָט די מאַכט פון די כהנים פאַרשטאַרקט?
ד. צו וואָס האָט דער קעניג באַדאַרפט האָבן אַן אַרמיי?

איידער דו לייענסט ווייטער, ווייסטו וואָס די אַלע ווערטער און אויסדרוקן באַטייטן?

1. נביא (נאָווי)
2. נביאים (נעוויאים)
3. סביבה (סוויווע)
4. עשירות (אַשירעס)
5. כח (קויאַך)
6. קרבן (קאָרבן)
7. קרבנות (קאָרבאָנעס)
8. כהן (קויהען)
9. מצרים (מיצרייאים)
10. גלות (גאָלעס)
11. קול (קאָל)
12. ישוב (יישעוו)
13. חשיבות (כשיוועס)
14. לשונות (לעשוינעס)
15. הפקר (העפקער)
16. אַריסטאָקראַטיע
17. צעפוילונג
18. געהאַט אַ צוטריט
19. האָט פאַרמאָגט
20. קולטור-ירושה
21. געוויכט פון די שטעט
22. באַדריקטע
23. זיך גאָרניט געריכט
24. קאָנטראָלירט
25. צווישן האַמער און קאָוואַדלע

ווי זאָגט מען אַנדערש?

גאָרניט דערוואָרט — — — — — —	קראַפּט — — — — — — — — —
האָט געהאַט — — — — — — — —	עגיפּטן — — — — — — — — —
די וואָס ווערן אונטערדריקט — — —	באַהערשט — — — — — — — —
רייכקייט — — — — — — — — —	געקענט צוקומען — — — — — — —

לייענט די ווערטער

נביא, נביאים, לשונות, סביבה, ישוב

גלות, מצרים, עשירות, הפקר

קרבן, קרבנות, חשיבות, כח, כהן.

די נביאים אין מלכות יהודה

קיין גרויסע גייסטיקע מאַכט אין לעבן האָבן די כהנים מיט זיך ניט פאָרגעשטעלט. ניט די כהנים, נאָר די נ ב י א י ם זיינען עס געווען די, וואָס האָבן אויפגעהויבן דעם קול פון פּראָטעסט, וואָס האָבן געהאַט אַ ווייטאָגדיק האַרץ און אַ ווייטן קוק.

די נביאים זיינען געווען די איינציקע, וואָס האָבן אויפגעהויבן זייער קול אין נאָמען פון מענטש, וואָס איז אונטערדריקט און ליידט, אין נאָמען פון פאָלק, וואָס וועט פאַרשניטן ווערן; דאָס פאָלק מוז אָבער לעבן און ניט אונטערגיין, נאָר כדי צו לעבן דאַרף עס ארויסגעהויבן ווערן פון נויט און עלנט.

פאָלק איז העכער פון מלוכה און העכער פון מלך.

די חשיבות (כשיוועס) פון מענטשן, די גאַנצקייט פון פאָלק און די פאַרברידערונג פון די פעלקער, דאָס זיינען געווען די גרויסע אידייען פון די נביאים, וואָס האָבן די איינציקע זיך ארויסגעהויבן פון דער באַגרעניצטקייט פון דאָרפישן לעבן, אריבערגעהויבן זיך אריבער די מויערן פון די שטעט און די גרעניצן פון די

מלוכות. זייער קול האָט אַן איפּרודער געמאַכט אין דער וועלט און זייער קול איז ניט אַנטשטומט געוואָרן מיטן בייט פון די צייטן.

דער ווײַ־געשריי פון די נביאים איז געקומען ווי אַ שטורעם־ווינט, וואָס האָט גענומען באַוועגן דעם גרויסן איינגעשלאָפענעם כח — דאָס פאָלק. ביז אַהער איז ס'פאָלק געווען ניט מער ווי ליים, פון וועלכן מען האָט געקנאָטן, ביז אַהער איז ס'פאָלק געווען ניט מער ווי אַ האַק מיט וועלכער מען האָט געהאַקט.

איצט האָט דער פּויער, דער מענטש פון דער ערד, וואָס האָט געוואוּסט נאָר פון שטומען צער און ווײַ און ווי אַ חיה (כאַיע) געטראָגן דעם לאַסט און דעם יאָך פון לעבן, פּלוצלונג דערהערט: הימל און ערד וועלן זיך איינשטעלן פאַר אים, פעלקער און לענ־דער וועלן חרוב (כאַרעוו) ווערן, ווייל אומרעכט ווערט באַגאַנגען קעגן די, וואָס האָבן פון געבוירן אָן מער ווי אומרעכט ניט געזען און זיך מער קעגן אומרעכט ניט געשיצט.

די וועלט וועט באַנייט ווערן אָדער ס'פאָלק און די האַרן וועלן פאַרטריבן ווען אין גלות (גאָלעס), אויסגעוואָרצלט ווערן פון דער ערד, וואָס דאָס פּויערים־פאָלק האָט מיט זיין שוויס און פּראַצע באַאַרבעט.

דער מענטש פון אַרבעט איז ניט הפקר (העפקער), פאַרגאָסן בלוט קען ניט אַנטשוויגן ווערן.

מלחמה און „העלדישקייט" אין אַלטן עגיפּטן



מען פאַרשרייבט אין דער אַרמיי.



יעדער קריגט זיין געווער.

פוסגייער אין מאַרש.

מען פאַרשרייבט די הענט, וואָס מען האָט אָפּגעהאַקט ביי די
מלחמה־געפאַנגענע.

ישעיהו, דער נביא און דער טרוימער

38. ישעיהו — דער טרוימער פון אייביקן שלום

ווי אין אַלע שווערע צייטן פון מענטשלאַכן לעבן, ווען קלאַס שטייט אויף קעגן קלאַס און די באַדריקטע מאַסן פון פאָלק רעוואָלטירן, האָט אויך אין יהודה פּאַסירט, אַז זין פון הערשער־קלאַס האָבן פאַרלאָזט זייערע רואיקע היימען, איבערגעריסן מיט זייער סביבה (סוויווע) און אַוועק צו די דערנידעריקטע און באַליידיקטע.

זייער רייכקייט און מאַכט האָט זיי ניט צופרידנגעשטעלט, זיי האָבן געזוכט גערעכטיקייט און ניט קיין עשירות (אַשירעס), אמת און ניט קיין הערשאַפט. אין זייער אייגענער סביבה (סוויווע) האָבן זיי געזען צעפּיילונג און נאָר צווישן די מאַסן פון פאָלק האָבן זיי געפונען דעם כח, וואָס וועט צוריק באַנייען דאָס לאַנד און אויסהיטן יהודה פון אונטערגאַנג.

פון הערשער־קלאַס האָבן געשטאַמט די צוויי גרויסע נביאים ישעיהו און ירמיהו. ישעיהו, אַ מענטש פון דער ירושלימער אַריסטאָקראַטיע, איינער, וואָס האָט געהאַט אַ לייכטן צוטריט צום קעניג און האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער פּאָליטיק פון זיין צייט. און ירמיהו, אַ כהן (קויהען), אַ מענטש, וואָס האָט אויסגעעביטן די קרבנות (קאָרבאָנעס) אין דאָרפישן טעמפּל אויף ביטערקייט און עלנט פון דער גרויסער שטאָט.

צו די באַדריקטע און ליידנדיקע האָבן זיי געבראַכט די קענטשאַפט פון שיינעם וואָרט, די פאַרשטענדעניש פאַר די אַלטע טראַדיציעס. ישעיהו און ירמיהו זיינען געווען פון די געבילדעטסטע מענטשן אין זייער צייט און זייער וואָרט האָט ניט בלויז פאַרמאָגט דעם ווייטיק פון הייסן פּראָטעסט, עס האָט אויך געהאַט די קונסט, וואָס בלויז אַ רייכע קולטור־ירושה האָט געקענט אַרויסגעבן.

דער אויפטריט פון אַזעלכע מענטשן ווי ישעיהו איז געווען

אַ נייעס אין יהודה. וואָרום ווער איז געווען אליהו? אַ מדבר־מענטש; ער האָט געוויכט פון די שטעט און פיינט געהאַט זייערע מידות (מידעס). ווער איז געווען עמוס? אַ פּאַסטוך פון שאָף און פּוצער פון פייגנביימער. און ווער איז געווען מיכה (מיכאַ)? אַ פּויער. ס'איז צום ערשטן מאָל, אַז אַ זון פון דער ירושלימער אַריסטאָקראַטיע זאָל געפינען זיין אָרט ניט צווישן די הערשער, נאָר צווישן די באַדריקטע.

ישעיהו און זיינע פאָרגייער

דער אונטערגאַנג פון ישראל האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף די אידן פון יהודה. צוויי הונדערט יאָר האָט ישראל עקזיסטירט; פון זינט שלמהס טויט (933 פ.ק.) ביז דער פרעמדער שונא, אַשור, האָט פאַרטריבן די אידן אין דער פרעמד (722 פ.ק.) האָט זיך ישראל גאָרניט געריכט אויף דעם אומגליק? עס האָט זיך ניט געריכט, כאָטש אַזעלכע גרויסע נביאים, ווי אליהו און עמוס, האָבן פאָרויסגעזאָגט און געוויזן דעם וועג פון רעטונג.

די רייד פון די נביאים אין ישראל האָבן אויף ישעיהון געמאַכט אַ גרויסן רושם (רוישעם). אויך אין יהודה איז ישעיהו ניט געווען דער ערשטער, אַנדערע פאַר אים זיינען אויפגעטראָטן, וואָס האָבן אויפגעהויבן דעם קול פון פּראָטעסט, אָבער ישעיהו האָט ניט בלויז געקענט וואָרנען, ער האָט אויך געקענט פירן; צו זיין וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט אין קעניגלאַכן הויף.

צווישן האַמער און קאָוואַדלע

ס'איז געווען אַ שווערע צייט פאַר יהודה, די תקופה (טקופע) ווען ישעיהו האָט געלעבט און געווירקט. אַשור איז געשטאַנען ביי דער גרעניץ פון יהודה און איר מאַכט אין דער וועלט איז כסדר געוואַקסן. זי האָט קאָנטראָלירט פּאַלעסטינע און געוואָרפן אַן אויג אויף די אוצרות פון מצרים (עגיפּטן), וואָס זי האָט זיך געקליבן פאַרכאַפּן.

עגיפּטן האָט באַדאַרפט יהודה ווי אַ וואַנט (אָדער אַ בופער־שטאַט) צווישן זיך און אַשור, און אַשור האָט געוואָלט יהודה, ווי אַ בריק צווישן זיך און עגיפּטן. דאָס קליינע ארץ ישראל איז באמת געווען ווי דער אייזן צווישן האַמער און דער קאָוואַדלע.

וואָס האָט די קליינע מלוכה געקענט טאָן? ישעיהו האָט גע־וואָרנט: ניט מישן זיך אין קריג פון די פעלקער. ניט האָפן אויף קיין איינער פון די שטאַרקע מלוכות, לעבן אין שלום און איבער־אַנדערשן דאָס לעבן פון לאַנד.

דאָס אומגליק אין יהודה שטאַמט ניט פון דער פרעמד. ס'איז דאָס צעפוילטע לעבן, די שרייענדיקע אומגערעכטיקייט אין לאַנד גופא, וואָס מאַכט פון דער שיינער יהודה אַ טאָל פון יאָמער און געוויין.

„ווי אויסגעלאָסן ס'איז געוואָרן די געטרייע שטאָט ירושלים! — רופט אויס ישעיהו. — אַמאָל האָבן אין איר געהערשט גערעכ־טיקייט און ערלאַכקייט און איצט — מערדער! דיינע פירשטן זיינען פאַרדאָרבענע מענטשן, חברן זיך מיט גנבים (גאַנאָווים)׳ האָבן ליב צו נעמען מתנות (מאַטאָנעס), יאָגן זיך נאָך געלט.״

„דעם יתום גיבן זיי ניט קיין רעכט און ווילן גאָרניט הערן דעם קלאָג פון דער אלמנה... צו וואָס קומט איר — זאָגט גאָט — אין מיין טעמפּל און ברענגט קרבנות (קאָרבאָנעס)? איך קען אייער געבעט מער ניט הערן, ווייל אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט. רייניקט זיך, זאָגט זיך אָפּ פון אייערע שלעכטע מעשים (מייסים), לערנט זיך גוטס טאָן, זוכט גערעכטיקייט, האַלט־אויף דעם גע־דריקטן, גיט זיין רעכט דעם יתום, שטעלט זיך אין פאַר דער אלמנה...״

אין אמת און אין גערעכטיקייט זעט ישעיהו אַ רעטונג פאַר יהודה און ניט אין קיין מלחמה. דער נביא האָט אָבער אָפּנים ניט געקענט באַווירקן די הערשער פון לאַנד „וואָס זייערע הענט זיינען געווען פול מיט בלוט״. דער קעניג (חזקיהו) איז געווען אַ שטי־לער מענטש און מיט זייער אַ שוואַכן כאַראַקטער. די מלחמה איז אויסגעבראָכן.

די מלחמה מיט אַשור

אויף דעם צוזאָג פון דעם וויטן בבל (באַבילאָניע), וואָס האָט זיך געקליבן אויפצוהייבן אַ בונט קעגן אַשור, און אויף דער עצה (אייצע) פון עגיפּטן האָט דער מלך פון יהודה באַפעסטיקט ירושלים, גענומען זאַמלען שפּייז פאַר אַ באַלעגערונג און אָנגע־הויבן גרייטן זיך צו אַן אויפשטאַנד קעגן דעם מעכטיקן אַשור,

אומזיסט האָט ישעיהו געוואָרנט, געמאָלן שרעקלאַכע ביל־דער פון חורבן און געשילדערט דעם שונאס מאַכט, ס'האָט גאָרניט געהאָלפן, יהודה האָט רעוואָלטירט.

די נייעס איז באַלד דערגאַנגען קיין אַשור, און דאָס וויסטע פאָלק האָט אָנגעהויבן אַ ביטערע מלחמה קעגן יהודה. שטעט נאָך שטעט זיינען חרוב געוואָרן; דער שונא האָט זיך באַלד באַוויזן ביי די מויערן פון ירושלים. ס'איז ניט געווען גוט.

דער מלך (חזקיהו) האָט געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף זיינע געדונגענע זעלנער פון אַראַביע, ווילדע זין פון מדבר, אָבער די מדבר־מענטשן זיינען אין שרעק אַנטלאָפן פאַרן שונא; דער מלך פון יהודה האָט הכנעהדיק (האַכנאָעדיק) פאַרגעלייגט שלום: „איך האָב געזינדיקט, צי אָוועק פון מיר. וואָס דו וועסט אַרויפלייגן אויף מיר, וועל איך טראָגן."

סנחריב (סאַנכיירעוו), דער מלך פון אַשור, האָט געפאָדערט דריי הונדערט טאַלענטן זילבער און דרייסיק טאַלענטן גאָלד (אַרום אָנדערהאַלבן מיליאָן דאָלער) שטראָף־געלט, אַ גרויסן יער־לאַכן צינז (אונטערטעניקייט אַליין איז אָפּנים ניט געווען גענוג).

חזקיהו (כיזקי־יאָהו) האָט ניט געהאַט קיין ברירה (ברײרע). וואָס האָט ער געקענט טאָן? ער האָט צונויפגענומען דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער פון ירושלים, ער האָט אפילו געמוזט אויסליידיקן די קאַסע פון בית המקדש, וואו עס זיינען געלעגן די פאָלקס־געל־טער און די אָרימע אָפּגעשפּאָרטע פּרוטות (פּרוטעס) פון די אלמנות און יתומים.

ס'איז נאָך אַלץ אָבער ניט געווען גענוג; צו שטילן די גירי־קייט פון סנחריבן, האָט חזקיהו געהייסן אַראָפּרייסן די גאָל־דענע בלעכן, מיט וועלכע די טירן פון בית המקדש זיינען געווען באַשלאָגן. דאָס אַלצדינג האָט ער אַוועקגעשיקט צום מלך פון אשור.

טעג זיינען אַריבער און סנחריב האָט פונדעסטוועגן די באַ־לעגערונג פון שטאָט אַלץ ניט אַראָפּגענומען; די אַשורים זיינען געווען אַנטשלאָסן ניט אָוועקצוציען פון דער שטאָט; זיי האָבן גע־וואָלט אַריינקומען אין ירושלים, וואָרום אפילו אַ צעשלאָגענע ירושלים איז געווען אַ געפאַר, בעת אַשור האָט זיך איצט געלאָזן איז מלחמה מיט עגיפּטן.

א צעשראָקענער און אַ דערשלאָגענער האָט חזקיהו געשיקט רופן דעם נביא: וואָס זאָל מען טאָן, אונטערגעבן זיך אָדער ווײַטער קעמפן? „ניט אונטערגעבן זיך”, האָט ישעיהו געהייסן, „די שטאָט וועט גערעטעוועט ווערן. ירושלים וועט ניט פאַלן פון שונאס האַנט.”

ישעיהוס ווערטער זענען טאַקע באַלד מקוים (מעקוייעם) געוואָרן. ס'האָט לאַנג ניט גענומען און די אַסיריער האָבן אָפּגעלאָזן די באַלעגערונג און האָבן זיך אינגאַנצן צוריקגעצויגן אויף אַ ווייל פון ארץ ישראל. וואָס עס איז געשען, האָט קיינער ניט געוואוסט. צי אַ שטאַרקער שונא איז באַפאַלן אשור און עס איז גייטיקער געווען צו האָבן די אַרמיי צו באַשיצן די היימישע ערד, צי איז אפשר אַ גרויסע עפּידעמיע אויסגעבראָכן אין לאַגער פון די אַסיריער?

יהודה האָט זיך אויף אַ שטיק צייט געראַטעוועט, די אָנהענגער פון די נביאים האָבן געוואונען אין מאַכט און איז חשיבות (כשיוועס).

דער טרוים פון אַ גליקלאַכער צוקונפט

ווידער האָט מוטיק געקלונגען דעם נביאס וואָרט, אַ וואָרט פון שטראָף און פון טרייסט. דוקא אין די צייטן פון אומגליק און נויט, די צייטן פון שרעקלאַכע מלחמות און בלוטפאַרגיסונג, ווען קריג און מאָרד זיינען געווען די איינציקע העלדישקייט, מיט וועלכע מענטשן האָבן זיך גערימט, האָט אויף די גאַסן פון ירושלים, ס'ערשטע מאָל, אָפּגעקלונגען דער ביטערער פּראָטעסט קעגן בלוטפאַרגיסונג, קעגן קריג און פעלקער־באַדריקונג.

ברידערלאַכקייט צווישן פעלקער און ליבע צווישן מענטש און מענטש, האָט דער נביא געפּריידיקט, ווען שטעט זיינען חרוב געוואָרן און איין פאָלק האָט זיך געקליבן פאַרשלינגען דאָס אַנדערע פאָלק.

אין יענע ביטערע טעג פון אומקום און פאַרצווייפלונג האָט דער נביא ישעיהו אויסגעחלומט דעם וואונדערלאַכן חלום (כאָלעם) פון אייביקן שלום אויף דער וועלט:

„און עס וועט זיין אין סוף פון די טעג און מענטשן וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן

אין אַקעראַייזנס און זייערע שפּיזן אין גאָרטנ־מעסערס. אַ פֿאָלק קעגן אַ פֿאָלק וועט ניט אויפֿהויבן מער קיין שווערד און מען וועט זיך מער ניט לערנען ווי צו פֿירן מלחמה."

‏...„אַ וואָלף מיט אַ לעמעלע וועלן וואוינען צוזאַמען, און אַ לעמפּערט וועט זיך לייגן מיט אַ ציגעלע, און אַ קאַלב און אַ יונגער לייב און אַ פעטער אָקס צוזאַמען. און אַ קליין קינד וועט זיי פֿירן."

„אַ קו וועט זיך פּיטערן צוזאַמען מיט אַ בער. זייערע יונגע קינדער וועלן זיך צוזאַמען אַנידערלייגן, און דער לייב וועט עסן שטרוי, אַזוי ווי דער אָקס. אַ זויג־קינד וועט זיך שפּילן ביי דעם לאָך פֿון דער שלאַנג און אַ צאַרט קינד וועט זיין האַנט אויסשטרעקן צו דעם לאָך פֿון דער געפּאַרבטער שלאַנג."

„זיי וועלן ניט טאָן קיין שלעכטס און ניט פֿאַרדאַרבן מער קיין זאַך אויף מיין גאַנצן הייליקן באַרג, וואָרום די ערד וועט זיין פֿול מיט וויסן, אַזוי ווי דאָס וואַסער באַדעקט דעם ים."

ווי שטאַרק האָט געמוזט זיין דער גלויבן אין מענטשלאַכער דערלייזונג, ווי הויך האָט ישעיהו געמוזט שאַצן די חשיבות (כשיוועס) פֿון מענטש, כּדי אין דער ביטערסטער שעה פֿון פֿאַרצווייפֿלונג זאָל ער קענען אויסחלומען די טרייסט פֿון אַ גליקלאַכער צוקונפֿט!

אין סוף פֿון זיינע אייגענע טעג האָט ישעיהו קיין גליק ניט געזען. אַשור איז אַלץ נאָך געבליבן אַלמעכטיק. דער געשטראָפֿטער און נאָכגיביקער חזקיהו איז געשטאָרבן. דער בלוטדורשטיקער מנשה איז געוואָרן מלך; איצט איז דאָס לאַנד געוואָרן נאָך מער באַדריקט.

אין באַהעלטעניש האָט זיך געמוזט אָפּטראָגן דער שטאָלצער ישעיהו. די דינער פֿון מלך האָבן אים ניט אָפּגעלאָזן, די האַרן האָבן געוואָלט איינגאַנצן פּטור (פּאָטער) ווערן פֿון דעם קעמפֿער, וואָס האָט אויפֿגעדעקט די פֿינסטערע מעשים פֿון די פֿירשטן, די באַדריקער פֿון פֿאָלק.

אַ לעגענדע דערציילט:

ישעיהו האָט זיך באַהאַלטן אין אַ וואַלד און האָט געלעבט אין אַן אויסגעהוילטן בוים — אַ דעמב. דעם קעניגס דינער האָבן

איm געזוכט און ניט געקענט געפינען. אַז ער געפינט זיך אין וואַלד, אין דעם האָבן זיי ניט געצווייפלט, האָבן זיי אַלע ביימער אין וואַלד אָפּגעזעגט, צו פאַרשניידן דאָס לעבן פון נביא... און דאָס איז געווען דער סוף פונם מוטיקן טרוימער, וואָס יהודה האָט, פאַר איר אונטערגאַנג, דער וועלט געגעבן.

ווער וועט קענען ענטפערן אויף די פראַגעס?

1. וואָס איז געווען די גוטע בשורה (בסורע) וואָס די נביאים האָבן געבראַכט צום אָרימען פאָלק?
2. וואָס איז געווען ישעיהוס טרוים פון דער צוקונפט?
3. וואָסער שרעקלאַך אומגליק האָט דער נביא פאָרויסגעזאָגט?
4. מיט וואָס איז ישעיהו געווען אַנדערש פון די פריערדיקע נביאים?

דערקלערט די אויסדרוקן

הכנעהדיק — (דער מלך פון יהודה האָט הכנעהדיק פאַרגעלייגט שלום) הכנעה —

ניט געהאַט קיין ברירה —

חשיבות — (די אָנהענגער פון די נביאים האָבן געוואונען אין מאַכט און אין חשיבות).

רושם — (די רייד פונם נביא האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אויפן פאָלק).

אַרבעט צו טאָן!

ווי האָבן די אידן פון יהודה אויפגענומען די נייעס פון שרעקלאַכן אומגליק?

(שטעל דעם צייכן + לעבן יענע ענטפערס וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק)

נאָכדעם ווי די אַסיריער האָבן פאַרטריבן די אידן פון מלכות ישראל האָבן די אידן פון מלכות יהודה

— געפרייט זיך, וואָס די צען שבטים זיינען ענדלאַך באַשטראָפט געוואָרן.

— געשראָקן זיך, אַז מיט דער מלכות פון יהודה זאָל ניט פאָרקומען דאָס אייגענע, וואָס מיט מלכות ישראל. ווער ווייס, אפשר וועלן נאָך די אַסיריער קומען אויך קיין יהודה?

— די אידן האָבן גענומען צוהערן זיך צו די רייד פון די נביאים.

— די אידן האָבן פיינט געקראָגן די נביאים, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין שטראָפן און שרעקן.

װער זײַנען געװען די נביאים?

װאָס איז געװען דער אונטערשײד צװישן די ערשטע נביאים און די גרױסע נביאים?

(שטעל, אַװעק דעם צײכן 0 לעבן יענע דערקלערונגען, װאָס דו מײנסט, אַז זײ זײַנען פֿאַלש, און דעם צײכן + לעבן יענע דערקלערונגען, װאָס דו האַלטסט פֿאַר ריכטיק).

— די ערשטע נביאים זײַנען געװען פּונקט אַזױ װי די גרױסע נביאים.

— עס איז געװען אַ גרױסער אונטערשײד צװישן די ערשטע און די גרױסע נביאים.

— די נביאים פֿלעגן פֿאָראױסזאָגן די צוקונפֿט.

— דאָס װיכטיקסטע פֿון די נביאים איז געװען זײער פֿעאיקײט צו טרעפֿן, װאָס עס װעט זײַן.

— די נביאים זײַנען אױך הײַנט באַליבט און פֿאַרהײליקט, װײַל זײ זײַנען געװען די ערשטע קעמפֿער פֿאַר גערעכטיקײט אין דער אַלטער װעלט.

— די פֿאָרשטעלונגען װעגן גאָט זײַנען בײ די אידן אַלעמאָל פֿאַרבליבן די זעלבע.

— אין מדבר האָבן זיך די אידן פֿאָרגעשטעלט יהוה א סך אַנדערש װי די נביאים האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט גאָט.

— אַ לאַנגע צײַט האָבן זיך די אידן פֿאָרגעשטעלט, אַז יהוה איז נאָר דער גאָט פֿון די אידן, איטלאַכס פֿאָלק האָט זיך זײַן גאָט, יהוה איז דער אידישער גאָט.

— די נביאים האָבן געגלױבט, אַז זײ רעדן אין נאָמען פֿון גאָט.

— די נביאים האָבן געקעמפֿט פֿאַר גערעכטיקײט, די שטאַרקע זאָלן ניט אונטערדריקן די שװאַכע, די רײַכע זאָלן ניט אָפּנאַרן און טאָן שלעכטס די אָרימעלײַט.

— די נביאים האָבן אַלעמאָל געהאַלטן מיטן קעניג, געהאָלפֿן דעם קעניג, געקעמפֿט קעגן פֿאָלק.

— די נביאים האָבן געלערנט, אַז יהוה האָט ניט ליב קײן קרבנות. ער װיל מענטשן זאָלן זײַן ערלעך און גוט. ער װעט באַשטראָפֿן די אידן, פֿאַר־טרײַבן זײ פֿון זײער לאַנד, אויב זײ װעלן בלײַבן פֿאַרדאָרבן.

— די נביאים האָבן אָפּגענאַרט דאָס פֿאָלק.

— די נביאים האָבן געגלױבט, אַז יהוה איז דער גאָט פֿון די אידן און װאָס די אידן זאָלן ניט טאָן, װעט יהוה אַלעמאָל סײ װי זײַן גוט צו זײ.

— די גרױסע נביאים פֿ. עגן ניט פֿאַרשרײַבן זײערע רײד אין ביכער.

— די גרױסע נביאים האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט יהוהן װי דעם גאָט פֿון דער גאַנצער װעלט, װאָס משפּט די מענטשן לױט גערעכטיקײט.

— די ערשטע נביאים, די בני הנביאים, האָבן גערופֿן דאָס פֿאָלק אין קאַמף קעגן די כּנענים און פּלשתּים.

זײ גרײט צו דערק. ערן פֿאַרװאָס די ענטפֿערס, װאָס דו האָסט באַצײכנט פֿאַלש, זײַנען טאַקע פֿאַלש און ניט ריכטיק.

39. דער זיידע, דער טאַטע און דאָס גוטע אייניקל

דער זיידע

אין יהודה האָבן זיך אָנגעהויבן די אייגענע אומרוען, ווי אין דער אַמאָליקער מלכות ישראל, איידער זי איז אונטערגעגאַנגען.

דער „שלעכטער מנשה" (מענאַשע), וואָס האָט פינף און פופציק יאָר געקיניגט אין ירושלים, איז געוואָרן קעניג, ווען ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר. דאָס מיינט פשוט, אַז ער האָט יאָרן און יאָרן לאַנג גאָר קיין דעה (דייע) ניט געהאַט אין דער מלוכה־פירונג; געפירט די מלוכה האָט עמיץ אַנדערש. ווער? ווייס מען ניט. מען קען זיך אָבער לייכט אָנשטויסן, אַז געפירט די מלוכה האָבן די מענטשן, וואָס האָבן געהאַט די מאַכט אין לאַנד, אויב ניט צוליב זייער יחוס, איז צוליב זייער רייכקייט, צוליב דער גרויסער עשירות (אַשירעס), וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

שפּעטער, ווען דער צוועלף־יעריקער „רעגירער" איז אונטערגעוואַקסן, איז ער אויך אין אַלץ נאָכגעגאַנגען זיינע גוטע עצה־געבער און איז געווען ניט מער ווי ליים אין דער האַנט פון טעפּער. פינף און פופציק יאָר האָט מנשה רעגירט און ער האָט „פאַרגאָסן אַזויפיל אומשולדיק בלוט, ביז ער האָט אָנגעפילט ירושלים פון עק צו עק."

אין זיין צייט האָבן זיך דערהערט די פינסטערע נבואות, וואָס האָבן אַמאָל אַזוי ביטער געקלונגען איבער ישראל. יהוה (יאַהאַווע) וועט זיך אָפּקערן פון ירושלים, ווי ער האָט זיך אָפּגעקערט פון שומרון.

„איך וועל אויסווישן ירושלים, ווי מען ווישט אויס אַ שיסל,
אויסגעווישט און אומגעקערט אויף איר פּנים;
און איך וועל אַוועקוואַרפן דעם איבערבלייב פון מיין אַרב,
און וועל זיי געבן אין דער האַנט פון זייערע פיינט, –
און זיי וועלן זיין צו רויב און צו אויסרויבונג פאַר
אַלע זייערע שונאים."

נאָר מנשה האָט פונדעסטוועגן געהערשט לאַנג אין יהודה, וואָרום ער האָט געטאָן אַלץ צו דינען און געפעלן ווערן יעדן פרעמדן הערשער, אַרויסווייזן אונטערטעניקייט און הכנעה (האַכ־נאָע) דורך איינפירן אין ירושלים די גלויבנס און די צייכנס פון יעדן גלויבן, אין דער אַלטער שטאָט.

דער בית המקדש אין ירושלים איז באמת געוואָרן אַ מוזיי, וואו יעדע שטיק געצנדינעריי איז געווען אַ שטיק אונטערטעני־קייט צו אַ פרעמדן כח, וואָס האָט געהערשט אין דער אַלטער וועלט. מנשה האָט זיך אפילו ניט אָפּגעהאַלטן פון דורכלאָזן זיי־נעם אַ זון דורכן פייער, ברענגען אַ מענטשלאַכן קרבן (קאָרבן) צום גאָט מולך (מוילעך).

די נבואה איז אַנטשטומט געוואָרן אין זיין צייט. די שווערד פון זיינע קנעכט האָט זי אַנטשוויגן. פונדעסטוועגן דערשטיקן די באַוועגונג אינגאַנצן האָט ער ניט געקענט, ער האָט זי בלויז פאַר־יאָגט אונטער דער ערד.

אַרבעט צו טאָן!

פאַרן ווערטער־ביכל

מנשה (מענאַשע)	אונטערטעניקייט	קרבן (קאָרבן)
אומרוען	נביא	מולך (מוילעך)
הכנעה (האַכנאָע)	דעה (דייע)	נבואה (נעוואוע)
	פשוט (פּאָשעט)	

ווייסטו וואָס די אַלע ווערטער באַטייטן? געפין־אויס און פאַרשרייב.

דערצייל איבער דאָס קאַפּיטל: „דער זיידע, דער טאַטע און דאָס גוטע אייניקל" באַנוצנדיק די ווערטער:

אומרוען	הכנעה	דעה	מולך
מנשה	קרבן	אונטערטעניקייט	נבואה

וואָס איז געווען פריער

— דער נביא ישעיהו פריידיקט פון אייביקן שלום אויף דער וועלט.
— די אידן פון ישראל ווערן פאַרטריבן אין גלות.
— דער שלעכטער מנשה הערשט אין ירושלים.
— דער נביא עמוס זאָגט־פאָראויס דעם אונטערגאַנג פון ישראל.
— דער נביא אליהו שטראָפט דעם קעניג פאַר זיינע שלעכטע מעשים (מייסים).

40. דער פּויער מיכה (מיכאָ) טרעט אַרויס קעגן דעם קעניג און די האַרן

מען האָט דיר, מענטש, שוין לאַנג געזאָגט,
וואָס גוט איז:
טאָן גערעכטיקייט און ליבן חסד (כעסעד)...

אין אָנהייב פון מנשהס הערשאַפט האָט געלעבט דער נביא מיכה, אַ פּויערים־זון פונם דערפל מורשת (מוירעשעס), איינער פון פּראָסטן פאָלק, וואָס האָט אויף זיינע אייגענע פּלייצעס געפילט די ביטערקייט און דעם עלנט פון דער שווערער באַדריקונג, אין וועלכער יהודה האָט זיך געפונען. די ערשטע העלפט פון זיין נבואה־צייט איז אויסגעפאַלן אין די זעלבע יאָרן, ווען דער נביא ישעיהו האָט געווירקט. אָבער וואָס פאַר אַ גרויסער אונטערשייד ס'איז געווען צווישן דיביידע: ישעיהו האָט געהערט צו די הערשענדיקע קרייזן אין לאַנד, געווען נאָענט צום קעניג, האָט אָנטייל־גענומען אין שאַפן די פּאָליטיק פון דער מלוכה, מיכה פאַרקערט איז געווען אַ מענטש פון פאָלק, וואָס האָט געשטורעמט קעגן די הערשער, „די קעפּ פון יעקב, די האַרן פון ישראל". אין דער צו־קונפט זעט מיכה פאָרויס בלויז אונטערגאַנג און פאַרוויסטונג.

„ציון וועט פאַראַקערט ווערן, פון ירושלים וועלן ווערן חורבות (כורוועס), דער באַרג פון דעם הויז וועט פאַרוואַקסן מיט וואַלד".

דער פּויער מיכה האָט געלעבט אין דער סאַמע ביטערער צייט, וואָס די מלוכה האָט דורכגעמאַכט... מורשת (מוירעשעס), פון וואַנען ער איז געקומען, איז געווען אַ פרוכטבאַרע געגנט ביי די גרעניצן פון פלשתים־לאַנד און בלויז דרייסיק מייל פון ירושלים. די פּויערים פון דעם דאָרף זיינען געווען געגנוג ווייט פון דער הויפּט־שטאָט, כדי ליב צו האָבן די ערד און זיך פרייען מיט איר בענטשונג און געגנוג נאָענט צו די גרעניצן פון לאַנד צו זען די סכנה (סאַקאָנע), וואָס האָט געלויערט אויף יהודה.

פון די בערג אין מורשת האָט מען געזען די שטרייטנדיקע

אַרמייען, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער די קאַראַוואַנען־וועגן. די פויערים האָבן אויך געזען די קללה (קלאָלע) פון פאַרוויסטונג, מיט וועלכער מלחמה בענטשט סיי די זיגער און סיי די באַזיגטע.

מיכה איז אויפגעטראָטן אינם יאָר 719—729 פ. ק., יהודה איז נאָך ניט געווען אין קריג מיט קיין פרעמדן שונא, אָבער דאָס שרעקלאַכע אומגליק, וואָס איז געשען אין ישראל, האָט אָנגעצייכנט דעם סוף, וואָס קען פונקט אַזוי באַפאַלן יהודה. עמוס איז שוין דרייסיק יאָר געווען אַנטשטומט און פופצן יאָר זיינען אַריבער פון זינט הושע (הוישייאַ) איז אויפגעטראָטן מיט זיין נבואה... פריער איז עס געווען דער פאַסטוך, וואָס האָט געשטורעמט קעגן דער זינדיקער שומרון, און איצט איז דער פויער מיכה אויפגעטראָטן קעגן ירושלים. אין מיכהן האָט געפונען אַן אויסדרוק דער פויער, וואָס לעבט אויף די גרעניצן פון לאַנד, אַקערט זיין פעלד, האַלט־אויס דאָס לאַנד מיט ברויט און איז באמת אַלעמאָל דער ערשטער צו ליידן, ווייל די האַרן לאָזן ס׳פאָלק אויף הפקר (העפקער) און שפאַרן זיך איין אין ירושלים, בעת (בעיס) די דערפער ווערן חרוב און דאָס האָב און גוטס גייט פאַרלאָרן אין פייער פון קריג. אויב מלחמה איז געווען שלעכט און ביטער פאַר אַלעמען, איז אָבער מלחמה נאָך ערגער געווען פאַרן פויער, וואָס האָט געוואוינט אינם פלאַכן לאַנד, אומבאַשיצט.

ביים פויער מיכה געפינען מיר די וואונדערלאַכע ווערטער וועגן אייביקן שלום אויף דער וועלט, וואָס מיר טרעפן אויך ביי ישעיהון.

„די שווערדן וועלן זיי איבערשמידן אין אַקער־אייזנס,
די שפיזן אין שנייד־מעסערס.
קיינער וועט מער ניט אויפהויבן זיין שווערד
אויף מלחמה צו האַלטן.
רואיק וועט זיך יעדער זיצן
אונטער זיין וויינשטאָק
און אונטער זיין פייגנבוים.“

ווער עס איז דער באַשאַפער פון דער פרעכטיקער נבואה, דער דיכטערישער ישעיהו, צי דער פויער מיכה, איז שווער צו וויסן. גיכער ווי אַלץ, קען זיין, איז דאָס געווען אַ האָפנונג, וואָס האָט געלעבט אין פאָלק און וואָסביידע נביאים האָבן זי אויפגענו־

מען. די שרעק פון דעם פויערים-פאָלק איז געווען גרויס. פאַר די אויגן פון אַלעמען זיינען פעלקער געוואָרן צו פרוך און פראַך און ס׳איז ניט פאַרבליבן אפילו ווער עס זאָל זיי באַוויינען.

קעגן דער אומגערעכטיקייט אין לאַנד

קומענדיק אין דער טומלדיקער ירושלים פונם דאָרף מורשת האָט זיך מיכה געהאַט געגנוג וואָס צו באַקלאָגן. ער שטראָפט די רייכע און די האַרן, וואָס באַדריקן און נאַרן-אָפּ דעם אָרימאַן, די ריכטער, וואָס האָבן ניט קיין יושר און קיין רחמים און נעמען כאַבאַר.

„וואָס האָבן באַדאַרפט וויסן די קעפּ פון יעקב, די האַרן פון ישראל?" פרעגט מיכה און דער ענטפער איז: „פריער ווי אַלץ איז דאָס געזעץ. וואָס טוען זיי אָבער באמת?

בײַם פאָלק שינדט מען די הויט,
די ביינער צעברעכט מען אים,
ווי פלייש אין טאָפּ צום קאָכן צעשניידט מען אים."

נאָך שטאַרקער פון עמוסן, אפשר, טרעט דאָ מיכה אַרויס קעגן די אומגערעכטיקייטן פון די האַרן און פון זייער משפט; ס׳איז קאָנטיק, ער האָט עס אַליין אין זיין לעבן דורכגעליטן און אויף זיין אייגן לייב געפילט.

„ווײ צו די, וואָס טראַכטן וועגן אומרעכט און שלעכטס, ווען זיי ליגן נאָך אויף זייער געלעגער, און ווען דער פרימאָרגן קומט, באַגייען זיי דאָס שלעכטס, אויב זיי קענען נאָר. פאַרווילט זיך זיי פעלדער, רויבן זיי עס אַוועק, הייזער, נעמען זיי צו. זיי באַרויבן אַ מענטש און זיין הויזגעזינד, יעדן איינצלנעם באַרויבן זיי פון זיין ירושה".

מיט שפּאָט און ווייטיק רעדט מיכה וועגן ירושלים, די פּרעכ-טיקע געביידעס און פּאַלאַצן. וועמעס אַרבעט און האָרעוואַניע ליגט אין זיי?

„הערט נאָר אויס, האַרן פונם הויז יעקב און ריכטער פונם הויז ישראל, וואָס פאַראומרייניקן די גערעכטיקייט און אַלץ, וואָס איז גלייך, פאַרקרימען זיי. מען פאַרבויט ציון מיט בלוט-שולד און ירושלים מיט אומרעכט. די הויפּט-לייט אירע משפטן (מישפּעטן) פאַר כאַבאַר, די כהנים (קויהאַנים) אירע לערנען פאַר אַ פּרייז

און אירע נביאים צויבערן פאַר געלט... דערפאַר וועט איבער אייך ציון צעאַקערט ווערן ווי אַ פעלד, פון ירושלים וועלן בלייבן חורבות (כורוועס) און דער באַרג פון דער הויז וועט פאַרוואַקסן ווערן מיט וואַלד..."

טרויעריק איז דער קוק פונם נביא, ווען ער באַטראַכט דאָס אומגליק פון פאָלק און ער זעט דעם גרויסן בראָך, וואָס דערנענטערט זיך. זיין האַרץ ווערט צעריסן אין פיין און פול מיט ווייטיק שרייט ער אויס אַ געשריי פון אַ פאַרביטערט לעבן:

„ווי איז מיר! איך בין געוואָרן ווי די לעצטע זומער־פרוכט,

ווי דער איינצלנער טרויב, וואָס דער אַרומקלייבער לאָזט איבער,

גוטע מענטשן זיינען אויסגעראָטן געוואָרן פון לאַנד, עס איז קיין ערלאַכער מענטש ניטאָ.

אַלע לויערן דעם צווייטנס בלוט, איינער דעם אַנדערן פאַנגען זיי מיט נעצן.

אָנשטאָט גוטס, טוען אַלע הענט שלעכטס, דער פירשט בעט געשאַנקען און דער ריכטער וויל באַצאָלט...

די בעסטע פון זיי זיינען ווי אַ דאָרן, דער אָרנטלאַכסטער איז ווי אַ צוים פון דערנער.

גלויבט ניט קיין פריינד, פאַרלאָזט זיך ניט אויף אַ באַקאַנטן. זיי פאַרזיכטיק אין ריידן אפילו פאַר דיין ליבלאַכער פרוי.

וואָרום אַ זון באַשפּאָט אַ טאַטן, אַ טאָכטער האַסט איר מוטער, דיינע אייגענע הויז־מענטשן זיינען דיר פיינד."

ס'איז שווער געווען צו לעבן אַ נביא אונטער דער הערשאַפט פון מנשהן. דער שווערד פון קעניג און די האַרן האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף יעדן, וואָס האָט געוואַגט צו רעבעלירן. מיכה איז באמת, אין זיין צייט, געווען ווי „די לעצטע זומער־פרוכט... ווי דער איינצלנער טרויב, וואָס דער אַרומקלייבער האָט איבער־געלאָזט..."

אַרבעט צו טאָן!

אַ בינטל פּאַרטייטיקע בריוו

א) שטעלט זיך פאָר, קינדער, אַז איר לעבט אין מיכהס צייטן. איר הערט זיינע שאַרפע רייד, איר זעט אים מיט אייערע אייגענע אויגן.

דער אויפטריט פון נביא מאַכט אויף אייך אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז איר שרייבט וועגן אים אין אַ בריוו צו אייערן אַ ברודער, וואָס לעבט אין דער פרעמד, לאָמיר זאָגן, אין עגיפּטן.

דעם נביאס ווערטער געפעלן אייך, איר אַליין זייט אויך באַדריקט. וואָס וואָלט איר געשריבן? וואָלט איר ניט אויסגעמאָלן מיכהן, זיין אויסקוק, זיין גאַנג? געוויס, איר וואָלט אויך ניט פאַרגעסן צו דערציילן זיין נבואה. שרייבט טאַקע אָן אַזאַ בריוו.

ב) אויב איר ווילט, קענט איר אויך שרייבן „בריוו" פון מענטשן, וואָס זיינען מיט מיכהן ניט געווען צופרידן. ווער האָבן זיי געקענט זיין? אַוודאי די הערשער פון לאַנד, די רייכע אידן. וואָס האָבן זיי צו דערציילן פון מיכהן? וואָס קלערט איינער פון זיי, אַשטייגער, וועגן נביא? וואָס, מיינט ער, דאַרף מען טאָן מיט אַזעלכע שטערער? זעט די בריוו צו מאַכן וואָס לעבעדיקער און וואָס נאַטירלעכער.

41. דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון ביימעלע

ד ע ר ט אַ ט ע

מנשה איז נאָך אַ לאַנגיאָריקער הערשאַפט געשטאָרבן און זיין זון אָמון (אָמוין) איז געוואָרן קעניג נאָכן פאָטערס טויט. אַ יונ־גערמאַן פון צוויי און צוואַנציק יאָר איז אָמון געווען: ער איז גע־גאַנגען אין דעם פאָטערס וועגן, נאָר זיינע אייגענע קנעכט האָבן זיך צעבונטעוועט און אים געטויט. פאַרוואָס? מיר ווייסן ניט. היינטצוטאָג קענען מיר בלויז פּרובירן טרעפן. אפשר, קען זיין, האָט ער פּרובירט זאָגן זיין אייגן וואָרט און ער איז געווען מער זעלבשטענדיק, ווי זיין פאָטער (צוויי און צוואַנציק איז ניט צוועלף).

אמון האָט בלויז צוויי יאָר געהערשט און איז אַרונטער, אָבער אויך די בונט־פירער האָט ניט אָפּגעגליקט. „דאָס פאָלק פון לאַנד האָט דערשלאָגן אַלע די, וואָס האָבן געמאַכט דעם בונט אויף דעם מלך אָמון. און דאָס פאָלק פון לאַנד האָט געמאַכט זיין זון יאשיהון (יוישי־יאָהון) פאַר אַ מלך אויף זיין אָרט.״

דאָס קלינגט פאַר אונז ווי אַ רעטעניש. דאָס פאָלק פון לאַנד האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע און אָוועקגעשטעלט פאַר אַ קעניג אַן אייניקל פון דעם בייזן מנשה, אַ זון פון אָמון, וואָס איז אויך ניט פיל בעסער געווען. דער זין פון דעם אַלעמען ווערט קלאָר, ווען מיר דערוויסן זיך, אַז דער נייער קעניג איז אַלט געווען אַכט יאָר.

די מענטשן פון פאָלק, די פויערים פון די דערפער, האָבן זיך איצט אונטערגענומען אויפצוהאָדעווען זייערן אַ קעניג, גוט צום פאָלק און זיינע נויטן, ווי די הערשנדיקע קלאַסן האָבן פריִער דערצויגן קעניגן פאַר זייערע צוועקן.

אויסקלייבן דעם זון פון אָמון איז בעסער געווען, ווייל אין לאַנד האָט געהערשט אַ פאַרערנדיקע באַציאונג צו דעם אמט פון קעניג און ווידער איז דאָס געווען אַ מיטל איינצושטילן די מורא

פון די הערשנדיקע פעלקער אַרום. דעם פאָלק האָט ניט אויסגע־מאַכט אַן אַקטיעריק קינד, מען קען מיט אים מאַכן, וואָס מען וויל. עס ווענדט זיך נאָר אָן דעם ווער זיינע לערער זיינען. יאשיהו האָט געהאַט גוטע לערער. ער איז געוואָרן אַ קעניג, וואָס דאָס פאָלק האָט אים אויפגעצויגן.

אַ פאַרגלייך צווישן צוויי איבערקערענישן

די איבערקערעניש אין יהודה האָט אַמאָל געהאַט איר גלייכן אין דער איבערקערעניש פון יהואן אין מלכות ישראל. נאָר עט־לאַכע וויכטיקע אונטערשיידן זיינען יאָ געווען. יהואס איבערקערע־ניש האָט אַראָפּגעוואָרפן אַן אַלטע קעניגלאַכע פאַמיליע, די איבער־קערעניש אין יהודה איז דאָס ניט געווען אויסן. די אידן פון דער קליינער מלוכה האָבן געקוקט מיט געוואַלדיקן עקל אויף אַ קעניג־מאָרד און געגלויבט אין דער גרויסער משפחה־קייט, וואָס האָט זיך געצויגן פון דודן אָן.

יהודה האָט אויך געזען, וואָס עס איז געשען אין דער שוועסטער־מלוכה, ווען הויף־פאַרשווערונגען און קעניג־מאָרדן האָבן זיך אָנגעהייבן. ווידער האָט דאָס פאָלק אין יהודה פאַר־שטאַנען, אַז דער עיקר איז ניט דער קעניג, נאָר ווער עס שטייט אַרום אים, ווער עס פירט די מלוכה. דער קעניג אַליין איז גאָר־ניט דער פירער פון לאַנד. אין דעם איז די איבערקערעניש אין יהודה געווען אַנדערש ווי די איבערקערעניש אין ישראל.

איר ענלאַכקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן שפּעטער, דורך די גרויסע רעפאָרמען אין דער געזעצגעבונג פון לאַנד.

פאַר דעם וואָס קען, איז דאָס גאָרניט שווער

פון וואַנען ווייסן מיר דאָס, וואָס מיר ווייסן?

די אַלע געשעענישן, וועגן וועלכע ס'איז די רייד אין דעם בוך, זיינען פאָרגעקומען מיט אַזויפיל יאָרן צוריק, אַז ביי אייך, קינדער, דאַרף אַוודאי אויפקומען די פראַגע: פון וואַנען ווייסן מיר עס?

נו, וואָס־זשע מיינט איר טאַקע, פון וואַנען ווייסן מיר די אַלע פּאַסי־

רונגען? פירט אין קלאַס אַ שמועס וועגן דעם און אויב איר ווייסט ניט בעט דעם לערער און ער וועט אייך דערציילן. ער וועט אייך אפשר אויך פירן אין אַ מוזיי און דעמאָלט וועט איר אַליין אויסגעפינען אַ סך פון דעם, ווי אַזוי מיר דערוויסן זיך וועגן דעם לעבן פון די מענטשן פאַרצייטן.

איך וויל דאָ בלויז דערמאָנען, אַז איינס פון די קוואַלן צו דערוויסן זיך, וואָס עס איז געשען אַמאָל, זיינען אַ ל ט ע כ ר אָ נ י ק ע ס, עס הייסט פאַרצייכנונגען פון מענטשן, וואָס האָבן פאַרשריבן די פאַסירונגען פון זייער צייט.

יעדע וויכטיקע געשעעניש פלעגן אַזעלכע מענטשן פאַרשרייבן, ווער בעסער, ווער ערגער, און היינט, פאַרגלייכנדיק די כראָניקעס, געפינען מיר אויס, וואָס עס איז טאַקע אַמאָל געשען.

שטעלט אייך פאָר, קינדער, אַז איר לעבט אין דער צייט פון „זיידן, זון און גוטן איינקל״. הויבט אָן שרייבן אַ כראָניק. געדענקט: אַ כראָניק איז ענלאַך צו אַ טאָג-בוך, מערניט איר מוזט ניט שרייבן טאָג-אויס טאָג-איין.

אַ גוטער איינפאַל וואָלט אפשר געווען, יעדער פון קלאַס זאָל נעמען אַן אַנדער פאַסירונג צו באַשרייבן; די אַרבעט וואָלט דעמאָלט צוגעגאַנגען פיל שנעלער.

פון וואָס מען קען שרייבן:

א) דער שרייבער באַקלאָגט זיך אויף די שלעכטע צייטן אונטער מנשהן

ב) איינער באַשרייבט ווי ער האָט געהערט דעם פויער מיכה שטראָפן די רייכע און די האַרן.

ג) דער קעניג אמון שטאַרבט, יאשיהו ווערט קעניג.

ד) יאשיהו איז אַנדערש פון די פריערדיקע מלכים.

ה) אַ ניי בוך ווערט געפונען. די גרויסע פרייד אין פאָלק. די געזעצן פונם ספר.

ו) פסח אין ירושלים.

ז) יאשיהוס טויט.

42. דאָס גוטע אייניקל

דאָס גוטע אייניקל יאשיהו (יאָשי־יאָהו) איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון די נביאים און די כהנים, וואָס זיינען פון די נביאים געווען באאיינפלוסט.

געצנדינסט, באַדריקונג און פרעמדע הערשאַפט איז אין אַמאָ־ליקן ארץ ישראל כמעט אַלעמאָל געגאַנגען האַנט אין האַנט. דער פרעמדער הערשער איז געווען איצט אַשור, די געצנדינסט, דער סימן (סימען) פון אונטערגעוואָרפנקייט צום פרעמדן הערשער.

די באַדריקונג אין לאַנד איז געווען א שוידערלאַכע; דער פרעמדער הערשער האָט אונטערשטיצט די אינווייניקסטע הער־שער אין לאַנד, די באַדריקער פון פאָלק, כדי די מאַסן זאָלן ניט רעוואָלטירן.

ווען יאשיהו איז אונטערגעוואַקסן און ער האָט אָנגעהויבן נעמען אַן אָנטייל אין דער פירונג פון דער מלוכה, האָט זיך גלייך ארויסגעוויזן, ווי אַנדערש ער איז פון די פריערדיקע מלכים (מע־לאָכים).

וואָס האָט אַ קעניג געוויינלאַך געטאָן? ער האָט אָדער גע־פירט מלחמה און באַדריקט אַנדערע פעלקער, אָדער ער האָט ניט געפירט קיין מלחמה און באַדריקט דאָס אייגענע פאָלק. נאָר אַזעלכע פאָלקס־העלדן ווי שאול, אָדער דוד, זיינען אין דער גע־דעכעניש געבליבן ווי גרויסע באַפרייער, וואָס האָבן פאַרטריבן דעם פרעמדן שונא און באַשיצט די היימישע ערד. ס'רוב קעניגן זיינען אין פאָלקס־זכרון פאַרבליבן ניט מער ווי באַדריקער.

יאשיהו איז געווען אַנדערש, שוין דערמיט אַליין האָט ער זיך אונטערגעשיידט פון די פריערדיקע מלכים, וואָס בעת דאָס פאָלק פלעגט אַלעמאָל פאַרזאָרגן דעם קעניג, האָט זיך אונטער יאשיהון די מלוכה (מעלוכע) גענומען פאַרזאָרגן דאָס פאָלק.

דער קעניג פירט איין געזעלשאַפטלאַכע אַרבעטן

אין לאַנד זיינען פיל באַלמעלאָכעס אומגעגאַנגען ליידיק. וואָס האָט דער יונגער מלך געטאָן? ער האָט אונטערגענומען גע־

זעלשאַפטלאַכע אַרבעטן, געהייסן פאַרריכטן און איבערבויען דעם בית המקדש.

(דאָס הייליקטום איז ניט נאָר געווען אַן אָרט, וואו דאָס פאָלק פלעגט קומען ברענגען מתנות צו גאָט, אין בית המקדש פלעגן אויך אָפּגעהאַלטן ווערן גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, דאָס הייליקטום איז אויך געווען אין אַ געוויסן זין אַ באַנק, אַלנפאַלס פלעגן דאָרט אויפגעהיט ווערן די געלטער פון אלמנות און יתומים. ביים אַריינגאַנג צום בית המקדש פלעגט דאָס פאָלק איבערלאָזן מתנות אין געלט אויסצוהאַלטן דאָס הייליקטום. פון אָט די געלטער האָט דער יונגער קעניג אָנגעהייבן מאַכן אויסבעסערונגען, איבעררעמאָנטירן דאָס הויז.)

דאָס גרויסע געפינס

די אַרבעטן האָבן זיך אָנגעהויבן מיט איבערבויען דעם בית המקדש און האָבן זיך פאַרענדיקט מיט רעפאָרמען איבערצואַנדערשן דאָס גאַנצע לעבן פון פאָלק און צוריק איינפירן רעכט און גערעכטיקייט אין לאַנד.

דאָס איז געשען, ווען די בוי־אַרבעטער האָבן צורעכטגעמאַכט די ווענט אין בית המקדש, האָט מען געפונען אַ וואונדערלאַך בוך אין דער וואַנט איינגעמויערט. ווען מען האָט דאָס בוך געבראַכט צום קעניג און דער יונגער מלך האָט דאָס בוך געלייענט איז ער פאַרציטערט געוואָרן. ווי אַנדערש קעניגן האָבן זיך געפירט, ווי אַנדערש ער אַליין האָט דאָס לאַנד געפירט, אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס דאָס בוך האָט געבאָטן!

אַז דאָס בוך איז טאַקע אַן אמתדיק געזעץ־בוך, וואָס משה האָט אים פאַרפאַסט, נאָר דאָס פאָלק האָט אָן דעם פאַרגעסן, אין דעם האָט ער ניט געצווייפלט. ווארום עס איז באמת געווען אַ וואונדערלאַך בוך: די גאַנצע אידישע געשיכטע איז איבערדערציילט געוואָרן פון אָנהייב אָן: — די ליידן, וואָס דאָס פאָלק האָט דורכגעליטן, די קנעכטשאַפט אין דעם אַלטן מצרים און די וואַנדערונגען אין מדבר, די באַפרייאונג. — וואָס ניט?

דאָס מערקווירדיקסטע איז דערביי געווען, וואָס דאָס בוך האָט אַזוי קלאָר באַוויזן און געגעבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס אַלע

אומגליקן אין אַלע שפּעטערדיקע צייטן, ווען אידן זיינען שוין אַריין אין כנען, האָבן באמת געטראָפן.

ס'איז געווען דאָס אומרעכט און די אומגערעכטיקייט, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד, אונטערטעניקייט צו פרעמדע פעלקער און געצנדינסט, ס'איז געווען די מאַכט פון קעניג, וואָס האָט געקוקט אויף זיך, ווי אויף אַ הערשער און ניט ווי אויף אַ פאָטער פון זיין פאָלק.

אין דעם בוך איז אַלצדינג געווען אַזוי קלאָר און אמת: משה האָט מיט זיין ווייטן אויג אַלץ פאָרויסגעזען: די אָנפאַלן פון פרעמדע פעלקער און דעם אונטערגאַנג פון אידישן לאַנד. נאָר איין רעטונג איז פאַראַן: דאָס פאָלק און די האַרן און דער קעניג זאָלן זיך אומקערן פון די שלעכטע וועגן, אויף וועלכע זיי אַלע גייען.

די רעפאָרם ווערט דורכגעפירט

דאָס בוך האָט געפונען דער כהן גדול (קויהען גאָדל), דער עלטסטער כהן פון בית המקדש, און דעם קעניגס סופר (סויפער), אליין אַ נביאים-אָנהענגער, האָט דאָס בוך צום קעניג געבראַכט. די ווירקונג איז געווען אַן אומגעהויערע. דער יונגער מלך האָט צעריסן די קליידער אויף זיך, געוויינט און אין גרויס טרויער געפאַסט פאַר זיינע זינד און די זינד פונם פאָלק.

אין גיכן איז אין דעם בית המקדש צונויפגערופן געוואָרן אַ גרויסע פאָלקס-פאַרזאַמלונג, די עלטסטע פון ירושלים און די עלטסטע פון די אַרומיקע שטעט האָבן זיך אַלע צוזאַמענגעקליבן, און אַזאַ פאַרזאַמלונג איז ניט געווען פריער און איז קיינמאָל ניט געווען שפּעטער אין די ווענט פון טעמפּל.

אַרומגערינגלט פון כהנים און נביאים האָט דער יונגער קעניג, הויך אויפן קול, איבערגעלייענט דעם ניי אַנטדעקטן בוך און אַלע, וואָס זיינען געווען פאַרזאַמלט אין הייליקטום, האָבן געמוזט שווערן, אַז זיי וועלן אויספאָלגן די געבאָטן פון דער נייער, פון דער אַלט-נייער תורה. די פאַרזאַמלטע האָבן צוגעזאָגט און גלייך איז מען טאַקע צוגעטראָטן אויסצוראָטן דעם אַלטן שטייגער.

אָנגעהויבן האָט מען מיט דעם, וואָס איז געווען לייכטער אָנצוהויבן, מען האָט גענומען אַרויסוואַרפן פון בית-המקדש די סימנים און די רעשטן פון געצנדינסט, וואָס האָבן זיך אין לויף

פון דורות (דוירעס) אָנגעקליבן אין בית־המקדש: די רייטוועגענער פאַר דער זון און די מזבחות (מיזבייכעס) פאַר די געטער און גע־טער־ווייבער, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען. אַלע געצנדינערישע הייליקטימער איבערן לאַנד האָט יאשיהו פאַרבאָטן און די כהנים געריפן קיין ירושלים, וואו מען האָט זיי געגעבן די ברירה (ברײ־רע) צו באַדינען אין בית־המקדש.

דאָס איז אָבער בלויז געווען דער אָנהייב, די אמתע רעפאָר־מען זיינען געווען די, וואָס האָבן אָנגערירט דאָס לעבן פון פאָלק, זיין ברויט, זיין רעכט און זיין פרייהייט.

43. די געזעצן פון ניי־געפונענעם בוך
[ספר דברים]

די געזעצן פון נייעם בוך זיינען ניט אויסן געווען פעסטצושטעלן אַלטן שטייגער און אַלטע פירונגען, פאַרקערט, זייער ציל איז געווען איינצופירן אינגאַנצן אַ נייעם שטייגער.

דער אַלטער שטייגער האָט מער ניט געטויגט, ער האָט ניט באַוואָרנט, אַז דער אָרימער זאָל ניט געקריוודעט ווערן, דער אַלטער שטייגער האָט ניט באַשיצט דעם טאָג־אַרבעטער, דעם פּאַראָרימטן פויער. ער האָט ניט איינגעצאַמט די זשעדנעקייט פון די ניי־אויפגעקומענע גבירים (גווירים). דאָס נייע בוך האָט געזוכט פון דאָס ניי פורימען דאָס לעבן; וואו עס האָט איבערגענומען אַלטן שטייגער, האָט עס געמאַכט גרויסע און וויכטיקע אויסבעסערונגען.

געזעצן וועגן קנעכט

דאָס אַמאָליקע ישראל האָט געליטן דערפון, וואָס זעלבשטענדיקע פויערים פלעגן פאַראָרימט ווערן און אַריינפאַלן אין קנעכטשאַפט. זעקס יאָר האָט אַ קנעכט געדאַרפט דינען, אויפן זיבעטן יאָר האָט אים דער האַר געמוזט באַפרייען.

קנעכט פלעגן פונדעסטוועגן זייער זעלטן באַפרייט ווערן. דאָס איז געשען צוליב די אַנדערע אָנווייזונגען פון געזעץ: בלויז דער קנעכט אַליין ווערט באַפרייט, אָבער ניט זיין פרוי און די קינדער, אויב נאָר דער באַלעבאָס האָט אים די פרוי געגעבן.

די זעקס יאָר פלעגן אַריבער, דער קנעכט האָט געקענט ווערן פריי, ער האָט אָבער ליב געהאַט זיין פרוי, ליב געהאַט די קינדער, און ניט געוואָלט פאַרלירן זיי... וואָס האָט ער געקענט טאָן? דער אָרימער פויער פלעגט בלייבן ביי זיין באַלעבאָס, דאָס מאָל אַן אייביקער קנעכט.

דער האַר פלעגט דעם קנעכט צופירן צו די ביישטידלען פון

דער טיר, דורכבויערן זיין אויער. די צערעמאָניע האָט באַטייט, אַז ער ווערט אויף שטענדיק אַ גליד פונם הויז־געזינט, פון היינט ביז אויף די אייביקע צייטן.

נאָך אַן אָפּהאַלט פאַר אַ קנעכט אַרויסצוגיין פריי איז געווען דער באַדינג, אַז ער גייט אַרויס מיט ליידיקן. דער האַר איז אים גאָרניט מחויב (מעכויעוו) צו געבן.

וואָס קען אָבער אַ מענטש טאָן, אויב ער האָט ניט דאָס מינדסטע פאַרמעגן? שוין גלייכער בלייבן אַ קנעכט, איז מען כאָטש פאַרזאָרגט מיט דעם אָרימען שטיקל ברויט. אַזוי פלעגט טאַקע זיין.

דאָס אַלטע געזעץ וועגן באַפרייען דעם קנעכט אויפן זיבעטן יאָר האָט גאָרניט אויפגעטאָן. דאָס נייע געזעץ־בוך האָט דעריבער געמאַכט פאָלגנדיקע אויסבעסערונגען: אַ קנעכט, ווען ער ווערט באַפרייט אויפן זיבעטן יאָר, זאָל ער ניט באַפרייט ווערן מיט ליידיקן. דער האַר מוז אים באַשענקען פון זיינע שאָף און פון זיין שייער און פון זיין קעלטער... דער אָרימער פויער זאָל האָבן מיט וואָס אָנצוהייבן פירן אַ באַלעבאַטישקייט.

באַפרייען דאַרף מען ניט בלויז דעם קנעכט, נאָר אויך זיין פרוי און די קינדער. (לויטן אַלטן געזעץ פלעגן פרויען בכלל ניט באַפרייט ווערן. וועגן זיי איז בלויז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז דער האַר זאָל זיי באַהאַנדלען גוט, זאָל זיי ניט קאַרגן אין עסן, געבן אַ שוך און אַ קלייד.) דאָס נייע געזעץ מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישן מאַן און פרוי, אַלע קנעכט דאַרפן אויפן זי־בעטן יאָר באַפרייט ווערן גלייך.

די צוויי אויסבעסערונגען האָבן געהאַט זייער אַ גרויסן באַטייט, וואָרום אַנדערש זענען די פריערדיקע גוטע וואונטשן גאָר־ניט ווערט געווען.

פון וואַנען קומט אָרימקייט און שקלאַפעריי

דאָס נייע געפונענע בוך גייט נאָך פיל ווייטער אין זיין פריינדלאַכקייט צום אָרימען און געפּלאָגטן. עס וויל אויסראָטן, ווי די שאַפער פונם בוך דוכט זיך אויס, די „וואָרצלען פון אָרימ־קייט און שקלאַפעריי“.

פאַרוואָס פאַרלירט איינער זיין הויז און זיין פעלד און ווערט

אַ קנעכט? ווייל ער האָט זיך אין אַ צייט פון אַ ניט־גערעטעניש, אָדער אין צייט פון אַן אַנדער אומגליק, פאַרשולדיקט און ניט געקענט שפּעטער באַצאָלן דעם חוב (כויוו). אויפן זיבעטן יאָר, באַשטימט דאָס נייע געזעץ־בוך, זאָלן אַלע בעלי־חובות (באַלע־כויוועס) באַפרייט ווערן פון זייערע שולדן. אויב עמיץ האָט במשך (בעמעשאַך) פון דער גאַנצער צייט ניט געקענט באַצאָלן זיין חוב (כויוו), ווערט ער אויפן זיבעטן יאָר באַפרייט.

די גאַנצע אויפפאָדערונג איז פאַרשטייט זיך געווען שטאַרק אוטאָפּיש, אָבער מען דאַרף געדענקען, אַז לייען, אין יענער אַל־טער צייט, פלעגט מען ניט כדי צו פירן געשעפטן און מאַכן פּראָ־פיט. עס פלעגן לייען הונגעריקע מענטשן, וואָס האָבן קיין ברויט ניט געהאַט. מען האָט געליִען ניט קיין געלט, אָדער וועלכע ניט איז איידעלע מעטאַלן, נאָר ווייצן־קערנער צו פאַרזייען דאָס פעלד, אָדער כדי צו באַשפּייזן די הונגעריקע פרוי און קינדער.

מיט די אַלע נייע געזעצן האָבן די געזעצגעבער געוואָלט אויספּורימען אַ פריי פאָלק, וואָס לעבט צופרידן אין זיין לאַנד, אַ מלוכה, וואָס ווייס ניט פון דעם אומרעכט און פון די אייביקע קאַמפן און קריגערייען, פון וועלכע ישראל האָט אַמאָל געליטן און איז טאַקע אונטערגעגאַנגען.

נאָר אַזאַ געאייניקטע, צופרידענע, גערעכטע מלוכה קען זיך אַנטקעגנשטעלן די שונאים פון אַרום, אַנדערש, צעקריגט און פאַר־ביטערט, וועט יהודה אונטערגיין, ווי ישראל איז אונטערגעגאַנגען.

דער פרעמדער, דער יתום און די אַלמנה

אַלע געזעצן אינם נייעם בוך רעדן מיט מענטשנפריינדלאַכ־קייט און פאַרשטענדעניש פאַרן אָרימען און געדריקטן. עס מערקט זיך דער טיפער איינפלוס פון דער נביאישער באַוועגונג, די רייד פון די גרויסע לערער, זייערע ווערטער זיינען ניט אַוועק מיטן רויך; די ליידן, וואָס זיי האָבן געליטן, זיינען ניט געווען אומזיסט; פון די ווערטער פונם ספר האָט אַרויסגעשיינט זייער באַשטענדי־קע זאָרג פאַרן אָרימען, פאַרן יתום און פאַר דער אלמנה.

דאָס נייע געזעץ־בוך האָט, למשל, אַ מערקווירדיק אַרבעטער־געזעץ. דעם לוין־אַרבעטער, ווערט אָנגעזאָגט, זאָל מען באַ־צאָלן יעדן אָוונט, נאָך איידער די זון וועט אונטערגיין. דער באַ־

לעבאָס טאָר אים ניט אונטערדריקן. ניט בלויז דעם אידישן אַר־בעטער מוז מען גוט באַהאַנדלען, נאָר אויך דעם פרעמדן, דעם גר (גער). מען דאַרף בכלל ניט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן אידישן און ניט־אידישן אַרבעטער.

דער נייער אופן (אויפן) צו פייערן פּסח

די רעפאָרמען פון קעניג יאשיהו האָבן אַנגערירט דאָס גאַנ־צע לעבן פון פאָלק. אפילו די יום־טובים האָבן באַקומען אַן אַנדער פּנים, איבערהויפּט דער יום־טוב פּסח. די ערשטע ענדערונג איז געווען בנוגע דעם אָרט: פּסח קען מער ניט געפייערט ווערן אין די הייליקטימער פון די דערפער און שטעטלאַך, אַלע אידן מוזן זיך צונויפקלייבן אין ירושלים און דאָרט פייערן דעם יום־טוב.

אָבער די וויכטיקסטע ענדערונג איז געווען ניט בנוגע (בע־נויגייע) דעם אָרט, נאָר בנוגע דעם כאַראַקטער פון דעם יום־טוב. אידן האָבן ביז דעמאָלט פאַרמאָגט צוויי פרילינג־יום־טובים: איינער אַ פּאַסטוכער־יום־טוב און נאָך איינער אַ פּויערים־יום־טוב.

ביים פּאַסטוכער־יום־טוב פלעגן די פּאַסטוכער קוילען די ערשט־געבוירענע שעפּסן און ציגן פון דער סטאַדע און ברענגען אַ קרבן (קאָרבן) צו יהוה. די פּאַסטוכער האָבן געגלויבט, אַז אויף דעם אופן וועלן זיי זיך אויסבעטן אַ גוט יאָר און דער עיקר, אַז אַ סך שעפּסן און ציגן וועלן געבוירן ווערן און עס וועט מיט זיי שפּעטער קיין בייז ניט געשען.

ביי די פּויערים איז דער פרילינג־יום־טוב געווען גאָר אַן אַנדערער. ער איז געווען פאַרבונדן ניט מיט די שאָף, נאָר מיט דער ערד און מיט דעם ערשטן שניט, ווען מען נעמט אַרונטער די תבואה (טוואוע) פון פעלד. דער פּויערישער יום־טוב איז גע־ווען אַ חג המצות (כאַג האַמאַצעס); די פּויערים ברענגען אַ מתּנה צו גאָט און דאַנקען אים פאַר דער גוטער גערעטעניש, אָבער זיי טוען דאָס אין געאייל און דעריבער קענען זיי ניט זייערן קיין טייג און באַקן ברויט; באַקן זיי ליבערשט ניט־געזייערטן ברויט, מצות, און זאָל יהוה וויסן ווי שטאַרק אין זינען די פּויערים האָבן אים און ווי געטריי זיי זיינען.

אין יאשיהוס צייטן זיינעןביידע יום־טובים פאַרבונדן גע־וואָרן, דער יום־טוב פון די פּאַסטוכער און דער יום־טוב פון די

ערד־אַרבעטער, אָבער די דערקלערונג פונם יום־טוב איז איצט געווען גאָר אַן אַנדערע. פּסח איז געוואָרן אַ יום־טוב פון אַ גרויסער באַפרייאונג, אַ יום־טוב צו פייערן די באַפרייאונג פון אידישן פאָלק, וואָס האָט זיך אַמאָל, אַמאָל אַרויסגעראַטעוועט פון דער שקלאַפעריי אין עגיפּטן.

אָנשטאָט אַ יום־טוב פון ערד־אַרבעט און שאָף און ציגן איז פּסח געוואָרן אַ פרייהייט־יום־טוב, אַ שיינע דערמאָנונג און אַ רוף צום קאַמף.

דער באַדייט פון נייעם יום־טוב

דער נייער יום־טוב האָט צוגעקראָגן אַ פּאָליטישע באַדייטונג

די גרויסע אויפזאַמלונג פון פאָלק, וואָס יאשיהו (יורשיאָהו) האָט צונויפגעקליבן, איז געווען א וואָרנונג, אַז די קליינע מלוכה איז בכח (בעקויאַך) צו פאַרטיידיקן אירע גרעניצן קעגן אַלע פיינט.

ירושלים האָט אַזוי פיל מענטשן קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען. פון גאַנצן לאַנד האָבן זיך אויפגעקליבן אידן, אַלט און יונג, געקומען פייערן דעם יום־טוב פון באַפרייאונג... מיט גלויבן און מיט עקשנות (אַקשאָנעס) געשוואוירן ניט אונטערגעבן זיך, נאָר שטרייטן!

אַלע הערצער זיינען פול געווען מיט פרייד און מיט אויפמונטערונג: יהודה איז ניט ישראל; שומרון איז אונטערגעגאַנגען, חרוב (כאַרעוו) געוואָרן, ווייל ס'פאָלק איז געווען צעריסן, יהודה איז אייניק, אַ פריי לאַנד, זעלשטענדיק, ניט אָפּהענגיק פון קיין שום פרעמדער מלוכה און אייניק...

יאשיהוס האַנדלונג איז געווען קלוג פאַרקלערט. דרייצן יאָר האָט ער געהערשט נאָך דער פייערונג. קיינער האָט יהודה ניט געשטערט. קיינער איז דאָס לאַנד ניט באַפאַלן. יאָרן פון אָפּרו און שלום זיינען געקומען אויף יהודה.

האָט מען טאַקע דאָס בוך געפונען?

היינט ווייסן מיר, אַז דאָס נייע געפונענע בוך איז קיינמאָל ניט געפונען געוואָרן. דאָס איז געווען אַ פאַרשווערונג פון די כהנים צוזאַמען מיט די נביאים, אָבער אַ גוטע פאַרשווערונג. דאָס

וואָס מען האָט דאָס בוך צוגעשריבן משהן, איז געווען דער נוסח (נוסאַך), דער שטייגער, פון דער אַלטער צייט. אַלע גוטע געזעצן, האָט מען זיך פאָרגעשטעלט, אַז זיי שטאַמען פון משהן, דעם ערשטן גרויסן געזעץ־געבער. אויב מען האָט אפילו צוגעשריבן אייגנס, איז קוים האָט דער מענטש געגלויבט, אַז זיי שפּיגלען אָפּ באמת דעם מהות (מעהוס) פון מענטשלאַכן צוזאַמענלעבן, האָט ער זיך אויך אַליין פאָרגעשטעלט, אַז ער איז ניט דער ערשטער, וואָס האָט זיי אויסגעפונען; דאָס האָט זיי שוין משה פון לאַנג אויפגעשריבן און פאַרזאָגט דעם פאָלק ישראל, — נאָר דאָס פאָלק האָט די גוטע געזעצן פאַרגעסן, די קעניגן האָבן אויסגעראָטן אַלץ, וואָס איז געווען גערעכטיק און אמתדיק אין לאַנד.

די כהנים און די נביאים האָבן ניט געלייגט, ווען זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָס בוך שטאַמט פון משהן, כאָטש זיי אַליין האָבן גוט געוואוסט, ווער דאָס בוך האָט געשריבן.

דער יונגער קעניג, ער אַליין, האָט באמת געגלויבט. ער האָט מיט זיין אייגענעם כח דורכגעפירט אַ רעפאָרם, וואָס האָט באַגרעניצט די קעניגלאַכע מאַכט. ער האָט באמת דורכגעפירט גרויסע געזעלשאַפטלאַכע רעפאָרמען. וואָס האָבן געדאַרפט פון גרונט אויס ענדערן די פאַרהעלטעניש אין לאַנד און אָפּשאַפן נויט, אָרימקייט און אומרעכט אין יהודה.

יאָרן לאַנג, קען זיין, האָט זיך די איבערקערעניש געגרייט, זי איז ניט אַרויסגעשפּרונגען פלוצלונג. יעדע גרופּע, וואָס איז צוגעשטאַנען צו דער פאַרשווערונג, האָט געהאַט איר אויסרעכענונג. זיי אַלע האָבן אָבער געוואָלט, אַז מער זאָלן זיך אַזעלכע צייטן ווי אונטער מנשהן ניט אומקערן.

דער יונגער קעניג יאשיהו איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן פון די כהנים אין בית המקדש. די פירונג פון דער מלוכה איז באמת אויך געלעגן אין די הענט פון די כהנים. אפילו ווען יאשיהו איז עלטער געוואָרן, איז ער אויך געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון די כהנים פונם ירושלימער בית המקדש.

די כהנים זיינען געווען אַ נייער כח ביי דער מאַכט און כדי איינצוהאַלטן זייער ממשלה (מעמשאָלע) האָבן זיי געדאַרפט האָבן שותפים (שוטפים), ווייל שונאים האָבן זיי געהאַט גענוג אין די גרויסע ערד־אייגנטימער און אין דעם הייפל הענדלער, וואָס האָט זיך געפונען אין לאַנד.

די געשעענישן אין דער וועלט

די געשעענישן אין דער גרויסער וועלט האָבן צוגעהאָלפן דער קליינער מלכות יהודה. אַשור איז געווען געשלאָגן און כסדר פאַרנומען אין מלחמות און ביטערע צוזאַמענשטויסן מיט די באַבילאָניער.

יאָרן־לאַנג זיינען די באַבילאָניער געווען אונטערדריקט, פאַר־געסן די יאָרן פון אַמאָליקער גרויסקייט, ווען בבל האָט געהערשט איבערן גאַנצן צוויי־טייכן־לאַנד, איבער סיריע, אויך איבער אַשור, און געהאַלטן אין שרעק עגיפטן. בבל האָט געדולדיק געדינט אַשור. אין זיבעטן יאָרהונדערט איז אָבער פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדע־רונג. די בבלים האָבן זיך פאַראייניקט מיט די כאַלדייער (אַ וואַנדער־פאָלק, ניט לאַנג איינגעוואַנדערט פון מדבר) און האָבן רעוואָל־טירט קעגן אַשור. פאַראייניקטערהייט איז בבל צוריק געוואָרן שטאַרק, מעכטיק, געריסן זיך ווערן אַ וועלט־מאַכט.

עגיפטן האָט געטאָן אַלץ אין אירע כחות איינצוהאַלטן, העלפן די אַשורישע מלוכה. דעם עגיפּטישן פּרעה האָט זיך בעסער געלוינט האָבן צו טאָן מיט אַן אָפּגעשוואַכטן אַשור, איידער מיט אַ שטאַרקן בבל. מצרים איז שוין לאַנג געווען ניט מער, ווי אַן איבערגעבראָכענער שטעקן און די טעג פון אַשור זיינען געווען געציילטע.

אין יאָר 616 איז געקומען צו אַן אַנטשיידענער שלאַכט. נכו, דער פּרעה פון עגיפטן, האָט מאַרשירט אין מלחמה קעגן בבל אונ־טערצושטיצן אַשור. עטלעכע יאָר האָט געדויערט דאָס געראַנגל.

די אידן און דער פעלקער־קאַמף

קיין גוט־פריינדשאַפט איז צווישן עגיפטן און יהודה ניט געווען. יאשיהו האָט ניט געוואָלט אַריינגעשלעפּט ווערן אין אַ קריג קעגן בבל צו העלפן אַשור, העלפן דעם אַמאָליקן באַדריקער. די מלוכה פון אַשור האָט בכלל (ביכלאַל) ווייניק גוטע פריינד פאַרמאָגט צווישן די פעלקער פון סיריע. אויך די אידן האָבן ניט געוואָלט לויפן ראַטעווען דעם רויב־פויגל פון דעם צוויי־טייכן־לאַנד, וואָס האָט זיין נעסט געבויט, חרוב מאַכנדיק די היימען פון אַלע אַרו־מיקע פעלקער.

יאשיהו פאַרלירט

אינם יאָר 608 פ. ק. איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישן פרעה נכו, דעם העלפער פון אשור, און יאשיהוס אַרמיי. ס'איז ניט געווען קיין גלייכער פאַרמעסט. די אידן זיינען צעשלאָגן געוואָרן. יאשיהו אַליין איז געפאַלן.

ווען די טרויעריקע בשורה (בסורע) איז אָנגעקומען קיין ירושלים איז דאָס געווען דער שטאַרקסטער קלאַפּ, וואָס דאָס פאָלק האָט גע־קראָגן, ווארום יאשיהו איז געווען אַ קעניג, וואָס ניט די האַרן, נאָר די געמיינע לייט פון פאָלק, די פויערים, האָבן אַרויפגעזעצט צו קעניגן.

אַרבעט צו טאָן!

יאשיהוס רעפאָרמען

(שטעלט אַריין די פאַרפעלטע ווערטער)

יאשיהו האָט דורכגעפירט אין לאַנד גרויסע — — —	חובות
דער יונגער יאשיהו איז געשטאַנען אונטער איינ־פלוס פון די — — — — — — — — — — — —	קנעכט
די רעזולטאַטן פון זיינע רעפאָרמען זיינען געווען זייער — — — — — — — — — — — — —	לעבן
די שטאָט ירושלים איז געוואָרן דער צענטער פון אידישן — — — — — — — — — — — — —	עגיפּטן
אַלע ימים טובים האָבן געדאַרפט געפייערט ווערן אין — — — — — — — — — — — — —	רעפאָרמען
די וויכטיקסטע פאַראָרדנונגען זיינען געווען וועגן — —	ירושלים
אויך וועגן די פויערים, וואָס האָבן געקומט גרויסע — —	דורכגעפירט
ליידער איז דער גרעסטער טייל רעפאָרמען געבליבן ניט — — — — — — — — — — — — —	וויכטיקע
יאשיהו איז יונג געשטאָרבן אין קאַמף מיט — — —	נביאים

אַ בינטל היסטאָרישע בריוו

זאָל דער קלאַס שרייבן בריוו פון פאַראָרימטע פויערים, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן פון קנעכטשאַפט.

מען קען אויך שרייבן אַ בריוו פון אַ טאָג־לוינער, אַ פשוטן אַרבעטער אין ירושלים, צו זיינעם אַ חבר וועגן נייעם געזעץ־בוך.

(ניט די פויערים און ניט דער טאָג־לוינער קענען, פאַרשטייט זיך, שרייבן. זיי דיקטירן בלויז די בריוו, שרייבן שרייבט זיי אַ שרייבער אויפן מאַרק. וועגן דער קונסט פון שריפט און שריפט־קענעוודיקייט ביי אידן אַמאָל, לייען אין דער אָפּטיילונג: „דער לעבנשטייגער פון די אידן פאַרצייטן").

ווער קען דערקלערן:

א. מיט וואָס איז דער אַלטער פסח געווען אַנדערש פונם נייעם?

ב. וואָס איז יאשיהו אויסן געווען מיט די ענדערונגען אין דער פסח־פייערונג?

44. די רעפאָרם־פּאַרטיי פּאַרלירט: צוריק בײַם אַלטן

מיט יאשיהוס טויט איז פאַנאַנדערגעפאַלן די רעפאָרם־פּאַר־טיי און עס איז איצט מער גאָרניט געווען, וואָס זאָל אָפּהאַלטן מלכות יהודה פון אונטערגאַנג.

יהודה איז איצט, ווי פריער, געווען פאַרטיילט אויף פיינד־לאַכע גרופּעס, זיי האָבן זיך נאָכאַנאַנד אַרומגעקריגט. קיינער האָט מער ניט געגלויבט אינם כח פון אייגענעם פאָלק, וואָס פאַרייניקט קען עס אַריבערטראָגן אַלע שטורמס און ניט אומקומען. אַלע האָפנונגען זיינען געווען געווענדעט אויף עגיפּטן. מיט זיין כח וועט יהודה אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון בבל. מיט זיין גוט באַוואָפנ־טער אַרמיי וועט יהודה פאַריאָגן די בבלים.

די וואָס האָבן געהאָפט אויף עגיפּטן

פאַרוואָס איז די הערשאַפט פון עגיפּטן מער ליב געווען, ווי די הערשאַפט פון בבל, איז אונז היינט שווער אויסצוגעפינען. זיי־נען דאָ געווען פאַרמישט די אינטערעסן פון די רייכע קלאַסן אין יהודה? מסתמא. אין וואָס געענוי די אינטערעסן זיינען באַשטאַנען פאַרשטייען מיר נאָך ניט. עס קען אויך זיין, אַז עגיפּטן האָט גע־מאַכט צוזאָגן, פריינדלאַכע הבטחות (האַוטאָכעס) צו געווינען די פירנדיקע גרופּן אין יהודה. נאָר איינס איז קלאָר: פונקט ווי אין יהודה האָבן זיך געפונען אָנהענגער פון מצרים, אַזוי זיינען אויך געווען שטאַרקע אָנהענגער פון בבל, מענטשן, וואָס האָבן בעסער געוואָלט לעבן אונטער דער הערשאַפט פון דעם מעכטיקן בבל, איידער אָנהייבן אַ קריג און ווידער אַריינברענגען צערודערונג און חורבן אין לאַנד. אויך די אָנהענגער פון בבל האָבן געהאַט אינטערעסן. נאָר זייער אייגננוצן איז געווען פאַרבונדן מיט בבל.

די וואָס האָבן געגלויבט אינם כח פון פאָלק

אין פאָלק איז געווען נאָך איין שטרעמונג, וואָס האָט ניט

געהאָפּט אויף קיין בונד, מיט קיינעם ניט; ניט בבל און ניט מצרים קען העלפן די פאַרפייניקטע יהודה. אויב מען מוז איבערטראָגן די הערשאַפט פון בבל איז דאָס, ווייל מען מוז און ס'איז בעסער שלום מאַכן מיטן גורל. אויף עגיפּטן איז גאָרניט פאַראַן וואָס צו האָפן, עגיפּטן איז אַן איבערגעבראָכענער שטעקן, און מען קען זיך אויף אים ניט אָנלענען. ניט בבל און ניט מצרים זיינען באַשיצער פון ישראל. זיי זיינען אונטער־דריקער, נאָר בבל האָט איצט די מאַכט און מצרים זוכט ערשט די מאַכט אריינצוקריגן אין אירע הענט.

קיין מלחמה מיט קיינעם פון די שטאַרקע שכנים, אייניקייט אין פאָלק, אַ גערעכטע מלוכה־אָרדנונג אין לאַנד גופא!

די באַוועגונג פאַר אייניקייט איז געווען צעשלאָגן

די באַוועגונג פאַר אייניקייט אין פאָלק און שלום מיט די שטאַר־קערע שכנים, אַפילו אונטערטעניקייט, אויב קיין אַנדער ברירה (ברייירע) איז ניט פאַראַן, די באַוועגונג איז געווען צעקלאַפּט, כאָטש זי האָט געהאַט אַ סך אָנהענגער. די גרויסע פאָלקס־מאַסן זיינען געווען די טרעגער פון דעם געדאַנק און די נביאים, זיינע איבערגעגעבענע וואָרטפירער.

דער טויט פון יאשיהו האָט די באַוועגונג פאַר אַ גערעכטער מלוכה־אָרדנונג דערשלאָגן אינגאַנצן. יאשיהו איז געווען אַזוי שטאַרק איבערצייגט אין דער וואונדערלאַכער הילף, וואָס יהוה וועט אַרויסווייזן זיין אויסדערוויילט פאָלק, אַז ער האָט זיך גע־לאָזט פאַרפירן פון זיין גערעכטער שנאה צו מצרים און האָט פאַרשטעלט דעם וועג פאַר פרעהס אַרמיי.

יאשיהו האָט געגלויבט, אַז קוים וועט דאָס פאָלק זיין אייניק, קען עס אַפילו ווידערשפעניקן די גרויסע וועלט־מאַכטן און זיגן אין געראַנגל. זיין פריצייטיקער טויט איז געווען אַן אַנטוישונג אין יהוהס וואונדערלאַכער הילף; געצנדינערייי האָט ווידער גענו־מען אַריינקריכן אין אַלע ווינקעלאַך פון לעבן. ווי דעם באַזיגטן, דער זיגער הערשט! יהוה איז געווען געשלאָגן און מיט אים דאָס פויערים־פאָלק.

45. דער נביא פון צער און ליידן — ירמיהו

אין יענער אומרואיקער צייט, ווען דער שאָטן פון אונטערגאַנג האָט זיך אויסגעלייגט אויף די בערג פון יהודה, האָט געלעבט און געווירקט דער איידלסטער פון אַלע נביאים, דער נביא פון צער און ליידן — ירמיהו.

ער איז געבוירן געוואָרן אינם יאָר 650 פ. ק. אין דער ביטער־סטער צייט, וואָס יהודה האָט דורכגעלעבט (דער בייזער מנשה האָט דעמאָלט געהערשט).

דאָס געבוירן־אָרט פונם נביא איז געווען דאָס קליינע שטע־טעלע ענתות (אַנאָטויס), פיר מייל פון ירושלים, אויף דער גרעניץ פון ישראל.

אין זיין קינדהייט האָט ירמיהו איינגעזאַפּט די טראַדיציעס סיי פון יהודה, סיי פון דעם אונטערגעגאַנגענעם ישראל; אים זיינען ניט פרעמד געווען די שריפטן פון עמוס און ישעיה, די רייד פונם פויער מיכה, די געשיכטעס פון די וואונדערלאַכע דער־ציילער, וואָס האָבן פאַרשריבן דעם גורל (גוירל) פון פאָלק, זיינע ליידן און נסיונות (ניסיוינעס).

דער יונגער ירמיהו איז אויפגעוואַקסן גוט באַהאַוונט אין דער שיינער ירושה, וואָס די דענקער און די טרוימער פון זיין פאָלק האָבן איבערגעלאָזן. די ליטעראַטור ביים פאָלק ישראל איז שוין דעמאָלט געווען אַרום פינף הונדערט יאָר אַלט און איז גע־ווען די שענסטע ליטעראַטור אין אַלטן מזרח (מיזראַך).

דער צאַרטער און איידעלער ירמיהו, רירנד און ליב, וואָלט אַוודאי אויסגעוואַקסן אַ דיכטער, אַ זינגער וועגן וואונדער פון מענטש און וועלט. אָבער ירמיהו איז ניט געבוירן געוואָרן אין קיין צייט פון רו און שטילע חלומות, ער האָט איבערגעלעבט דאָס ערגסטע, וואָס האָט זיין פאָלק געקענט באַפאַלן: מלחמה, הונגער, אומגליק און אונטערגאַנג, און אַנשטאָט אַ דיכטער איז ער אויס־געוואַקסן אַ נביא און אַ קעמפער.

די אַנטפּלעקונג

ס'איז געווען דאָס יאָר 626, ווען ירמיהו איז אויפגערופן געוואָרן צו דער נבואה. אויפן שטייגער פון דער אַלטער צייט, דערציילט ער, ווי יהוה האָט זיך צו אים אַנטפּלעקט, נאָר ירמיהו איז פאַרציטערט געוואָרן: ווי קען ער זיין אַ נביא, ער איז צו יונג, ער קען ניט ריידן. נאָר יהוה האָט ירמיהון אָפּגעענטפערט:

אײידער איך האָב דיך אין בויך באַשאַפן,
האָב איך דיך דערקענט!
אײידער דו ביסט פון מוטערס טראַכט אַרויס,
ביסטו פאַר אַ נביא אויף פעלקער באַשטימט!
...ענטפער ניט:
איך בין יונג.
דו וועסט גיין,
וואו איך וועל דיך שיקן!
ריידן וועסטו, וואָס איך וועל דיך הייסן!

דער יונגער נביא, קוים 24 יאָר אַלט, נעמט אויף זיך די לאַסט פון אַ שווערער און קעמפעריש לעבן. קעגן דער גאַנצער וועלט מוז ער זיך אַנטקעגנשטעלן, אָן מורא און אָן צוריקטריט. דער באַשיידענער מענטש, וואָס האָט געשטרעבט צו שלום און רו, מוז פירן אַן אייביקן קאַמף.

די ערשטע טריט

דער ערשטער שטויס, וואָס האָט אַרויפגעפירט דעם נביא אויפן דאָרנדיקן וועג פון נבואה, איז געווען דער אָנפאַל פון די סקיטן, אַ ווילד פאָלק, וואָס האָט זיך געריסן פון די ברעגן פון שוואַרצן ים און געשטעלט אין געפאַר אויך ארץ־ישראל.

אומרואיק האָט געקוקט דער יונגער ירמיהו צום צפון (צאָפן) און געזען דאָס גרויסע אומגליק, וואָס קלייבט זיך אויף יהודה. דאָס ווילדע פאָלק וועט חרוב מאַכן די שטעט און פאַרוויסטן די דערפער. ס'איז ניטאָ קיין רעטונג פון זיין צאָרן, ווייל יהוה שיקט דאָס אכזריותדיקע (אַכזאָריעסדיקע) פאָלק צו באַשטראָפן די אידן.

ירמיהו קען ניט רוען. דאָס גרויסע אומגליק פילט אים אָן מיט שרעק. און כאָטש ער ווייס, אַז זיינע ווערטער וועלן וועקן

שנאה ביי די פירער פון פאָלק, קומט ער אַרויס מיט זיין נבואה פון אומקום, פון אונטערגאַנג.

אין וואונדערלאַכע לידער גיט ער איבער זיין אומרו, זיין טרויער.

ער קוקט אויף די פעלדער און אויף די בערג, ער באַוואונדערט זייער פראַכט, ער הערט דאָס פויגל־געזאַנג, ער זעט די פרייד פון מענטשן אין פעלד און פלוצלונג ווערט אַלצדינג פאַרשוואונדן.

פאַרוואָס אָבער דאָס פלוצלונגדיקע אומגליק אויף יהודה? פונוואַנען דער צאָרן פון יהוהן אויף זיין אייגן פאָלק? יהוהס צאָרן איז צוליב די שלעכטע מעשים פונם פאָלק, וואָס האָט פאַרגעסן אָן זיין גאָט, אַ גאָט פון גערעכטיקייט, און איז אַוועק נאָך פרעמדע געטער, געטער, וואָס מאָנען נאָר מתנות און ליב און ווייטער זיינען זיי גרייט צו פאַרקוקן אַלדאָס־בייז.

ירמיהו האָט געוואָלט באַצייטנס וואָרנען זיין פאָלק, און בעת מעשה (בעאייס מייסע) האָט ער זיך ביים פאָלק געבעטן עס זאָל תשובה (טשואווע) טאָן.

עס הייסט אָנהייבן אַ ניי לעבן, עס הייסט אָפּקערן זיך פונם געצנדינסט, וואָס פאַרמיאוסט דאָס פאָלק און עס באַדייט אויך אויפהערן זוכן נייע בונדן, צי דאָס איז מיט אַשור, צי דאָס איז מיט עגיפּטן.

טרויעריק איז דעם נביאס בליק און פינסטער.

אין זיין טרויער רייסט זיך אָבער אויך דורך אַ געפיל פון האָפנונג. ער גלויבט נאָך אַלץ אין דער ווידער־אויפלעבונג אַפילו פון ישראל. ער פילט, אַז דאָס שרעקלאַכע אומגליק וועט ניט אַריבער אָן אַ גוטער ווירקונג אויפן פאָלק. דאָס פאָלק וועט אומקערן זיך פון זיינע שלעכטע וועגן און לערנען עפּעס פון זיין אומגליק.

ירמיהו האָט אין זיין יוגנט געפילט אַ צוגעבונדנקייט צו ישראל (ער אַליין האָט געשטאַמט פון שבט בנימין), אָבער זיין לעבן און זיין נבואה האָט ער געווידמעט צו די אידן פון יהודה.

ווען אין לאַנד זיינען פאָרגעקומען די גרויסע רעפאָרמען פונם קעניג יאשיהו, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג צו

מאַכן אַ סוף צום געצנדינסט און צו דער באַדריקונג פון פאָלק, איז דער יונגער ירמיהו צו איר צוגעשטאַנען.

זיינע מוטיקע רייד האָבן אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די האַרן און אַפילו פון זיינע נאָענטסטע קרובים (קרויווים) און פריינד. ער איז געווען אַ כהן, געשטאַמט פון דורות (דוירעס) דאָרפישע כהנים (קויהאַנים) און איצט האָט ער זיי באַקעמפט. ס׳איז גוט, האָט ירמיהו געטענהט (געטיינעט), וואָס יאשיהו טוט. כהנים (קוי־האַנים) ווערן אַראָפּגעטריבן פון זייער ערד, מען לאָזט זיי מער ניט פראַוון קיין געצנדינסט און ער זאָגט, אַז עס איז גוט אַזוי.

אין ענתות איז מען געווען שטאַרק פאַרביטערט קעגן דעם יונגן נביא. מען האָט אים געוואָלט טויטן. נאָר ירמיהו איז באַ־צייטנס אַנטלאָפן קיין ירושלים. אָבער ערשט אין ירושלים האָט זיך אָנגעהויבן זיין שווערע אַנטוישונג און זיין קאַמף פאַר רעכט און גערעכטיקייט.

דער נביא אויף די גאַסן פון ירושלים

ירמיהו איז אָנגעקומען קיין ירושלים, דער שטאָט מיט די שיינע פּאַלאַצן און געמויערטע הייזער. ענתות איז אַקעגן ירושלים געווען אַ קליין דערפל. אָבער דערפאַר איז אויך דאָס בייז, וואָס ער האָט געזען אין ענתות, געווען קליין אַקעגן דעם, וואָס ער האָט געפונען אין דער אידישער הויפּטשטאָט.

ירמיהו איז געגאַנגען איבער די גאַסן אַ פאַרציטערטער. נאָר אומרעכט און פאַרברעכן, נאָר ליגן און פאַלשקייט, מער האָט ער ניט געזען; פריער האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז אפשר בלויז צווישן פּראָסטן, געמיינעם פאָלק: „דאָס זיינען בלויז די אָרימע", האָט ער זיך געטרייסט, „זיי זיינען נאַריש" (אין אים האָט נאָך געלעבט דער כהן, וואָס נאַרישקייט און אָרימקייט זיינען ביי אים איינס). „איך וועל גיין צו די גרויסע, און וועל ריידן מיט זיי". אָבער ערשט ביי די רייכע אידן פון ירושלים האָט ער געפונען די יאָגעניש נאָך פרעמדן שטייגער (נאָך פרעמדע געטער), אומ־טריישאַפט צום פאָלק, ליגן.

„וואַנדערט אום אין די גאַסן פון ירושלים, — שרייט אויס דער נביא, — און זעט אָקאָרשט און ווערט געוואָר, זוכט אין אירע

מערק, אויב איך וועט געפינען אַ מענטשן, אויב עס איז דאָ ווער, וואָס טוט גערעכטיקייט און זוכט אמת..."

"...צווישן מיין פאָלק געפינען זיך רשעים (רעשאָים). זיי קוקן נאָך, אַזוי ווי פויגל-פאַנגער לויערן זיי, שטעלן אַ פאַסטקע מענטשן צו פאַנגען. ווי אַ שטייג פול מיט פויגלען, אַזוי זיינען זייערע הייזער פול מיט פאַלשקייט. דעריבער זיינען זיי גרויס און רייך געוואָרן, פעט און גראָב זיינען זיי געוואָרן. יאָ, זיי שטייגן אַריבער אין בייזע שטיק איינע די אַנדערע. פאַר רעכט נעמען זיי זיך ניט אָן, פאַרן רעכט פון יתום, אַז זיי זאָלן אים דורכפירן. און דעם משפט פון אָרימע משפטן (מישפּעטן) זיי ניט..."

"... אַ שרעק, אַ שוידער געשעט אין לאַנד: די נביאים זאָגן נביאות אויף ליגן, און כהנים געוועלטיקן זיי צו דער האנט, און מיין פאָלק האָט עס ליב אַזוי."

ירמיהו ווייטיקט אויפן גורל (גוירל) פון זיין פאָלק: אַ לאַנד מיט אַזעלכע פירונגען קען לאַנג ניט עקזיסטירן. אין אַ ריי רירנ-דיקע לידער באַוויינט ער דעם ביטערן מזל פונם פאָלק, וואָס וועט אומקומען אין בלוט און פייער.

"וועגן די בערג וועל איך אויפהייבן אַ געוויין און אַ יאָמער,
און וועגן די פּיטער-פּלעצער פון מדבר אַ קלאָג,
וואָרום זיי זיינען פאַרוויסט, אַז קיין מענטש גייט ניט דורך,
און זיי הערן ניט קיין קול פון פי.
פון אַ פויגל אין הימל ביז אַ בהמה זיינען אַנטלאָפן, אַוועק,
און איך וועל מאַכן ירושלים פאַר הויפנס,
אַ וואוינונג פון שאַקאַלן,
און די שטעט פון יהודה וועל איך מאַכן אַ וויסטעניש,
אָן אַ באַוואוינער.

...קוקט זיך אום, און רופט די קלאָגערינס, זיי זאָלן קומען,
און נאָך די קלוגע ווייבער שיקט, זיי זאָלן קומען.
און זאָלן זיי איילן און אויפהויבן אויף אונז אַ יאָמער,
אַז אונזערע אויגן זאָלן צעגיין אין טרערן,
און אונזערע ברעמען זאָלן פליסן מיט וואַסער.
וואָרום אַ יאָמער-קול הערט זיך אין ציון:
ווי זיינען מיר פאַרוויסט געוואָרן!
מיר זיינען פאַרשעמט ביז גאָר,

ווייל מיר האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד,
ווייל אַרויסגעוואָרפן האָבן אונז אונזערע וואוינונגען.

...לערנט אייערע טעכטער אַ יאָמער
און איינע די אַנדערע אַ קלאָג.
וואָרום דער טויט איז אַרויפגעגאַנגען אין אונזערע פענצטער,
געקומען אין אונזערע פּאַלאַצן,
צו פאַרשניידן אַ קינד פון דער גאַס,
בחורים פון די מערק.

...די טויטע לייבער פון מענטשן וועלן פאַלן
ווי מיסט אויפן פרייען פעלד,
און ווי אַ הייפל הינטערן שניטער,
וואָס קיינער קלייבט ניט אויף.

קאַלט איז געבליבן דאָס פאָלק פון ירושלים צו די רייד פון יונגן נביא, מיט חוזק (כויזעק) און שפּאָט געקוקט אויפן פרעמדן פון ענתות און געלאַכט פון זיין שרעק און פאַרצווייפלונג.

די שטאָט איז אים נמאס געוואָרן, אירע מענטשן דערווידער.

ווער גיט מיר אין מדבר
אַ האַרבעריק פאַר וואַנדערער, האָט זיך דער נביא געבעטן,
איך וואָלט פאַרלאָזן מיין פאָלק און אַוועקגיין פון זיי!
וואָרום אַלע זיינען נואפים, אַ געזעמל פון פעלשער.

ירמיהו איז אין ירושלים פאַרבליבן. דאָס ווילדע פאָלק, די סקיטן, זיינען יהודה ניט באַפאַלן, זיי זיינען אַדורך דעם טאָל פון פלשתים־לאַנד און זיינען צוגעקומען צו די גרעניצן פון עגיפּטן. דער פרעה פון מצרים האָט זיי אונטערגעקויפט; אויך אויפן וועג צוריק האָבן זיי אויסגעמיטן די בערג פון יהודה.

די אידן זיינען געראַטעוועט געוואָרן פון אַ שרעקלאַך פאָלק, וואָס האָט געגעבן אַ טויט־קלאַפּ אַשור און אויך גוואַלדיק אָפּגעשוואַכט עגיפּטן. זייער דערשיינען האָט אָבער צוגעהאָלפן די רעפאָרמען פון יאשיהו. איצט האָט דער מלך דערזען אַ מעגלאַכקייט זיך צו דערקלערן אומאָפּהענגיק סיי פון אַשור, סיי פון עגיפּטן.

פון יאשיהוס רעפאָרם האָט ירמיהו, ווייזט אויס, געהאַלטן, אָבער אינגאַנצן צופרידן איז ער ניט געווען: דאָס געזעץ פון

אַ בוך קעז ניט פאַרבייטן דאָס אינווייניקסטע געפיל פון מענטשן און טיף איז האַרצו האָבן זיך די הערשער־קלאַסן פון יהודה ניט געביטן.

נאָר לאַנג איז אַפּנים יהודה קיין שלום ניט געווען באַשערט. די גוטע יאָרן אונטער יאשיהון האָבן זיך גיך פאַרענדיקט. אין אַ צוזאַמענשטויס מיטן פרעה פון עגיפּטן איז דער קעניג יאשיהו דערהרגעט געוואָרן. דאָס פאָלק האָט אַרויפגעזעצט אויפן טראָן זיין אינגסטן זון, וואָס האָט געזאָלט גיין אין די גוטע וועגן פון זיין פאָטער, אָבער דער פרעה האָט דעם יונגן מלך ניט געטרויט, ער האָט אים אַראָפּגעזעצט און פאַרשיקט איז דער פרעמד.

דאָס פאָלק האָט נאָך אַלץ געטרויערט אויפן טויט פון יאשיהון; ירמיהוס האַרץ איז אָבער אויסגעגאַנגען נאָך יאשיהוס זון, וואָס זיין יוגנט איז אַזוי טרויעריק פאַרשניטן געוואָרן.

„איר זאָלט ניט וויינען אויפן טויטן,
און ניט באַדויערן אויף אים", האָט ירמיהו געהייסן,
„וויינען ווינט אויף דעם, וואָס גייט אַוועק,
וואָרום ער וועט זיך מער ניט אומקערן
און זען דאָס לאַנד פון זיין געבורט".

דער יונגער מלך האָט זיך טאַקע מער שוין קיינמאָל ניט אומגעקערט.

טעג פון אומרו און שרעק

שרעק און אומרו האָט געהערשט אין ירושלים; פינסטערניש און אומזיכערקייט האָט ירמיהו געזען אַרום זיך. וואָס וועט דער מאָרגן ברענגען? ירושלים אַרומגערינגלט מיט אַ הייפל דערפער און אַ זשעמניע אָרימע קליינע דערפער־שטעט, נישטיקע, האַלב־חרובע פון אָנפאַל און רויב. ביידנע האָבן זיי זיך געטוליעט צו דער מאַמע־שטאָט, ירושלים.

ס'איז מער ניט געווען די גרויסע הערשערייען... נאָר אַ גלויבנס־שכרות (שיקרעס) האָט אַלעמען די אויגן פאַרבלענדט: ירושלים וועט ניט אומקומען! אַ ווילדער גלויבן האָט געברענט אין אַלעמענס אויגן.

ירמיהו האָט ניט געגלויבט: ווער האָט ירושלים געהייליקט? ווער האָט זי אויסדערוויילט פון אַלע שטעט? איז דען די הייליקע

שילו (שילו) אַמאָל ניט געפאַלן? ניט ירושלים, נאָר דעם פאָלק האָט יהוה (יאהווע) געטריישאַפט געשוואוירן. אָבער דאָס פאָלק איז געפאַלן, דאָס פאָלק ברענגט לעמער, דער רויך טראָגט זיך צום הימל; דאָס פאָלק מיינט באמת, אַז יהוה וועט צוליב די פעטע קרבנות (קאָרבאָנעס) פאַרקוקן די זינד!

ווער האָט ירושלים טרייהייט געשוואוירן? פאַרוואָס זאָלן די ווענט פון בית-המקדש ניט ציטערן און ניט איינפאַלן, ווען די הענט פון שונא וועט זיך הויבן מיט פייער און שווערד?! און ער וועט קומען, דער שונא, פון די ווייטע ברעגן וועט ער קומען, ווי אַ שטורעם, ווי אַ געוויטער.

דאָס פאָלק האָט ירמיהו ניט פאַרשטאַנען. דאָס פאָלק האָט געגלויבט אַנדערש: מענטשן האָבן ליב פעטע שפייזן און געראָ-כערטן פלייש און ווײַן און מעל, גאָט האָט אויך ליב פעטע שפייזן און געראָכערטן פלייש און אייל און מעל. דער געשמאַקער ריח (רייאַך) דערטראָגט זיך צום הימל, יהוה ווערט גוט און באַרמ-הערציק און איז מוחל (מויכל), פאַרגעסט דאָס שלעכטס און דאָס אומרעכט, וואָס די מענטשן האָבן געטאָן...

זינדיקט אַ מענטש? זיין זינד איז ניט אייביק! ווי זינד ווערן פאַרגעבן פונם הערשער, אַזוי ווערן זיי אויך פאַרגעבן פון יהוהן. מען טאָר ניט קומען פאַר אים מיט ליידיקע הענט, שיינע מתנות מוז מען ברענגען, און ריידן זיסע רייד; זיי מאַכן ווייך דאָס האַרץ פונם הערשער, וואָרום יהוה איז אויך אַ הערשער און ער איז גנעדיק צו דעם, וואָס זשאַלעוועט ניט פון זיין שייער און פון זיין קעלטער, פון זיינע שאָף און ציגן – דער הערשער איז גנעדיק צו די, וואָס שפּאָרן ניט און קאַרגן ניט פון זייער האָב און גוטס מתנות צו ברענגען און צו וואוילגעפעלן אין זיינע אויגן.

ס'איז געווען אין יענע אומרואיקע טעג נאָך יאשיהוס טויט, יהויקם איז דעמאָלט אָקאָרשט געוואָרן מלך (אַ מלך ביי אידן, אויסגעקליבן האָט אים מצרים), איז ירמיהו געקומען אין הויף פון בית-המקדש.

פון גאַנצן לאַנד האָבן געשטראָמט אידן. די כהנים האָבן גע-רויכערט קרבנות. דאָס פאָלק האָט באמת געגלויבט, ירושלים וועט ניט אומקומען, גאָט וועט ניט לאָזן פאַרניכטן זיין אייגן הויז.

פלוצלונג האָט ירמיהו אויפגעהויבן זיין קול און אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען דורכן עולם אַרום. וואָס רעדט ער, ירמיהו? ווי קענען גאָר זיינע רייד פאַרטראָגן ווערן אין הויף פון בית-המקדש? וואָרום דער נביא האָט אויסגעשריען די שרעקלאַכע ווערטער: אַפּילו ירושלים, אַפּילו דער בית-המקדש וועט ניט גע-ראַטעוועט ווערן פון גאָטס צאָרן.

„אַזוי ווי שילו (שילוי) וועל איך מאַכן דאָס דאָזיקע הויז, און די דאָזיקע שטאָט וועל איך מאַכן פאַר אַ קללה (קלאָלע) ביי אַלע פעלקער פון דער וועלט", — האָט ירמיהו געדונערט.

אין הויף פון בית-המקדש איז געוואָרן אַ טומל. די כהנים און די פאַלשע נביאים און דאָס פאָלק, וואָס איז געווען אויפגע-זאַמלט, האָבן אים געכאַפּט: „שטאַרבן וועסטו, שטאַרבן, ירמיהו", האָבן זיי געשריען. „דו האָסט געזאָגט, ווי שילו וועט ווערן דאָס דאָזיקע הויז און די שטאָט וועט זיין וויסט און אָן באַוואוינער!"...

דער צאָרן פון די כהנים איז געווען גרויס. זיי האָבן גע-שלעפּט דעם נביא צום טויער פון בית-המקדש, וואו עס זיינען גע-זעסן די עלטסטע פון פאָלק. די עלטסטע זיינען פריער געווען אין קעניגס פּאַלאַץ, נאָר דער גרויסער טומל אין הויף פון בית-המקדש איז צו זיי דערגאַנגען און זיי זיינען אַרויס אין דרויסן.

צו די עלטסטע פון שטאָט האָבן די כהנים און די פאַלשע נביאים געשלעפּט דעם מוטיקן נביא: „טויט-שטראָף קומט אים", האָבן די כהנים געשריען, „ער האָט פאָראויסגעזאָגט אונטער-גאַנג אויף אונזער שטאָט... אויך דער בית-המקדש וועט ניט גע-ראַטעוועט ווערן".

נאָר ירמיהו איז גאָרניט געווען דערשראָקן, ער האָט אַפילו ניט פּרובירט לייקענען זיינע ווערטער.

„איך בין אין אייערע הענט און טוט מיט מיר, ווי עס איז וואויל אין אייערע אויגן", — האָט ער צו זיי געזאָגט. — „אָבער ווייסן זאָלט איר, אַז אויב איר טייט מיך, ברענגט איר אומשולדיק בלוט אויף אייך און אויף דער דאָזיקער שטאָט און אויף אירע באַוואוינער".

די האַרן און די עלטסטע פון פאָלק זיינען געזעסן און זיך באַראַטן, וואָס צו טאָן מיטן נביא. די פאַלשע נביאים און די כהנים האָבן געפאָדערט טויט-שטראָף, אויך די האַרן זיינען געווען שטאַרק

דערצאָרנט, אָבער צווישן די עלטסטע פון פאָלק איז די שנאה סינע) צום נביא גאָרניט געווען אַזוי שטאַרק.

געווען מענטשן, וואָס האָבן אַפילו געהאַלטן מיט ירמיהון, ווי אַ שטייגער אַחיקם, שפנס זון, אַ מיטאַרבעטער פונם אָקאָרשט פאַרשטאָרבענעם קעניג יאשיהו. געווען מענטשן צווישן די עלטסטע, וואָס האָבן דערמאָנט דעם פאָלק, אַז אין יהודה האָט אַ נביא אַלע מאָל געהאַט דאָס רעכט אויפצוטרעטן און ריידן די האַרבסטע ווערטער קעגן פאָלק און די האַרן און דאָך האָט אים קיינער ניט געמשפּט.

אָט האָט דער פריער מיכה (מיכאָ) פאָרויסגעזאָגט דאָס איי־גענע, וואָס ירמיהו זאָגט פאָרויס: ירושלים וועט צעשטערט ווער און דער הייליקער באַרג וועט באַוואַקסן ווערן מיט גראָז. פון דעסטוועגן האָט אים ווער באַשטראָפט? אַזעלכע ווערטער האָבן גערעדט די עלטסטע און עס האָבן ניט געהאָלפן די טענות (טייַנעס) פון די האַרן, וואָס האָבן דערציילט, אַז נביאים זיינען יאָ באַשטראָפט געוואָרן, אַ שטייגער דער נביא אוריהו (אורי־יאָהו).

אוריהו, האָט איינער געטענהט, איז אויך געקומען קיין ירושלים און געהאַט פינסטערע נבואות, אַז ירושלים וועט חרוב ווערן און דאָס לאַנד וועט ווערן פאַרוויסט. דער מלך יהויקם און אַלע זיי־נע גבורים און אַלע האַרן האָבן געהערט זיינע ווערטער און דער מלך האָט אים געזוכט צו טייטן. אָבער אוריהו האָט געהערט דערפון און ער האָט מורא געקראָגן און איז אַנטלאָפן קיין מצרים.

האָט דער מלך געשיקט מענטשן קיין מצרים און זיי האָבן געבראַכט דעם נביא פון דער פרעמד און האָבן אים געבראַכט צום מלך יהויקם און דער מלך האָט אים דערשלאָגן מיטן שווערד און אַוועקגעוואָרפן זיין טויטן לייב צווישן די קברים (קוואָרים) פון געמיינעם פאָלק.

די כהנים און די האַרן האָבן ניט געקענט באַוועגן די עלטס־טע פון די משפחות, אַז זיי זאָלן צולייגן אַ האַנט צו דעם שרעק־לאַכן פאַרברעכן, וואָס די הערשער האָבן זיך געקליבן צו באַגיין.

אויך אַחיקם, דער זון פון שפנען, האָט זיך שטאַרק איינגע־שטעלט פאַרן נביא. ירמיהו איז באַפרייט געוואָרן, ער האָט אָבער פון דעם טאָג געוואוסט, ווי שטאַרק די כהנים און די האַרן און די פאַלשע נביאים לויערן אויף זיין לעבן. דער נביא האָט זיך אָבער גאָרניט אָפּגעשראָקן, האָט אים דען יהוה ניט געזאָגט:

„איך האָב דיך געשטעלט היינטיקן טאָג
איבער די פעלקער און איבער די קעניגרייכן,
אויסצורייסן און איינצוואַרפן,
און אונטערצוברעכן און צו צעשטערן,
צו בויען און צו פלאַנצן.“

און דאָס זיינען געווען יהוהס ווערטער צו אים ווען ער איז נאָך אַ אינגל געווען. עס האָט אים אַפילו ניט אָפּגעהאַלטן אַרויס־צוטרעטן מיט אַ שאַרפער נבואה קעגן נייעם מלך, וואָס די עגיפּ־טער האָבן ארויפגעזעצט צו הערשן איבערן פאָלק.

דער מלך, וואָס פּרעה האָט אים געטרויט

נאָך יאשיהוס טויט האָט זיך פיל געביטן אין יהודה. אונטער דעם נייעם מלך האָט צוריק אויפגעלעבט געצנדינסט און שטאַר־קער איז געווען די באַדריקונג פון פאָלק. געצנדיסט איז געווען אַ סימן פון אונטערטעניקייט צום פרעמדן הערשער; ווערמען מען האָט געצאָלט טריבוט, צו יענעמס גאָט האָט מען זיך געבוקט.

יהודה האָט געדאַרפט צאָלן דעם פּרעה אַ גוואַלדיק גרויסע קאָנטריבוציע, האָט דער נייער מלך דעם שטייער דער עיקר אַרויסגעפּרעסט פון אָרימען פאָלק און ניט פון די רייכע לייט, די גרויסע ערד־באַזיצער און הענדלער. יהויקם אַליין האָט גע־נומען לעבן אויפן שטייגער פון אַ פּרעה.

ווינציק האָט דאָס אָרימע פאָלק געליטן פון דער שווערער קאָנטריבוציע, וואָס עס האָט געדאַרפט צאָלן דעם פרעמדן באַדרי־קער, האָט נאָך דער מלך אַרויפגעלייגט אַ ספּעציעלן אַרבעט־שטייער און געצוואונגען די פאָלקס־מאַסן אַרבעטן פאַר אים אומ־זיסט און אומנישט.

דעם קעניג האָבן גענומען נאַכטאָן זיינע הויף־לייט. אויב דער קעניג בויט זיך אַ פּאַלאַץ מיט אומזיסטער אַרבעט, פאַרוואָס ניט זיי?

ביטער זיינען געווען די ווערטער פונם נביא קעגן דעם מלך אין יהודה, געפעלן ווערן דעם פרעמדן באַדריקער, דעם פּרעה אין מצרים, האָט דער מלך געוואָלט, אָן פאָלק האָט ער פאַרגעסן.

„ווי איז צו דעם, — שרייט אויס ירמיהו, — וואָס בויט
זיין הויז מיט אומגערעכטיקייט,
און זיינע אויבערשטובן מיט אומרעכט,
וואָס אַרבעט מיט זיין חבר אומזיסט
און גיט אים ניט זיין לוין,
וואָס זאָגט: איך וועל אויפבויען אַ גרויס הויז,
און אייבערשטובן געראַמע,
און ער שניידט זיך אויס פענצטער,
און ער באַדעקט עס מיט צעדער
און ער באַשמירט עס מיט רויטן פאַרב.
ווילסטו קעניגן, ווייל דו פאַרמעסט זיך מיט צעדערהאָלץ?
דיין פאָטער האָט געגעסן און געטרונקען,
אָבער ער האָט געטאָן רעכט און גערעכטיקייט,
דעריבער איז אים גוט געווען.
אָבער דיינע אויגן און דיין האַרץ זיינען נאָר אויף געווין,
און אויף אומשולדיק בלוט צו פאַרגיסן
און אויף באַדריקונג און אויף געוואַלד־טאַט צו טאָן."

ירמיהו וואָרנט דעם בייזן מלך און ער זאָגט אים פאָרויס אַ וויסטן סוף:

„מען וועט ניט קלאָגן אויף דיר: ווי מיין ברודער
און ווי מיין שוועסטער!
מען וועט ניט קלאָגן אויף דיר: ווי האַר און ווי זיין גלאַנץ!
די באַגרעבעניש פון אַן אייזל וועסטו באַגראָבן ווערן,
געשלעפט און אַוועקגעוואָרפן
אַוועק פון די טויערן פון ירושלים."

ירמיהוס רייד האָבן נאָך מער פאַרביטערט דעם קעניג קעגן אים. ער האָט זיך איצט געמוזט אָפּהיטן און ניט וואַרפן זיך צופיל אין די אויגן.

דער אונטערגאַנג פון אַשור

אין דער וועלט זיינען דערווייל פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען. דאָס מעכטיקע אַשור איז געווען געשלאָגן און בבל איז געוואָרן די וועלט־מאַכט. ס'האָט גאָר ניט געהאָלפן דאָס איינשטעלן זיך פון פּרעה נכו (נעכוי). פאַרקריגט מיט דער גאַנצער וועלט

האָט אַשור ניט געקענט דערשטיקן די אויפשטאַנדן פון די באַדריקטע פעלקער.

מיט פרייד האָבן די אונטערדריקטע מאַסן אויפגענומען די נייעס, אַז אַשור איז געשלאָגן, אַז נינווע, איר שענסטע שטאָט, איז חרוב. דער אונטערגאַנג פון אַשור האָט באַפליגלט אויך די פאַרטריבענע פון ישראל, וואָס האָבן איצט געלעבט אין דער פרעמד.

איינער פון די פאַריאָגטע, דער נביא נחום (נאָכעם), האָט אַזוי געשילדערט די געפילן פון די פאַרטריבענע, ווען די גוטע בשורה (בסורע) איז צו זיי דערגאַנגען:

„ווי צו דער בלוטיקער שטאָט! זי איז אינגאַנצן פול מיט ליגן און רויבעריי, די רציחה (רעציכע) הערט אין איר ניט אויף. נאָר מען הערט דאָס פייפן פון דער בייטש, און דאָס גערויש פון די רעדער און דאָס הירזשען פון פערד, און דאָס שפרינגען פון די רייטוועגן."

„דער רייטער הויבט אויף אַ בליצנדיקע שווערד און אַ בלאַנקן שפּיז... נינווע איז פאַרוויסט! ווער זאָל נאָך איר קלאָגן? פונוואַנען זאָל איך זוכן פאַר דיר טרייסטערס? עס איז קיין היילונג ניטאָ צו דיין בראָך, דיין מכה (מאַקע) איז שטאַרק! אַלע, וואָס הערן דערפון, קלאַטשן מיט די הענט, וואָרום וועמען האָט דיין שלעכטסקייט ניט אָנגערירט?"

די פרייד פונם נביא אין דער פרעמד איז געווען גרויס, אָבער ער האָט גאָרניט באַמערקט, ווי אַ נייע בייטש איז אויפגעקומען אין דעם לאַנד־צווישן־די־צוויי־טייכן. ב ב ל האָט איצט באַדריקט די פעלקער פון דער אַלטער וועלט, ווי אַשור האָט זיי באַדריקט פריער.

אַן אַנדער נביא פון יהודה, ח ב ק ו ק (כאַוואַקוק), האָט גיכער דערפילט די געפאַר, ער האָט געזען דאָס אָנקומען פונם פרעמדן פאָלק און דערציילט וועגן אים אַזוי:

„דאָס פאָלק איז גרויזאַם, שרעקלאַך. זייערע פערד זיינען געשווינדער ווי די לעמפערטן און פיל ווילדער ווי די וועלף ביינאַכט. זייערע רייטער קומען אָן פון ווייטן, ווי די אָדלערס, וואָס איילן זיך אויף יאַגד"...

„ער וועט שפּעטן איבער מלכים (מעלאָכים) און איבער

האָרן וועט ער לאַכן, ער וועט לאַכן איבער יעדער פעסטונג, ער וועט אויפהויבן שטויב און ער וועט זיי איינגעמען".

מיט שרעק האָט דער נביא געקוקט אויף דער וועלט און אַ צווייפל איז אים באַפאַלן: איז טאַקע אמת, אַז רעכט און גערעכ־טיקייט איז פאַראַן אויף דער וועלט? ניין, ניט צווישן מענטשן, צווישן זיי איז אוודאי קיין גערעכטיקייט ניט פאַראַן, אָבער אין דער באַשאַפונג, אין דער פירונג פון דער וועלט? מיט ווייטיק האָט אויסגעשריען חבקוק זיין טענה (טיינע) צום באַשעפער:

„פאַרוואָס קוקסטו אויף די, וואָס גייען אום מיט פאַלשקייט? פאַרוואָס זאָלסטו שווייגן, ווען דער רשע (ראָשע) שלינגט איין דעם, וואָס איז גערעכטער פאַר אים? דו מאַכסט די מענטשן, אַזוי ווי די פיש אין ים: ער ברענגט זיי אַלע אַרויף מיט דער נעץ"...

ווי פיש אין ים, אַזוי זיינען טאַקע געווען די קליינע פעלקער פון סיריע און ארץ ישראל און דאָס מעכטיקע פאָלק, וואָס האָט איצט אויסגעשפרייט זיינע נעצן, איז געווען בבל. די קליינע פעל־קער האָבן זיך געצאַפּלט אין דער נעץ פון דער נייער וועלט־מאַכט און דאָך מורא געהאַט פאַר עגיפטן, וואָס איצט איז עס גע־ווען געשלאָגן, אָבער עס האָט כסדר געהעצט די קליינע פעלקער צום רעוואָלט קעגן בבל און ניט נאָר געהעצט, נאָר אויך געשראָקן און געצוואונגען.

יהודה און בבל

ס'איז געווען אין דעם יאָר 604 ביי דער שטאָט קאַרקעמיש ווען די עגיפּטישע אַרמיי איז צעשלאָגן געוואָרן און בבל איז גע־וואָרן די הערשערין איבער סיריע און ארץ ישראל.

אידן האָבן זיך איז אָנהייב אונטערגעגעבן, צוגעזאָגט צאָלן צינז בבל, ווי זיי האָבן פריער געצאָלט עגיפּטן און אשור. אין לאַנד איז אָבער אויפגעקומען אַ שטאַרקע פּאַרטיי, וואָס האָט בע־סער געוואָלט לעבן אונטער דער הערשאַפט פון עגיפּטן איידער אונטער דעם צוואַנג פון בבל. יהודה האָט רעוואָלטירט.

דער מלך פון בבל איז דעמאָלט געווען נבוכדנצר (נעוואוי־כאַדנעצער). מיט אַ גרויסער אַרמיי פון גוט־באַוואָפנטע קריגער האָט ער מאַרשירט צו מערב (מיירעוו) און איינגענומען שטאָט נאָך שטאָט. דאָס אומגליק איז געוואָרן זייער נאָענט. אין ירושלים איז

די אומרואיקייט געוואקסן. וועט יהודה באמת זיך קענען אַנטקעגנ־שטעלן בבל, אָדער וועט זי אומקומען, ווי שומרון איז אומגעקו־מען?

אַ גרויסער פאָלקס־תענית (טאַנעס) איז אויסגערופן געוואָרן אין לאַנד; אין שרעק האָט זיך ס'פאָלק פון אַלע עקן לאַנד גע־קליבן אין בית־המקדש.

אומרואיק איז געווען דאָס פאָלק און פאַרטרויעט. דעם אומ־רו אין לאַנד האָט ירמיהו געוואָלט אויסנוצן, ווער ווייס, אפשר וועט די שרעק פאַר אַ נאָענטער געפאַר עפענען ביים פאָלק די אויגן.

שוין דריי און צוואַנציק יאָר ווי ירמיהו האָט נביאות געזאָגט אין ירושלים און מער ווי פרעמדקייט און שפּאָט האָט ער ניט געכונען צווישן זיינע פאָלקס־ברידער. אפשר וועט דאָס געפיל פון אומקום דערוועקן אין זיי ניכטערקייט און ראַטעווען זיי פון זייער פוסטער גאוה (גייווע).

ירמיהו האָט גערופן צו זיך זיין איבערגעגעבענעם פריינט און סופר (סויפער־סעקרעטאַר) ברוך (באָרוך) און האָט אים דיק־טירט זיינע נבואות; נאָכדעם האָט ער אים געהייסן גיין צום בית־המקדש, וואו דאָס פאָלק איז געווען פאַרזאַמלט, און פאָרלייענען הויך אויפן קול, אַזוי אַז אַלע זאָלן הערן.

ברוך האָט אויסגעפאָלגט ירמיהון, איז געקומען פאַרן פאָלק און פאָרגעלייענט די מוטיקע רייד פון נביא. אונטערגאַנג, — מער האָט דער נביא ניט געזען. איין רעטונג איז נאָך פאַראַן, אָבער דאָס איז אין שלום מאַכן מיט דעם מעכטיקן בבל.

אין פאָלק האָבן די רייד אָנגעמאַכט אַ גרויסע מהומה (מעהו־מע). צווישן פאָלק איז געווען מיכיהו, אַן אייניקל פון יאשיהוס סעקרעטאַר שפן און איינער פון דער שלום־פּאַרטיי, ער האָט גע־רופן ברוכן פאַר די פּרינצן און ער האָט אים געבעטן נאָך אַמאָל לייענען ירמיהוס נבואות. זיי האָבן געהאָרכט און אַפּנים געבליבן דערשיטערט, וואָרום זיי האָבן גענומען די מגילה (מעגילע) און מיט איר אַוועק צום מלך.

ס'זיינען שוין געווען קאַלטע וועטערן אין ירושלים און דער מלך איז געזעסן ביי זיך אין פּאַלאַץ און געוואָרעמט זיך ביי

אַ פּייער־טאָפּ. יהודה, דעם מלכס אַ מענטש, האָט געלייענט פאַר אים ירמיהוס נבואות.

דער מלך האָט שפּאָטיש געהאָרכט און ווי נאָר יהודה האָט פאַרגעלייענט אַ שטיק פון דער מגילה, אַזוי האָט דער מלך אָפּגעשניטן דאָס שטיק מיט זיין מעסער און אַריינגעוואָרפן אין פייער.

אומזיסט האָבן זיך די אָרומיקע ביי אים געבעטן דאָס ניט צו טאָן, נאָר דאָס איז געווען זיין תשובה (טשוּאווע). נאָכדעם האָט ער באַפוילן ברענגען ירמיהון און זיין געטרייען פריינט, נאָר דעם קעניגס דינער האָבן זיי ניט געקענט געפינען. שפּנס אייניקל האָט זיי נאָך פריער געוואָרנט, זיי זאָלן זיך באַהאַלטן.

אין באַהעלטעניש האָט ירמיהו ווידער דיקטירט ברוכן זיינע נבואות און ער האָט צוגעגעבן נאָך נייע ווערטער, ענלאַך צו די פריערדיקע.

אַ פריינד אָדער אַ פאַררעטער

ירמיהו האָט ליב געהאַט זיין פאָלק. ער האָט אים ניט געוואונטשן קיין שלעכטס, דערפאַר טאַקע האָט ער גערעדט האַרבע רייד, געוואָרנט ניט צו שטעלן זיך קעגן די בבלים.

וואָס זיינען די אידן אַקעגן די שטאַרקע פעלקער פון דער וועלט? ווי קענען זיי ווידערשפּעניקן און קעמפן? קאַמף באַטייט אונטערגאַנג!

די אַשורים זיינען ניט קיין פיינערע מענטשן פון די אידן, זיי זיינען ניט יושרדיקער (יושערדיקער), פאַרמאָגן ניט מער רחמים (ראַכמים)... די אַשורים און די בבלים זיינען דער ווערקצייג צו ברענגען די שטראָף אויף די אידן און נאָכדעם אַליין אונטערגיין!

די פרעמדע פעלקער זיינען דער שטעקן, וואָס וועט שלאָגן ישראל, און דער שטעקן, וואָס וועט שפּעטער אַליין צעבראָכן ווערן.

די וועלט איז ניט הפקר (העפקער)! יהוה רעגירט איבער דער וועלט און איבער אַלע פעלקער. ער משפּט דעם גערעכטן און באַשטראָפט דעם שולדיקן. ווי צו די, וואָס גלויבן, אַז עגיפּטן וועט העלפן! עגיפּטן וועט אָפּנאַרן פונקט ווי פריער, ווי שטענדיק...

ניט דאָס איז דאָס גרויסע אומגליק, וואָס אידן זיינען אונטערטעניק און אָפּהענגיק פון אַ פרעמדן פאָלק, ניט דאָס פאַרביטערט דאָס לעבן פון אָרימאַן און מאַכט שווער די טעג פון עלנטן

און שוואַכן, ניין! דער רייכער אינם לאַנד, דער הענדלער, וואָס איז גרייט צו פאַרקויפן דעם אָרי־מאַן פאַר אַ פּאָר שיך, דער ריכטער, וואָס טיילט ניט קיין גערעכטיקייט — זיי מאַכן פינסטער דאָס לעבן און ברענגען אומגליק דעם לאַנד...

וואָס זשע בלייבט צו טאָן? ווי קען מען זיך ראַטעווען? איין הילף איז פאַראַן: אויסבעסערן זיך אַליין, אָנהייבן צו טאָן רעכט אַנשטאָט אומרעכט, ניט באַדריקן קיינעם,—דאָס איז די רעטונג און ניט דער קאַמף קעגן פרעמדן שונא...

ירמיהוס רייד האָבן געקלונגען שרעקלאַך. אפילו פון די אָרימע האָבן אים ווייניק מענטשן פאַרשטאַנען, אפילו פון די אָרי־מע און די אונטערדריקטע. די רייכע און די האַרן האָבן אַלעמען פאַרפירט. די רייכע האָבן איינגערעדט דאָס פאָלק, אַז עס האָט אויך צו פאַרלירן, ווען די מלוכה איז ניט זעלבשטענדיק, איז אָפּהענגיק פון אַ פרעמדער מאַכט...

ירמיהון האָט מען אַריינגעוואָרפן אין געפענגעניש, אין אַ פינסטערער גרוב, נאַס און קאַלט. דריי טעג און נעכט איז ירמיהו דאָרט געלעגן, ער וואָלט דאָרטן אומגעקומען, ווען ניט אַ פרעמ־דער קנעכט, אַ שוואַרצער פון אַפריקע, וואָס האָט אים צופעליק געפונען און אַרויסגעשלעפט. דער קנעכט האָט דערהערט דאָס ווייטאָגדיקע קרעכצן פונם אַלטן נביא. ער האָט אויף אים רחמנות געקראָגן.

שווער איז ירמיהון געווען אַריבערצוטראָגן די לייד און פיין, ניט פאַר קיין שטערבלאַכן. דער נביא האָט זיך געקלאָגט: „פאַרשאָלטן זאָל זיין דער טאָג פון מיין געבוירן... די מוטערס טראַכט, וואָס האָט מיך געטראָגן...” נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט, ער איז געקומען צו זיין אַ נביא פון שטרייט און מלחמה. דער וועג צוריק איז געווען אָפּגעשניטן.

46. דער לעצטער שטריט

דריי יאָר האָבן די פּאַרטייען ביטער געקעמפּט צווישן זיך און אין זייער ביטערקייט האָבן זיי פאַרגעסן, אַז דאָס לאַנד איז אין גרויס סכּנה (סאַקאַנע). וואָס איז געווען זייער אויסבליק אויפן ווייטערדיקן גאַנג פון דער מלוכה, ווי האָבן זיי געזוכט צו ראַטע־ווען דאָס פאָלק פון אונטערגאַנג ? ניט די אָנהענגער פון בבל און ניט די פריינד פון עגיפּטן האָבן זיך פיל געקימערט וועגן פאָלק און לאַנד, זיי האָבן געקוקט אויפן לעבן מיט די אויגן פון מענטשן, וואָס שטייען אין טאָל און זעען ניט די פינסטערע כמאַ־רעס, וואָס קלייבן זיך הינטער די בערג.

די איינציקע, וואָס האָבן געזען דאָס לעבן אין לויף פון די צייטן, די איינציקע, וואָס האָבן געזען דאָס לעבן פונם הויכן באַרג און ניט פונם נידעריקן טאָל, זיינען געווען די נביאים. אין לאַנד האָבן געקעמפט האַר קעגן האַר און איין גרויסער אייגנטימער קעגן צווייטן, דאָס פאָלק האָבן זיי אַלע באַדריקט, טאָ וואָס זשע איז זיי אָנגעגאַנגען פאָלק און לאַנד ?

דער קעניג אַליין איז געווען אַ שוואַכער מענטש און האָט זיך געוואָרפן אַהער און אַהין. יהודה איז געווען ווי אַ שיף אָן אַ רודער און די שטורעמווינטן האָבן זי געטריבן אין תהום (טהאָם).

יהודה און די קליינע פעלקער פון סיריע

די קליינע פעלקער פון סיריע, די אידישע שכנים, כאָטש ניט אַלע מאָל אמתע פריינד, האָבן אויך געשטויסן יהודה צום אויפשטאַנד. זיי זיינען אַלע געווען נאָענטע שכנים פון עגיפּטן און במילא פאַרבונדן מיט די פּרעהס דורך האַנדל און געשעפט. איבער־הויפּט זיינען עס געווען די פעניצישע האַנדלס־שטעט. עגיפּטן איז פאַרבליבן אַ פרייע מלוכה, ניט אונטערגעוואָרפן בבל, אָבער דער־פאַר טאַקע איז עס געוואָרן אַ שטענדיקע געפאַר פאַר די קליינע פעלקער. וואָס וואָלטן געמוזט ליידן פון יעדער מלחמה, וואָס

עגיפּטן וואָלט אויפגעהויבן קעגן בבל. די פּרעהס האָבן כּסדר גע־פירט אַ העצע קעגן די הערשער ביים צוויי־טייכן־לאַנד און די קליינע פעלקער פון סיריע און פּאַלעסטינע האָבן שטענדיק גע־לעבט אין מורא, פּרעה זאָל ניט נקמה (נעקאָמע) נעמען, למאי (לעמאַי) די פעלקער פאַריייניקן זיך ניט מיט עגיפּטן, אַראָפּצוּוואַרפן די הערשאַפט פון בבל.

עגיפּטן איז נאָך אַלעמען געווען נאָענט און בבל העט־וויט־אַוועק. די קליינע פעלקער פון סיריע און פּאַלעסטינע האָבן זיך געפונען ביים ראַנד פון דער וועלט־מלוכה און די מורא פאַר עגיפּטן און אויך די האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט עגיפּטן האָבן כּסדר געטריבן די פעלקער צו רעוואָלט.

די קליינע יהודה רעוואָלטירט

דריי יאָר צייט איז יהודה געבליבן טריי און אונטערטעניק צו בבל, אויפן דריטן יאָר האָט די קליינע יהודה רעוואָלטירט און זיך אָפּגעזאָגט צו שיקן דעם שטייער. נבוכדנצר (נעוואוּכאַדנעצער), דער מלך פון בבל, האָט לאַנג ניט געוואַרט. ער האָט גלייך זיך אַוועקגעלאָזט קיין סיריע און נאָך אַ קורצער באַלעגערונג איז ירושלים געפאַלן. דער קעניג צוזאַמען מיט די האַרן, די רייכע לייט, די כּהנים, די שמידן, זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל. דער בית המקדש און די פּאַלאַצן האָט מען אויסגערויבט.

אויפן טראָן האָט נבוכדנצר אַרויפגעזעצט אַ מענטשן, וואָס ער האָט געגלויבט, אַז ער קען אים געטרויען, דאָס איז געווען צדקיהו (צידקי־יאָהו), דער לעצטער קעניג פון יהודה, אַ מענטש, וואָס די קרוין האָט אים געבראַכט אומגליק און שרעק.

די פאַרביטערטקייט קעגן בבל איז נאָך שטאַרקער געוואַקסן. פון דער פרעמד האָבן די פאַרטריבענע אידן געבעטן הילף און גע־רופן זייערע ברידער אין ארץ ישראל נקמה נעמען און ראַטעווען זיי פון אייביקער געפאַנגענשאַפט. אומזיסט האָט ירמיהו געוואָרנט און געבעטן זיך, די פאַרטריבענע זאָלן ליבערשט שלום מאַכן מיט זייער נייער היים. ס'האָט ניט געהאָלפן. דאָס פאָלק האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ פאַררעטער. די קליינע יהודה האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן דעם מעכטיקסטן פון צווישן די פעלקער. בלויז ניין יאָר האָט צדקיהו געטראָגן דעם יאָך. אויפן נייטן יאָר האָט ער רעוואָלטירט.

ירושלים ווערט באַלעגערט

ווידער האָט נבוכדנצר מאַרשירט אין קריג קעגן יהודה. שוין גלייך אין אָנהייב איז פונם בונד צווישן די קליינע פעלקער גאָר־ניט געוואָרן. די פלשתים און די אדומים (עדוימים) זיינען צום אויפשטאַנד ניט צוגעשטאַנען; נאָר יהודה און עמון (אַמוין) האָבן רעוואָלטירט.

פון אַלע עקן לאַנד האָבן זיך אידן געגומען קלייבן אין ירושלים, געהאָפט, אַז די שטאָט אויף פעלזן וועט זיי באַשיצן. באַפעלקערונג איז צוליב דעם גוואַלדיק אויסגעוואַקסן. ירושלים איז געווען די איינציקע שטאָט, וואָס האָט געקענט אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד. קיין עסנוואַרג האָט די ערשטע צייט ניט אויס־געפעלט, עס איז אויך געווען גענוג וואַסער, די מורא איז פונ־דעסטוועגן געווען זייער גרויס און די האַרן האָבן פריי געלאָזן אַלע זייערע שקלאַפן, כדי ניט צו דאַרפן באַשפּייזן זיי אין אַ צייט פון נויט.

די בבלים זיינען וואָס ווייטער אַלץ מער אַריינגעדרונגען אין לאַנד. אַלע באַפעסטיקטע ערטער האָט דער שונא פאַרכאַפּט מיט גאָר אַ קנאַפּן ווידערשטאַנד.

די שטאָט ירושלים איז אַרומגערינגלט געוואָרן און אַ ביטע רער הונגער איז אויסגעבראָכן אין שטאָט. טויט און פאַרוויסטונג אין גוואַלד האָט אָנגעפילט די פאַרצייטיקע ירושלים.

אַ שטראַל פון האָפענונג

פלוצלונג האָט זיך אַ שטראַל ליכט דורכגעריסן דורך דעם פינסטערן תהום (טהאָם). די האָפנונג אויף עגיפּטן איז ניט געווען אומזיסט. דער פרעה פון מצרים האָט מאַרשירט מיט אַ גרויסער אַרמיי. ווען די באַבילאָניער האָבן דערפון דערהערט האָבן זיי אַראָפּגענומען די באַלעגערונג פון ירושלים און אַוועק באַגעגענען דעם שונא.

די באַלעגערטע שטאָט איז ווילד געוואָרן פון פרייד; איצט זיינען אַלע געווען זיכער, אַז יהודה איז געראַטעוועט. די עגיפּטי־שע פאַרטיי האָט געזיגט, די פריינד פון בבל האָבן פאַרלאָרן און וויי איז געווען די קעגנער פון די האַרן! דער אַלטער נביא איז

אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין געפּענגעניש, די שקלאַפן, וואָס מען האָט אָקאָרשט באַפרייט, האָט מען צוריק געלאָזט פאַנגען און איינגעשפּאַרט אין יאָך. אומרעכט און באַדריקונג איז ווידער געוואָרן די דאָליע פון פאָלק, אויב ניט דורך אַ פרעמדן שונא, איז דורך דעם שונא אין לאַנד גופא.

מצרים איז געוואָרן די רעטערין פון ישראל, נאָר מצרים איז שוין געווען אַ צעבראָכענער שטעקן און געהאַט מער חוצפּה (כוצפּע), ווי כּח. די עגיפּטישע אַרמיי איז צעשלאָגן געוואָרן און אין גאַנצן האָט די באַבילאָנישע אַרמיי מאַרשירט צוריק באַצווינגען די העזהדיקע יהודה. די שטאָט ירושלים האָבן די באַבילאָניער ווידער אַרומגערינגלט און די באַלעגערונג האָט זיך אָנגעהויבן פון דאָס ניי.

הונגער איז אויסגעבראָכן אין שטאָט און אַלערליי קראַנקהייטן. פיל זענען אַריבערגעלאָפן צו די באַבילאָניער און זיך אונטערגעגעבן. קיין האָפנונג אויף דערלייזונג איז שוין ניט געווען; נאָר די האַרן זיינען געווען איינגעשפּאַרט און געטריבן דאָס פאָלק צום קאַמף, — אַ בלינדער געראַנגל, אָן יעדער האָפנונג אויף אַ רעטונג.

נאָך אַלעמען

דעם ניינטן תמוז (יוני) פונם יאָר 586 פ. ק. האָבן די באַבילאָניער דורכגעבראָכן אין איין אָרט אַ לאָך אין שטאָט-מויער און זיך אַריינגעריסן אין שטאָט. ווילדע און דערצאָרנטע האָבן זיי זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די אויסגעמאַטערטע און פאַרהונגערטע קריגער, געצונדן און ראַבירט, ניט געשוינט קיינעם; יונג און אַלט זיינען געפאַלן אונטערן שווערד (אפילו קינדער זיינען דערהרגעט געוואָרן).

דער קעניג מיט זיין חיל איז ביינאַכט אַנטלאָפן פון שטאָט, געוואָלט זיך ראַטעווען אויף יענער זייט פון ירדן, נאָר די בבלים האָבן זיי נאָכגעיאָגט און געכאַפּט און געפאַנגען. קיין רבלה (ריוולאָ) האָבן די קריגער געפירט צדקיהון, אַ געשמידטן אין קייטן, באַגעגענען נבוכדנצרן (נעוואָ-כאַד-נעצערן) און קריגן זיין משפט... שרעקלאַך איז געווען זיין סוף. זיינע צוויי זין און זיינע געטרייסטע מענטשן האָט מען, פאַר אים אין די אויגן, געלאָזט טויטן. נאָכדעם האָט מען אים אַליין די אויגן אויסגעשטאָכן, אַזוי, אַז דער

טויט פון זיינע זין זאָל בלייבן דאָס לעצטע אין זיין געדעכעניש, ביז די ערד וועט אים פאַרדעקן. אַ געשמידטן אין קופּערנע קייטן האָט נבוכדנצר געלאָזט צדקיהון אוועקפירן קיין בבל, קיינמאָל ניט אומצוקערן זיך אין זיין אייגן לאַנד.

נאָכדעם האָט נבוכדנצר געשיקט דעם הויפּט פון זיין לייב־וואַך נבוזרדן (נעוואו־זאַראַדן) חרוב מאַכן די שטאָט ירושלים און אויסגלייכן זי מיט דער ערד. ער האָט אונטערגעצונדן אַלע הייזער אויסגערויבט דער בית־המקדש, אַפילו די קופּערנע כלים צעבראָכן און דאָס ברוכוואַרג געפירט קיין בבל.

די מויערן פון דער שטאָט זיינען אַרונטערגעוואָרפן געוואָרן. ירושלים האָט זיך געריכערט אַ חרובע און אַ וויסטע. די עלטסטע פון ישראל זיינען דערהרגעט געוואָרן. טויזנטער האָט דער פיינט פאַרטריבן אין געפאַנגענשאַפט קיין בבל. נאָר די אָרימע פון די אָרימסטע האָט דער שונא איבערגעלאָזט אין לאַנד, די שפּלע פויערים און די וויין־פלאַנצער. אין דער פרעמד איז געטריבן גע־וואָרן די בליאונג פון פאָלק, חורבות און שרעק האָבן זיי איבער־געלאָזט הינטער זיך. דער כח פון יהודה איז געווען געבראָכן.

ירמיהו זעט דעם בראַנד

ירמיהו האָט געזען דאָס שרעקלאַכע אומגליק, דעם חורבן פון ירושלים און פון בית־המקדש; ער האָט געזען, ווי דאָס פאָלק איז געטריבן געוואָרן אין דער פרעמד. יאָרנלאַנג האָט עס ירמיהו פאָרויסגעזאָגט, נאָר מער ווי שפּאָט און חוזק (כויזעק) און געלעכ־טער האָט ער ניט באַגעגנט.

דאָס אומגליק, וואָס וועט באַפאַלן דאָס פאָלק, האָט ער נאָך געפילט דעמאָלט, ווען די האַרן און די קריגער זיינען געווען פאַר־שיכורט פון נאַרישן שטאָלץ און פאַלשן גלויבן.

איצט איז אַלץ געווען פאַרביי. דער ווייטיק פון אונטערגאַנג, די ליידן פון אַ פאַרטריבן פאָלק האָבן אים זיין גאַנץ לעבן ניט צורו געלאָזט. פון זינט ער האָט די אויגן געעפנט און דערקענט מענטש און וועלט, האָט ער געליטן די ווייטיקן און דעם אַנגסט, וואָס האָט איצט אַרומגעכאַפּט די שטאָלצע לייט פון ירושלים. נאָר איצט איז שוין געווען צו שפּעט. זיינע רייד זיינען מקוים (מעקויעם) געוואָרן. וואָס האָט אים איצט דערוואַרט? וואָס האָט דערוואַרט

דאָס פאָלק, וואָס ערשט איצט האָט עס דערפילט זיין נאַרישקייט און זיין שולד?

די לעצטע טעג

ירמיהו האָט מען צוערשט פאַרנומען מיט אַלע געפאַנגענע און געקליבן זיך אַוועקצושיקן קיין בבל, אָבער אין דער לעצטער רגע האָט מען אויסגעפונען ווער ער איז און איבערגעלאָזט אין לאַנד.

יהודה איז געוואָרן אַ באַבילאָנישע פּראָווינץ. ווי אין אַ סך אַנדערע באַזיגטע לענדער, האָט בבל אויך אין יהודה באַשטימט איינעם פון פאָלק צו זיין דער גאָווערנער אין לאַנד. בבל האָט אויסגעקליבן דעם אידן גדליה (גדאַליע), אַ מענטש פון דער שלום־פּאַרטיי, איינער, וואָס איז פון אָנהייב אָן געווען קעגן קריג. גדליהו האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקענט, ווידער איינצו־שטעלן אָרדנונג און רו אין לאַנד. די איבערגעבליבענע גרויסע שטיקער ערד האָט ער פאַרטיילט צווישן דער אָרימער באַפעלקע־רונג און באַזאָרגט אַלעמען מיט לאַנד (בבל האָט געוואָלט געווי־נען די פריינטשאַפט פון דער אָרימער באַפעלקערונג).

ווער ווייס, אפשר וואָלט זיך ווידער אָנגעהויבן שפּינען אַ נייער פאַדים? דאָס לאַנד איז נאָך אָבער אַלץ געווען פול מיט אומרו און שרעק. נייע אומגליקן זיינען באַפאַלן דעם קליינעם ישוב. דעם גוטן גדליהו האָט אַ כאַפּטע אַמאַליקע האַרן דערמאָר־דעט. אין שרעק איז דאָס פאָלק געלאָפן קיין עגיפּטן, ראַטעווען זיך פון נבוכדנצרס צאָרן.

אומזיסט האָט ירמיהו געבעטן זיך ביי די צעשראָקענע אידן צו פאַרבלייבן; זיי האָבן אים ניט אויסגעפאָלגט. קיין עגיפּטן זיינען זיי געלאָפן און אין דער פרעמד האָבן זיי אויך מיטגע־שלעפּט דעם אַלטן נביא.

קיין נחת (נאַכעס) אין פרעמדן לאַנד האָט ירמיהו פון דעם אומגליקלאַכן רעשט ניט געהאַט. אין פרעמדן לאַנד האָבן די אַנטרונענע ווידער גענומען פעלשן אין זייער פאָלק, לייקענען אין גלויבן.

אין דער פרעמד, פאַרוואָרפן פון זיין לאַנד, איז ירמיהו גע־שטאָרבן.

ביזן סוף איז ער פאַרבליבן דער מוטיקער קעמפער און ביזן סוף איז ער פאַרבליבן דער נביא פון צער און פון ליידן...

אין געפאַנגענשאַפט

(אַסירישע דענקמעלער)

אידן ווערן געטריבן אין דער פרעמד.

זעלנער מיט רויב.

געארבעט און געטאן!

א. פּרוואווט שרייבן דאָס טאָגבוך פון אַ אַדן, וואָס געפינט זיך אין דער באַלעגערטער ירושלים. ער איז אַן אָנהענגער פון ירמיהון, איינער פון דער שלום־פּאַרטיי. דערציילט פון זיינע ליידן און פון זיין שרעק.

ב. שרייבט דאָס טאָגבוך פון אַ אידן, וואָס גלויבט אין דעם קריג מיט בבל. וואָס איז זיין מיינונג וועגן ירמיהון? אויף וועמעס כח האָפט ער? וואָס טראַכט ער וועגן דעם אויסגאַנג פון קריג?

ג. וואָלט איר אפשר געקענט אָנשרייבן אַ רעדע פון איינעם פון די פאַלשע נביאים אין ירמיהוס צייט? ווער עס קען, זאָל טאַקע פּרובירן אָנשרייבן.

ד. ווער וואָלט געקענט אָנשרייבן אַ בריוו פון אַ אידן, וואָס די בבלים האָבן פאַרטריבן אין גלות און איצט רופט ער די ברידער פון ירושלים אין רעוואָלט קעגן בבל.

ה. איינער, וואָס האָט צוגעזען די סצענע, ווי צדקיהו איז געבראַכט געוואָרן פאַר נבוכדנצרן, באַשרייבט די שרעקלאַכע געשעעניש אין אַ בריוו צו זיינעם אַ קרוב (קאָרעוו) אין עגיפּטן. גיט איבער די שטימונגען פון דעם וואָס האָט עס איבערגעלעבט. און אויך זיין אויסבליק אויף ווייטער.

מלכות ישראל און מלכות יהודה זיינען אונטערגעגאַנגען. פאַרוואָס?

(שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן יענע ענטפערס, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק)

— ווייל פּאַלעסטינע איז אַ בריק צווישן לענדער: פון איין זייט געפינט זיך בבל און אשור, פון דער אַנדער זייט עגיפּטן.

— ווייל די מדבר־פעלקער פלעגן כסדר אָנפאַלן אויף די אידן.

— די אידן זיינען געווען צעריסן צווישן זיך, צעטיילט אין באַזונדערע מלוכות, וואָס האָבן זיך איינע די אַנדערע כסדר באַקעמפט.

— ווייל אין פאָלק איז ניט געווען קיין שלום. די רייכע האָבן אונטער־דריקט די אָרימע.

— ווייל די אידן זיינען אַ פאָלק, וואָס האָט ניט ליב צו פירן קיין מלחמות. אידן האָבן ליב שלום. בעסער קנעכטשאַפט איידער קאַמף.

גלות	כהנים (קויהאַנים) ....

ווער איז אַוועק און ווער איז געבליבן?

(שטרייך אויס דאָס וואָרט ניט דאָרט, וואו עס דאַרף ניט זיין. לאָז איבער דאָרט, וואו עס דאַרף זיין)

די אידן פון מלכות־ישראל זיינען ניט פאַרלאָרן געגאַנגען.

מיר שטאַמען ניט אָפּ פון די אידן פון מלכות־יהודה.

די אַסיריער האָבן ניט פאַרטריבן די אידן פון מלכות־ישראל און מיר ווייסן מער ניט פון זיי.

די באַביליאָנער האָבן ניט פאַרטריבן אַלע אידן פון לאַנד.

זיי האָבן ניט פאַרטריבן די געלערנטע, די פירער, די כהנים, די בעלי־מלאכות.

זיי האָבן ניט איבערגעלאָזט אין לאַנד די אָרימע פויערים.

פאַלעסטינע איז מער ניט געווען דאָס איינציקע לאַנד, וואו אידן האָבן געלעבט. די דריי צענטערס, וואו אידן האָבן געלעבט, זיינען איצט געווען (וועלכע?)

(שטעל דעם צייכן + לעבן דעם ענטפער, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק)

– מלכות ישראל, מלכות יהודה, עגיפטן.
– בבל, פאַלעסטינע, עגיפטן.
– עגיפטן, מלכות יהודה, מדבר.

וואָס איז געשען פריער און וואָס איז געשען שפּעטער?

שטעל אויס אין אַן אָרדנונג די פאָלגנדיקע פאַסירונגען:

– די מלוכה ווערט צעשפּאָלטן.
– די אַראַמייער באַפאַלן מלכות ישראל.
– די באַביליאָניער פאַרטרייבן די אידן פון מלכות יהודה.
– דער נביא ירמיהו טרעט אויף.
– דער נביא עמוס טרעט אויף.
– אליהו הנביא טרעט אויף אין ישראל.
– דער קעניג יאשיהו פירט איין רעליגיעזע און סאָציאַלע רעפאָרמען.
– די אַראַמייער און די אידן פון מלכות ישראל שליסן אַ בונד קעגן די אַסיריער.
– די אַסיריער פאַרטרייבן די אידן פון מלכות ישראל.

נאָכדעם ווי דו וועסט דורכלייענען די וויטערדיקע קאַפּיטלאַך געשיכטע, קער זיך אום צוריק צו דער זייט און פּרוביר ענטפערן אויף די פאָלגנדיקע פראַגעס:

א. מיט וואָס איז דער חורבן פון ירושלים געווען אַזוי שרעקלאַך?

ב. וואָס פאַר אַ פאַסירונגען אין דער וועלט האָבן מעגלאַך געמאַכט עס זאָל קענען אויפקומען די אידישע מלוכה?

ג. האָבן אידן ווען עס איז געקענט ווערן אַ גרויסע וועלט־מאַכט? פאַרוואָס זיינען זיי עס ניט געוואָרן? דאַרפן מיר די דאָזיקע ווענדונג פון דער געשיכטע באַדויערן?

ד. וואָס איז געווען דער בייטראַג פון דעם אַלטן אָריענט צו דער וועלט־קולטור?

ה. וואָס איז געווען דער אידישער בייטראַג צו דער קולטור־ירושה פון דער וועלט?

ו. וואָס איז געווען די ווירקונג, וואָס דער חורבן האָט געהאַט אויפן אידישן לעבן?

ז. ווי האָבן זיך אידן פאַרגעשטעלט די צוקונפטיקע באַפרייאונג?

47. קאָנדיק אויף צוריק און קאָנדיק פאָרויס

נאָכן חורבן

מיטן גרויסן חורבן אין לאַנד, מיט דער גוואַלטזאַמער פאַרשיקונג אין דער פרעמד פון טויזנטער אידן, איז די אידישע מלוכה (מעלוכע) אונטערגעגאַנגען, אָבער ניט דאָס אידישע פאָלק. די מערהייט פון פאָלק, די אָרימע פויערים, פאַסטוכער און ווייןפלאַנצער, זיינען אין לאַנד פאַרבליבן און אפילו ביי די פאַרטריבענע אין דער פרעמד איז גרויס געווען די אַנטשלאָסנקייט צו זיין, צו בלייבן און ניט אונטערצוגיין ווי אַ פאָלק.

דאָס גרויסע אומגליק איז גאָר אפשר געווען ניט מער ווי אַ פּרואוו, אַ נסיון (ניסאָיען). וואָרום וואָס האָט די אידן פאַרייניקט ווי אַ פאָלק? די דערפער, וואו זיי האָבן געוואוינט, די שטעט, וואו זיי האָבן געהאַנדלט און געוואַנדלט, דער ארץ ישראלדיקער הימל, אָדער עפעס מער, עפעס, וואָס גייט ניט צום גרונט, ווען דאָרף און שטאָט ווערן חרוב, עפעס, וואָס קען בייסטיין אַפילו, ווען הימל און ערד פאַרלייגן זיך מיט גרויזאַמקייט אויפן מענטשן?

ס'איז אָבער געווען אַ שווערער נסיון (ניסאָיען), אַלע פעלקער פון דער אלטער וועלט, וואָס האָבן געוואָלט לעבן און ניט געוואָלט אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד, האָבן געהאַט מלוכות. ווי וועט אַ פאָלק אין דער פרעמד קענען עקזיסטירן? אונטערגאַנג פון מלוכה האָט פאַר אַלעמען באַטייט אונטערגאַנג פון פאָלק. וואָס וועט דער חורבן פון ירושלים באַטייטן פאַר יהודה?

די מלוכה ביי אידן

די מלוכה האָט געהאַט אַ מאָדנעם מזל ביי אידן. זי איז אויפגעקומען אין אַ צייט, ווען ס'איז ניט געווען קיין גרויסע וועלטמאַכט, וואָס זאָל שטערן איר אַנטשטייאונג. בבל איז געווען געשלאָגן,

אין מצרים זיינען פֿאַרגעקומען אומרועןְ; ווער ווייס, עס קען זיין, אַז אַנדערש וואָלט זי גאָר קיינמאָל ניט אויפֿגעקומען.

מיט ארץ ישראל, ווי אַן אָנהייב, וואָלטן די אידן געקענט אויסשפּרייטן זייער ממשלה (מעמשאָלע) סיי צו צפֿון, סיי צו מזרח, אַרומכאַפּנדיק גאַנץ סיריע און מעסאָפּאָטאַמיע.

מיט אַכט הונדערט יאָר פֿריער האָבן סעמיטישע שבֿטים, די היקסן, איינגע(וו)נדערט קיין עגיפּטן, פֿאַרכאַפּט די מלוכה, געשאַפֿן אַ גרויסע אימפּעריע.

פֿאַרוואָס וואָלטן די בני ישראל איצט די אימפּעריע ניט גע־קענט צוריק אויפֿלעבן? ס׳איז גאָר ניטאָ קיין שום פֿאַנטאַסטישעס אין דעם; אַ אידישע מלוכה וואָלט געקענט ווערן איינע פֿון די וועלט־מאַכטן, וואָס האָבן אַמאָל באַהערשט דעם אָריענט.

שלמה (און אין אַ קלענערער מאָס זיין נאָכפֿאָלגער) האָבן אָבער געמאַכט אַזאַ דערגרייכונג פֿאַר אוממעגלאַך. פֿאַרכאַפּט פֿון לוקסוס, פֿאַרשיכורט פֿון מאַכט, האָט שלמה ניט אָנגעהייבן צו פֿאַרשטיין, אַז צונויפֿשמעלצן באַזונדערע שבֿטים, וואָס יעדערער פֿון זיי איז פֿול מיט קנאה (קינע) איינער אויפֿן אַנדערן, דאַרף נע־מען דורות (דוירעס). שלמה, דער גערימטער חכם, האָט באמת אַרויסגעוויזן זייער ווייניק פֿאַרשטענדעניש אין פֿירן דאָס לאַנד.

נאָך שלמהס טויט איז די מלוכה צעפֿאַלן אין צוויי טיילן. דער טרוים פֿון אַ גרויס אידיש לאַנד, אויב די ערשטע קעניגן האָבן געהאַט אַזאַ טרוים, איז צערונען. ישראל און יהודה זיינען ביידע באַזונדער געווען געגליכן צו די קליינע מלוכהלאַך פֿון די כנענים, איידער די עבֿרים (איוורים) זיינען אַריבער דעם ירדן.

פֿון איצט אָן איז די געשיכטע פֿון ישראל און די געשיכטע פֿון יהודה פֿול מיט אָן אַ שיר קליינע מלחמהלאַך, אויפֿשטאַנדן רעוואָלוציעס, וואָס ברענגען אַלע אומענדלאַכן שאָדן.

אדום (עדוים), מואב (מויאָוו), יהודה, ישראל, ארם (אַראַם), אָפּגערעדט שוין פֿון די כנענישע שטעט, וואַרפֿן זיך איינע די אַנ־דערע אויף די העלזער גרייט זיך אויסצוקוילענען. דאָס האַלט אָן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען עס באַווייזט זיך ניט קיין שטאַרקערער שונא, ער מאַכט שלום צווישן אַלע שטרייטנדיקע, אונטערדריקט זיי אַלע גלייך און די אומצופֿרידענע, וואָס וואַגן דעם קאָפּ אויפֿצוהייבן, ברענגט ער אום אין פֿייער און פֿלאַם, אין בלוט־פֿאַרגיסונג.

צוערשט איז אזא „שלום־ברענגער" אַשור, נאָכדעם בבל. די קליינע מלוכהלאַך גייען אונטער, מער קיינמאָל ניט אויפצושטיין קיין תחית המתים (טכיאַס האַמייסים). פון אויפבויען אַ גרויסע אימפּעריע קען שוין מער קיינמאָל קיין רייד ניט זיין.

האָבן אָבער ישראל און יהודה טאַקע פאַרלאָרן? ווען מען מעסט די פּאַסירונגען מיט דער מאָס פון יאָרהונדערטער, האָבן די בני ישראל פאַרלאָרן, קיין שום ספק (סאָפעק) ניט. ווען מען זאָל אָבער די אַלע געשעענישן באַטראַכטן ביים ליכט פון דער וועלט־געשיכטע, ביים ליכט פון יאָרטויזנטער, דאַרף אונז גאָרניט פאַר־דריסן, למאי (לעמאי) די פּאַרצייטיקע אידן האָבן קיינמאָל ניט אויפגעבויט קיין גרויסע מלוכה אין אַלטן מזרח (מיזראַך).

אידן איז אויסגעפאַלן, קען זיין, צו ווערן מער ווי אַ פאָלק פון מיליטערישע זיגער. די אידישע נביאים האָבן געלערנט דער וועלט אמתן (עמעסן), וואָס האָבן אַריבערגעלעבט גרויסע אימפּעריעס און מלוכות. די קליינע שכנישע פעלקער זיינען אומגעקומען, די גרויסע מלוכות זיינען געוואָרן צו פּרוך און פּראַך, אָבער ישראל איז געבליבן, האָט באַווירקט די וועלט, געשאַפן אוצרות (אויצרעס) פון גייסט, וואָס זיינען פאַרבליבן דער פונדאַמענט פון מענטשלאַכן צוזאַמענלעבן עד היום (אַד האַיעם).

דאָס האָבן די בני ישראל געהאַט צו פאַרדאַנקען דוקא זייער פּאָליטישער אומבאַדייטנדיקייט. וואָלטן אידן געוועזן דערגרייכט דעם ציל, צו וועלכן דוד האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס געווידמעט, וואָלט ישראל געוואָרן אַ צווייט אַשור, און וואָס וואָלט דערפון וועמען אַרויסגעקומען?

דוקא דערפאַר, ווייל די אידן זיינען ניט געוועזן בכח (בעקוי־אַך) צו באַשאַפן קיין גרויסע מלוכה, האָבן זיי געקענט ווערן אַ גרויס פאָלק. וואָס וואָלט דער וועלט אַרויסגעקומען, ווען צו אַשור, בבל און מצרים, וואָס האָבן פאַרגאָסן מענטשלאַך בלוט, וואָלט אויך צוגעקומען אַ פאַרייניקטע אידישע מלוכה, וואָס וואָלט אויך געפירט מלחמות, גערויבט און פרעמדע פעלקער פאַר־שקלאַפט?

גראָד דערפאַר, ווייל די אידן האָבן פאַרלאָרן אין די בלוטי־קע מלחמות פון דער אַלטער וועלט, האָבן זיי געקענט ווערן דאָס איינציקע פאָלק, וואָס האָט אויסגעשפּאָט מלחמה, וואָס האָט פּראָקלאַמירט די אידייען פון שלום און מענטשלאַכער ברידער־לאַכקייט אויף דער וועלט.

ניט יעדער זיג איז גרויס. פאַראַן אויך דורכפאַלן, וואָס זיי־נען געהויבענער און שענער און ברענגען מער פאַרשטאַנד, מער ניכטערקייט אינם לעבן פון מענטשן און פעלקער. ווי איז אָפט־מאָל ניט דעם באַזיגטן, נאָר דעם זיגער!

48. דער אויפטו פון אָריענט

די פעלקער פון אָריענט האָבן פיל אויפגעטאָן פאַר דער מענטשלאַכער אַנטוויקלונג. דער אָריענט האָט געגעבן דער וועלט די קענטניש פון מעטאַל־אַרבעט, וועבן, די אויסאַרבעטונג פון גלאָז, פּאַפּיר א. ד. גל. צו פאַרטיילן די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן אין דער פרעמד, אויך צווישן די ווייטסטע פעלקער, איז אויפגעקומען האַנדל און די ערשטע שיפן זיינען געבויט געוואָרן. עס זיינען אויך אויפגעקומען וועגן און בריקן.

די קונסט פון בויען איז שוין פאַרצייטן געווען שטאַרק אַנטוויקלט: אין עגיפּטן, בבל און אַשור זיינען געבויט געוואָרן בנינים (ביניאָנים), וואָס אויך היינט וואָלטן זיי פאַרשאַפט גרויסע שוועריקייטןביים אויפשטעלן. אונז בירושה האָט דער אָריענט איבערגעלאָזט אַ שלל (שלאַל) מיט ערפינדונגען, וואָס קענען זיך פאַרגלייכן אין זייער וויכטיקייט מיט פיל פון אונזער אייגענער צייט. די וויכטיקסטע ערפינדונג איז געווען די ראָד. קיין שום מאַשין, די איינפאַכסטע און די סאַמע קאָמפּליצירטסטע, וואָלט אוממעגלאַך געווען אָן דער באַנוצונג פון דער ראָד.

אין דער אַרכיטעקטור און דער שטיינהאַקעריי האָבן די פעלקער פון אַמאָל געוואוסט פון דער קאָלאָנאַדע (אַ ריי זיילן), דער אַרקע און דעם טורעם. אין דער סקולפּטור האָבן די פאַרצייטיקע קינסטלער דערגרייכט די העכסטע מדרגה (מאַדרייגע) אין דער פיגור פון מענטשלאַכן קערפּער (בלויז די גריכן האָבן שפּעטער איבערגעשטיגן די עגיפּטער), די אַסיריער האָבן וואונדערלאַך אויסגעדריקט אין שטיין דאָס געמיט פון ווילדע חיות.

דער אָר׳יענט האָט אונז געגעבן דעם אלף בית, אַ ליטעראַטור, וואָס האָט די וויכטיקסטע קינסטלערישע פאָרמען: מעשיות, דערציילונגען, לידער, געשיכטלאַכע באַשרייבונגען, סאָציאַלע אָפּהאַנדלונגען און אפילו אַ דראַמע.

ביזן היינטיקן טאָג באַנוצן מיר דעם קאַלענדאַר, וואָס איז אַ דערפינדונג פון אַלטן אָריענט. די ערשטע אָנהייבן אין מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און מעדיצין זיינען געמאַכט געוואָרן. ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ רעגירונג־מאַשין, אַן אַדמיניסטראַציע מיט באַצאָלטע באַאַמטע, וואָס האָבן געקליבן שטייערן און געמאַכט אַלע נייטיקע מלוכה־צאָלונגען. עס איז אויפגעקומען די ערשטע מלוכה־סיסטעם, וואָס האָט טיילמאָל אַרומגענומען ניט בלויז איין פאָלק. אידן האָבן אין דעם אַלעמען געהאַט אַ חלק (כיילעק), אָבער דער עיקר האָבן זיי זיך גוט אויסגעצייכנט אויפן געביט פון גייסטיקער קולטור.

49. דער בייטראַג פון די אידן

דאָס אידישע פאָלק האָט אין לויף פון די ערשטע טויזנט יאָר ניט אויפגעבויט קיין ריזיקע מלוכה, ניט איבערגעלאָזט קיין פּיראַמידן, ספינקסן, אפילו אין קונסט (די קונסט פון בויען הייזער, טעמפּלען, די קונסט פון אויסהאַקן אין שטיין שיינע סטאַטועס), אויך אין דעם האָבן זיי זיך כמעט ווי גאָרניט אויסגעצייכנט.

דערפאַר אָבער האָבן די אידן איבערגעלאָזט דער וועלט אַ רייכע ירושה פון וואונדערלאַכע אידייען און אַ רייכן אוצר (אוי־צער) פון שיינער ליטעראַטור, וואָס איז געוואָרן דאָס אייגנס פון יעדן קולטור־מענטשן ביזן היינטיקן טאָג.

דאָס איז געווען אין די יאָרן פון רויב און שרעק און גע־וואַלד, ווען די גרויסע פעלקער פון דער וועלט האָבן זייערע טעג און יאָרן פאַרבראַכט אין מלחמה, אין יענע בלוטיקע צייטן פון אומגליק און אונטערגאַנג און מענטשלאַכער שפלות (שיפלעס), האָבן די אידישע נביאים אויפגעהויבן דעם קאַמף פאַר ברידער־לאַכקייט פון מענטשן, דעם קאַמף קעגן מלחמה, דעם קאַמף פאַר יושר (יוישער), דעם קאַמף קעגן דער אונטערדריקונג פון אָרימען און נויטבאַדערפטיקן.

פיר און צוואַנציק הונדערט יאָר זיינען אַריבער

אין אַלע אַנדערע פּרטים (פּראָטים) האָבן מיר, מאָדערנע מענטשן, אַריבערגעשטיגן די פעלקער פון דער אַלטער וועלט. מיר בויען שענערע און באַקוועמערע הייזער, ווי די עגיפּטער האָבן געבויט, מיר לייגן אויס בעסערע וועגן, ווי די אַשורים האָבן עס געטאָן, אונזער פּאָסט איז טיכטיקער, ווי די פּאָסט פון בבל. מיר האָבן אַריבערגעשטיגן כמעט אין אַלץ די גרויסע אויפטואונגען פון די פעלקער אַמאָל; מיר האָבן נאָך אָבער ניט פאַרווירקלאַכט אין אונזערע לעבנס דעם אמת פון גערעכטיקייט, דעם קאַמף פאַר שלום (ווער ווייס צי מיר האָבן אים אפילו רעכט אָנגעהייבן?). מיר ראַנגלען זיך נאָך עד היום (אַד האַיעם) צו פאַרמיידן מלחמות...

די שווערדן און אַקעראייזנס האָבן מיר ניט איבערגעשמידט. פאַרקערט, די פעלקער פון דער וועלט האַלטן אין איין אויסטראַכטן אַלץ טיכטיקערע מלחמה־געצייג: גאַזן, עראָפּלאַנען, באָמבעס, כּדי נאָך בעסער אויסצוראָטן איינע די אַנדערע!

און דאָך לעבט דער רוף פון די אידישע נביאים ביי די אונ־טערדריקטע מאַסן פון דער וועלט, לעבט און מונטערט צום קאַמף פאַר אַן אמת מענטשלאַך לעבן. כאָטש זייערע ביינער פוילן שוין לאַנג אין דער ערד, כאָטש זייער שאָטן איז שוין לאַנג פאַר־שוואונדן פון דער וועלט, גליען נאָך זייערע ווערטער ווי הייסער קויל, פלאַמט נאָך אַלץ דער פייער פון זייער איבערגעגעבנקייט, ניט נאָר צו די ליידנדיקע פון זייער אייגן פאָלק, נאָר צו די ליידנ־דיקע און צו די אונטערדריקטע מאַסן פון אַלע פעלקער. וואָרום זיי זיינען געווען נביאים—קעמפער, ניט בלויז פאַר ישראל, נאָר אין ישראל פאַר דער גאַנצער וועלט!

ניט מאַכט, ניט גרויסע מלחמות, ניט קיין געוואַלדיקע אויפ־טואונגען אין שטיין און אייזן האָט ישראל איבערגעלאָזן אַ ירושה דער וועלט, נאָר די גרויסע אידייען פון מענטשלאַכער ברידער־לאַכקייט, שלום, גערעכטיקייט, גלייכקייט, אַ ירושה, וואָס איז נאָך גרויס ביזן היינטיקן טאָג.

50. דער וועג פון אונטערגאַנג און דער וועג פון אויפקום

ווען די אידן האָבן זיך געשלעפּט מיט ווייב און קינד אין דער פּרעמד, געיאָגט דורכן שטעקן פון זייערע באַגלייטער, אומעטיק געזעגנט זיך מיט די קופּעס אַש, וואו אַמאָל זיינען געשטאַנען זייערע היימען, האָבן זיי מער כח געקראָגן צו לעבן, ווי דעמאָלט, ווען זיי האָבן זיך אַריינגעריסן מיט פייער און שווערד אין כנען.

אידן האָבן אָנגעהויבן די ערשטע טויזנט יאָר פון זייער געשיכטע, ווי אַלע פעלקער, וואָס האָבן זיך געריסן פון מדבר צו די פעטע פליינען. זיי האָבן פאַרכאַפּט שטעט, וואָס ניט זיי האָבן געבויט, וויין־גערטנער וואָס ניט זיי האָבן געפלאַנצט.

די בני ישראל האָבן אָנגעהויבן זייער געשיכטע באַטרעטנדיק דעם וועג פון אויסראָטונג, פון פאַרניכטונג, דעם וועג, וואָס האָט געפירט פריער אָדער שפּעטער צום אונטערגאַנג.

איצט גייענדיק געפאַנגענע, וואָגלענדיק זיך אין דער פּרעמד, באַוויינענדיק די חורבות פון אַ לעבן, וואָס איז פאַרביי, האָבן זיי גענומען אויסלייגן דעם וועג פון אויפקום.

אין זייערע ליידן און אומגליק האָבן זיי איצט אויסגעפונען, אַז זייער באַפרייאונג איז פאַרבונדן מיט דער אויסלייזונג און מיט דער באַפרייאונג פון אַלע אַנדערע פעלקער.

אַמאָל האָבן נאָר די נביאים געפּרעדיקט די ברידערלאַכקייט פון די מענטשן, פון די בערג אין יהודה האָבן די אידישע קעמפער פאַר גערעכטיקייט געזען די גאַנצע ליידנדיקע וועלט; דאָס פאָלק האָט אַרונטערקוקנדיק פון די בערג געזען די שטאָט ירושלים און דעם בית המקדש; תמימותדיק (טמימעסדיק) געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט מעג אונטערגיין, נאָר ירושלים וועט בלייבן, ירושלים קען, ווי נחס תבה (טייווע), געראַטעוועט ווערן אין גרויסן מבול פון פייער און בלוט, וואָס האַלט אין פאַרטרינקען די וועלט.

וואָגלענדיק אין דער פּרעמד האָבן די אידן פון יהודה דערזען די באַפרייאונג פון זייער פאָלק אין ליכט פון יענע האָפענונגען,

מיט וועלכע עס זיינען געקומען די נביאים־קעמפער נאָך מיט מער ווי הונדערט יאָר צוריק. דער אונטערגאַנג פון דער מלוכה האָט באַדייט דעם זיג פון דער נבואה.

פון פיין און ליידן, פון די חורבות אַש, פון שווערן גלות איז ביים רעשט פון ישראל געבוירן געוואָרן דאָס געפיל און די פאַר־שטענדעניש, אַז איין מענטש דעם צווייטן איז ניט קיין וואָלף, נאָר א ברודער.

אין ארץ ישראל ליגן באַגראָבן טיף אין דער ערד די רעשטן פון פאַרוויסטונג, די קללה פון מענטשלאַכער בלינדקייט איז אויסגעגאָסן אויף יעדן איינציקן טראָט. אין ארץ ישראל איז אָבער אויך אויפגעגאַנגען די ליכטיקע האָפנונג פון פעלקער־פאַרברידע־רונג און מענטשלאַכן גליק.

האָפנונגען און טרייסט

די קומענדיקע באַפרייאונג האָבן זיך די אידן איצט פאָרגע־שטעלט, ווי די באַפרייאונג פון דער גאַנצער ליידנדיקער וועלט. ישראל וועט אויך אויפגעריכט ווערן, אָבער ניט אַליין. דורך די מלחמות און פלאָגן האָבן אידן אויסגעפונען, ווי אויסגעבונדן עס זיינען די לענדער פון דער וועלט און אַז די טרייסט פאַר זייער אייגן פאָלק קען קומען נאָר דעמאָלט, ווען דאָס וועט זיין אַ טרייסט פאַר אַלע פעלקער.

נאָר ניט אַלע האָבן דאָס שוין געפילט. די געדאַנקען פון די נביאים זיינען בלויז ג׳ווּנן, ווי קערנער, וואָס אויפגעגאַנגען זיי־נען זיי ערשט יאָרן שפּעטער.

די הערצער פון די פאַרטריבענע זיינען אָנגעפילט געווען מיט ביטערקייט און מיט שנאה. אויסגעלאָשן איז געווען די טרייסט; ביי די טייכן פון בבל זיינען די פאַריאָגטע געזעסן (דער שונא האָט זיי אהער פאַרטריבן), אָבער געבענקט האָבן זיי נאָך ציון. ניט געווען מער קיין פרייד און קיין געזאַנג אין זייערע הערצער און ווען די בבלים האָבן שפּאָטיש געבעטן זיי זינגען די לידער פון זייער היימישן לאַנד, האָבן זיי מיט שנאה געשוואוירן, קיינמאָל ניט צו זינגען די לידער פון ציון אין דער פרעמד און אַזוי האָט געקלונגען אַ פאָלקס־ליד ביי די פאַרטריבענע אידן:

„ווי קענען מיר זינגען די לידער פון יהוה אין אַ פרעמד

לאַנד? ווען איך וועל פאַרגעסן ירושלים, אַזוי זאָל אויך מיין רעכ־טע האַנט פאַרגעסן ווערן. זאָל מיין צונג צוגעקלעפּט ווערן צו מיין גומען, ווען איך וועל דיך ניט געדענקען, אָדער ווען ירושלים וועט ניט אויפגיין אין מיינע געדאַנקען איבער אַלע מיינע פרייד...״

נאָך די יאָרן זיינען אַוועק און דאָס פאָלק האָט זיך גענומען דערמאָנען די ווערטער פונם אַלטן ירמיהו, וואָס זיין געבויין האָט איצט געפּוילט אין לאַנד פון די פּרעהס: „בויט הייזער און וואוינט אין זיי, פלאַנצט גערטנער און עסט זייער פּרוכט... בעט פאַרן וואויל פון דער שטאָט, וואָרום אין איר שלום וועט זיין אויך צו אייך שלום״...

און אין בבל איז אויפגעשטאַנען אַ גרויסער נביא, ניט קיין מוסרער און ניט קיין שטראָפער; צו שווער געטראָפן איז געווען דאָס פאָלק עס זאָל באַדאַרפן מוסר; און ער האָט געטרייסט דאָס פאָלק און פאַרויסגעזאָגט אַ גיכע באַפרייאונג און אַ באַלדיקע דער־לייזונג.

„טרייסט, טרייסט מיין פאָלק, רעדט צו דעם האַרץ פון ירושלים, רופט צו איר, אַז איר באַשטימטע צייט איז דערפילט געוואָרן, אירע זינד זענען פאַרגעבן...״

„...דערוועק זיך, דערוועק זיך! קלייד דיך אָן מיט שטאַר־קייט, אָ ציון! קלייד דיך אָן מיט דיינע שיינע קליידער, ירושלים... בינד אויף די שטריק פון דיין האַלז, דו געפאַנגענע טאָכטער פון ציון!״...

נאָך די פרייד פון באַנייאונג וועט ישראל ניט פאַרהאַלטן פאַר זיך. ישראל וועט זיין אַ ליכט פאַר די פעלקער... דאָס באַ־שפּיגענע פאָלק וועט מער ניט זיין באַליידיקט און די פעלקער פון דער וועלט וועלן זיך וואונדערן און בעטן מחילה (מעכילע).

דער צוזאָג וואָס וועט ניט פאַרוועלקן

אין געפאַנגענשאַפט האָט ישראל געשפּונען חלומות פון דערלייזונג. פאַרטריבן פון דער היים, אין דעם וויטן בבל, האָבן אידן דערפילט דעם דראַנג צו בלייבן אַ לעבעדיק פאָלק, אַפילו אָן אַ לאַנד. ניט אונטערגיין, נאָר לעבן! און אין דעם זיינען זיי געווען די איינציקע צווישן די צעשטויבטע פעלקער, וואָס דער

שטאַרקער אָרעם פון בבל האָט אַרויסגעריסן און פאַרשליידערט אין דער פרעמד.

ווייט פון דער היים, האָבן די פעלקער געגומען פאַרוויאַניען און אונטערגיין (אויסמישן זיך אין דעם שמעלץ־טאָפּ פון דער אַלטער וועלט, דעם מיש־מאַש פון פעלקער, וואָס איז געווען אויפֿ־געזאַמלט אין בבל). ישראל איז געווען אַנדערש. עס איז געווען אַן אויסטערלישע פלאַנץ, וואָס האָט ניט געוואָלט פאַרוועלקן און אונטערגיין אַפילו אין דער פרעמד.

א דאַרער און פאַרהונגערטער זאָמען פון מדבר איז ער אויפגעגאַנגען אויף דער פעטער ערד פון כנען. ער איז געוואָרן אַ בוים מיט וואָרצלען און צווייגן און בלעטער. האָט אַ שטו־רעם אויסגעבראָכן און איז געקומען פון דער ווייט. ער האָט בייז געווילדעוועט און אָפּגעבראָכן אַ צווייג און פאַרטראָגן קיין בבל. און דער צווייג האָט זיך געוואַלגערט אויף דער פרעמדער ערד, און די ערד האָט אים צוגענומען און ער האָט געשלאָגן נייע וואָרצלען און ער האָט ווידער געגעבן בליאונג און פרוכט.

אַן אויסטערלישער צווייג איז געווען ישראל, ער האָט זיך געקענט נערן מיט די זאַפטן פון יעדער ערד, ווייל ער האָט ניט געוואָלט פאַרוועלקן אַפילו אויף פרעמדע פליינען און אונטער פרעמדע הימלען.

ווען שטאַרקע ביימער זיינען אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען, האָבן שטורעם־ווינטן צעטראָגן זיין זאָמען איבערן פנים פון דער ערד און וואו די וועלט האָט אַ ברעג און די פוס פון אַ מענטשן האָט געטראָטן, האָט ער געשלאָגן וואָרצלען און גע־וואָרן אַ בוים מיט בלעטער און צווייגן און געגעבן בליאונג און פרוכט.

נאכוואָרט

דאָס לערן־בוך „די ערשטע טויזנט יאָר״ איז דער ערשטער טייל פון דער סעריע: אידן אַמאָל און היינט. דער צווייטער טייל (פון גלות בבל ביז בר כוכבאס אויפשטאַנד) איז דערשינען מיט דריי יאָר צוריק אונטערן נאָמען „אידן אַמאָל״ אין פאַרלאַג פון נ. מייזעל, ניו־יאָרק. דער דריטער טייל „צע־זייט און צעשפּרייט״ ווערט צוגעגרייט צום דרוק.

דאָס בוך איז געשריבן לויט די היסטאָרישע מקורים און לויט די פאָר־שונגען פון די מאָדערנע ביבליסטן. די תנ״כישע טעקסטן, וואָס ווערן ציטירט, זיינען ס׳רוב אַרויסגענומען פון יהואשעס תנ״ך־איבערזעצונג. בדרך כלל האָב איך זיך געהאַלטן אָן דער פּראָגראַם פון די אַרבעטער־רינג־שולן אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. אין די פאַלן, וואו איך בין אָפּגעטראָטן פון דער פּראָגראַם, איז דאָס בלויז געווען, כדי אויפצוקלערן דייטלאַכער טענדענצן, סיטואַציעס און דערשיינונגען, וואָס זיינען אפשר פאַר דער אָנפאַנג־שול ניט נייטיק אָבער פאַר עלטערע קינדער זיינען זיי פון גאָר אַ גרויסן ווערט. אין שולן וואו מען קען זיך מער אָפּגעבן מיטן לימוד וועלן די צוגאָב־קאַפּיטלאַך אויפגענומען ווערן אָן קיינע שום שוועריקייטן, אין די איבעריקע שולן וועט דער לערער גאַנץ לייכט די קאַפּיטלאַך קענען אויסלאָזן, נאָכקוקנדיק די פּראָגראַם.

דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פונם בילדונגס־קאָמיטעט פונם אַרבעטער רינג. איך וויל באַדאַנקען די מיטגלידער פון בילדונגס־קאָמי־טעט, דעם פּאַרזיצער פּר׳ ב. געבינער און איבערהויפּט דעם בילדונגס־דירעקטאָר פּר׳ נ. כאַנין, וואָס האָט געגומען אַזאַ וואַרימען אינטערעס אין דער אונטער־נעמונג און איז מיר אויף פאַרשיידענערליי אופנים בייהילפיק געווען ביים אַרויסגעבן דאָס בוך.

אַ האַרציקן דאַנק קומט אויך די חברים לערער ז. יעפּרויקין, ת. בערנ־שטיין, י. הגלילי און ב. סיגלר וואָס האָבן געליינט דעם מאַנוסקריפּט און געמאַכט ווערטפולע באַמערקונגען. מיט זייערע עצות האָב איך זיך תמיד גע־רעכנט. דאָס בוך האָט אויך פיל געוואונען פון דעם, וואָס איך האָב געהאַט די מעגלאַכקייט, אַז די לעצטע קאָרעקטור זאָל קענען דורכגעקוקט ווערן פון ה׳ י. מאַרק. פאַר זיין הילף בין איך אים באמת דאַנקבאַר. פאַרשטייט זיך אַז די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר אַלע מעגלאַכע טעותן טראָג איך אַליין.

אַ פאַרקירצטע אויפלאַגע פונם לערן־בוך דערשיינט ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר די ציש״אָ־שולן אין פוילן. די קירצונגען זיינען געמאַכט געוואָרן פון דער ציש״אָ־אָנפירונג, די ח״ח מענדעלסאָן און קאַזשדאַן.

עס איז פאַר מיר אַ באַזונדערס גרויסע פרייד, אַז דאָס בוך וועט קענען אויסגעפּרואווט ווערן ניט בלויז אין די צוגאָב־שולן פון די פאַרייניקטע שטאַטן נאָר אויך אין די נאָרמאַלע שולן פון דער ציש״אָ אין פוילן, וואו אַלע לימודים ווערן געפירט אין דער אידישער שפּראַך און וואו עס איז ביי די קינדער ניטאָ די סתירה פון דער אידישער און דער פרעמדער שול.

לסוף וויל איך צוגעבן, אַז איך וועל זיין זייער דאַנקבאַר פאַר אַלע אָנווייזונגען און באַמערקונגען פון די קאָלעגן לערער. בריוו קענען געשיקט ווערן אויפן פאָלגנדיקן אַדרעס:

H. Bass c/o Workmens Circle, Educational Dept. 175 E. Broad-way, New-York.

ח. בעז

ניו יאָרק